אָט איז דער צענטער פון שטעטל, דער מאַרק, מיט די יידישע געוועלבן אַרום דריי פון זיינע זייטן און אויף דער פערטער — די גויעשע „טומאה״ מיט אירע קופּערנע קופּאָלן און גאָלדענע צלמ׳ס, וואָס רייסן זיך אין די הויכן.

אין מיטן מאַרק שטייט די בלוי־געפּאַרבטע, באַרוועסע „טוליע״, וואָס פאַרבייגייענדיקע ערלים נעמען אַראָפּ פאַר איר די היטלען, בוקן און צלם׳ען זיך

פאַר דעם ליימענעם „געטש" און יידישע יינגלעך מיט לאַנגע פאות, לאַנגע קאַפּאָטעס, טלית־קטנ׳ס און גארטלען און אין קליינע טוכענע היטעלעך, דרייען אַוועק די קעפּ, שפּייען־אויס און מורמלען אין דער שטיל דעם פּסוק „שקץ־תשקצנו".

ביי דער זייט פון דער „טומאה" ליגט דער וועג וואָס פירט באַרג־אַראָפּ גלייך צום וויעפּזש. דער טייך אין וועלכן קאָצקער יידן פלעגן אַלע ראש־השנה אַריינוואַרפן זייערע זינד.

פון דעם שטעטל ביז צום וויעפּזש איז געווען „פּאָלגמיך אַ גאַנג", פונדעסט־וועגן זענען קאָצקער יידן געגאַנגען אַגאַנצן זומער, חוץ אין די „דריי וואכן", אַלע פאַרנאַכט צום וויעפּזש זיך באָדן. יונגוואַרג האָבן זיך מיט פאַרגעניגן אַראָפּגעכאַפּט צום טייך אויך אין מיטן טאָג. זיי האָבן זיך דאָרט געלערנט שווימען, אַרומגעפּלוסקעוועט, אַרומגעשטיפט און געמאַכט אַ לעבן אין וואַסער.

טיילמאָל האָט זיך דעם וויעפּזש פאַרגלוסט אַ קרבן און קאָצק האָט געמוזט צושטעלן.

עס איז געווען ראש־חודש תמוז, אין האַלבן טאָג. די זון איז אַן אַרויס־געצויגענע פון איר פוטערפאַס, געשטאַנען אין מיטן הימל און געשיט מיט ווייס פייער. אַלט און יונג האָבן געפּראַכט אונטער דער שטאַרקער היץ און נישט געקאָנט זיך קיין אָרט געפונען. נאָר הינטערן שטעטל, ווייט נאָך דער קוזניע, איז דער וויעפּרזש זיך געלעגן שטיל ווי אַ כאמיקל און מיט זיין רויקייט און קילקייט האָט ער גערייצט און געצויגן צו זיך יונגע בלוטן פון נאָנט און ווייט.

האָבן בית־המדרש־בחורים, שווימערס, זיך אַוועקגעריסן פון זייערע גמרא׳ס, דערוואָקסענע חדר־יינגלעך האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון זייערע ענגע חדרים און מיט פאַרגעניגנדיקער הפקרות אַראָפּגעלאָזט זיך צום וויעפּרזש. אין וואַסער האָט די היץ קיין שליטה נישט געהאַט און ס׳האָט זיך גאָרנישט געגלוסט צו שיידן מיטן בלויען טייך.

דער פופצעניעריקער זישע איז שוין געהאַט אַריבערגעשווימען צען מאָל די ברייט פונעם וויעפּרזש אַהין און צוריק, ער האָט שוין גענומען זיך אָנטאָן צום גיין אַהיים, מיט אַמאָל איז אָנגעקומען אַ פרישע גרופּע שווימערס, זישעס חברים.

— וואָס איז, זישע? פאַרנעמסט זיך שוין צו גיין אַהיים? איצט, ווען די חמימה איז אין פולן ברען, גייסטו גאָר צוריק אין שטאָט אַריין? משוגע דאַרף מען זיין! קום נאָך שווימען אַ ביסל! שפּעטער, ווען ס׳וועט אָנהויבן ווערן קילער, וועלן מיר אַהיים גיין אַלע צוזאַמען.

לאַנג האָט זיך זישע נישט געלאָזט בעטן.

עס איז אַוועק אַ פריילעך געשטיפעריי פון מאַכן „בורקעס", לייגן „קלאַפּטער" און פון אונטערטובלען איינער דעם אַנדערן אין מיטן שווימען. אַלע מינוט איז אַן אַנדערער שווימענדיקער קאָפּ געוואָרן אַרונטערגעדריקט אונטערן

וואַסער און ווען ער איז צוריק אַרויפגעקומען, האָט ער אויסגעזען ווי אַן אָפּגעצוואָגענע קאַץ, וואָס עס האָט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיין פריילעך געלעכטער.

זישע איז אַפּנים געווען זייער מיד נאָך פון זיין פריערדיקן שווימען און אין אַ געוויסן מאָמענט איז זיין קאָפּ, נאָך אַן אונטערגעטובלט ווערן, צוריק אַרויפגעקומען אויפן וואַסער מיט אַ יאָמערלעכן רוף נאָך הילף.

— ראובן, ראַטעווע מיך!

ראובן איז געווען דער עלטסטער פון דער גרופּע און דער בעסטער שווימער פון זיי אַלע. דערהערט דעם רוף, האָבן אַלע געמיינט, אַז דאָס מאַכט זיך זישע אַזאַ הלצה. נאָר ווען איידער מ׳האָט זיך אומגעקוקט איז זישעס קאָפּ געווען צוריק אַראָפּגעזונקען אונטערן וואַסער, האָבן אַלע שוין געזען בפירוש, אַז דער בחור האַלט אויף אַן אמת ביי דערטרונקען ווערן.

אַן עכאָ פון זישעס שוידערלעכן רוף איז געבליבן הענגען אין דער לופט און געמאָנט גיכע הילף. אָבער ער האָט גלייכצייטיק אָנגעוואָרפן אויף אַלע וואָס האָבן זיך אין דעם מאָמענט געפונען אין וויעפּרזש, אַזאַ שרעקלעכן פחד, אַז זיי זענען אַלע געוואָרן אינגאַנצן מבולבל פון דעם אומגליק וואָס געשעט פאַר זייערע אויגן. די קעפּ האָבן זיך זיי פאַרדרייט און אָנשטאָט צו וואַרפן זיך ראַטעווען זייער טרינקענדיקן חבר, האָבן זיי צעמישטע, שנעל געכאַפּט אויף זיך די מלבושים און ווי שנעל די פיס האָבן געטראָגן זענען זיי געלאָפן אין שטאָט אַריין אַלאַרמירן הילף.

דערמיט האָט דער וויעפּרזש אין יענעם יאָר דערגרייכט זיין קרבן.

דעם רעשט זומער האָט אין קאָצק קיינער מער זיך שוין נישט געבאָדן אין וויעפּרזש. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען איינגעהילט אין אַ טיפן טרויער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז קאָצק וועט דעם וויעפּרזש שוין קיינמאָל דעם קרבן נישט פאַרגעבן.

נאָר די צייט לויפט. זי האָט קיין צייט נישט. זי לויפט ווי אַ טאַנק וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר שטאָק און פאַר שטיין. זי מאַכט פאַרגעסן אין אַלץ און אין דעם וואָס דער טויט נעמט אַוועק, אַוודאי און אַוודאי...

אין מאַרק, אין דער זעלבער זייט פון וועג וואָס פירט צום וויעפּרזש, איז געשטאַנען דאָס גרויסע הויז פון יהונתן אייבעשיץ. נחמיה מלמד, ביי וועמען יהונתנ׳ס זון האָט קינדווייז געלערנט, האָט געהאָט אַ חזקה, אַהערצושיקן פאַר פּסח זיינע תלמידים צום העלפן אויסלופטערן די ספרים. און דאָס איז פאַר יעדן תלמיד געווען נישט קיין קליינע זכיה!

איבערן גאַנצן ריזיקן הויף, אין סאַד, אין דער אַלטאַנע, אינווייניק און אויף איר דאַך אין דרויסן, האָט מען אויסגעלייגט יעדן אינדערפרי פאַר פּסח, שורות נאָך שורות מיט ספרים, גרויסע און קליינע. מ׳האָט זיי צעעפנט, אַז דער ווינט

זאָל זיי אַדורכבלעטערן איבערן טאָג־און פאַרנאַכט, מנחה־צייט, האָט מען זיי צוריק אַריינגענומען שוין אויסגעלופטערטע. — געמאַכט אָרט פאַר אַ פרישער פּאַרטיע אויף מאָרגן.

צוויי וואָכן גאַנצע האָט געדויערט די אַרבעט פון לופטערן: אַזוי פיל ספרים איז געווען. אַ גרויסע שטוב מיט שענק אויף אַלע פיר ווענט פון אויבן ביז אַראָפּ און אַלע אָנגעפּאַקט מיט ספרים, טייל אַפילו צו טאָפּלטע און צו דריי רייען.

האַרט נעבן יהונתן אייבעשיצ׳ס הויז, איז געשטאַנען דאָס הויז פון מענדל גאָלדשטיין. אַ ייד אַ וואַלד־סוחר, אַ געדער הסיד מיט אַ רונדיק בערדל פין טיי קאַליר. גאָלדשטיין איז זעלטן געווען אינדערהיים. שטענדיק אַרומגעפאָרן וועגן די געשעפטן, אָבער זיין הויז איז געווען פון די אָנגעזעענע אין שטעטל.

ווייטער אַוועק, אין דער זייט פון די געוועלבן פון ישראל מענדל, פון האנדלסמאן און פון אַנדערע, האָט זיך אויך געפונען דאָס געוועלב פון שרה די אלמנה. אַ קיילעכדיקע יידענע אין אַ פאַרשמאָלצטן ברייטן פאַרטוך און אַ טאָרבע אויף געלט אונטער דעם. אויף שרה׳ן האָט מען דערציילט, אַז נאָך איר מאַנ׳ס טויט, איז איר אַריינגעקומען אַ ברכה אין אַ פּאַס מיט הערינג. זי האָט פון דעם פּאַס געשעפט די געזאַלצענע סחורה אָן אַ שיעור און אָן אַ סוף און זי וואָלט זיכער נאָך געווען איר גאַנץ לעבן אַזוי געשעפט, ווען נישט די משוגענע טאַלצע מיט אירע שטעכעדיקע „שלעפּיעס״ (אויגן). טאַלצע איז איינמאָל אַריינגעקומען קויפן אַ שטיקל הערינג און זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון פאַרוואונדערונג: „דאַכט זיך, שרה, אַז דאָס איז נאָך ביי אייך דאָס זעלבע פעסל הערינג פון דאַמאָלט. ווען איך האָב ביי אייך געקויפט?״ און שרה האָט באַלד אויפן אָרט געזען, אַז די משוגענע האָט איר געגעבן „אַנעהאָרע״ (עין־הרע).

אויף דער דריטער זייט פונעם מאַרק, פונקט אַנטקעגן די הייזער פון יהונתן אייבעשיץ און פון מענדל גאָלדשטיין, נעבן יואל קרייצמאַנס שניט־געוועלב, איז געווען דאָס שניט־געוועלב פון רב יושה׳ן, געפירט דורך זיין פרוי און ביידע טעכטער. רב יושה אַליין, אַ ברייטער ייד מיט אַ ברייט פנים, ברייטע נאָז און ברייט צעעפנטע קלוגע אויגן, איז געווען אַ יושב־אוהל. אָנגעטאָן אין אַ געשטרייפטן זיידענעם שלאָפראָק, אין ווייסע, לאַנגע זאָקן מיט שוואַרצע לאַטשן, איז ער געזעסן אין אַ ברייטן רבנישן פאָטעל, געדרויכערט אַ לאַנגן לולקע־ציבעק און האָט מעיין געווען אין ספרים.

שטיל און באַשיידן איז רב יושה געזעסן אין זיין הויז און געפירט אַ מין רבנות בזעיר־אַנפּין, כאָטש ער איז פאַר קיין רבי נישט געקרוינט געוואָרן.

יעדן שבת פאַרנאַכט, צו בין השמשות, ווען די נשמה־יתרה צאַפּלט זיך שוין צום אַרויסגיין, זענען אַלע חשובע קאָצקער חסידים געקומען צו רב יושה׳ס טיש, פּראַווען שלוש־סעודות.

אויבנאָן ביים טיש איז רב יושה געזעסן אין זיין פּאָטעל און זיך געשאָקלט. זיינע פּאות האָבן זיך מיט אים מיטגעשאָקלט. פּיניע אברהמעלעס האָט געזונגען מיט גרויס דביקות „בני היכלא דכסיפין״, „אתקינו סעודתא״ אָדער סתם אַ דביקות־דיקן ניגון. דער גאַנצער עולם האָט מיטגעזונגען. די שטימונג איז געווען אַן אינטימע און אַ וואַרימע. פּלוצעם איז געוואָרן שטיל, — שאַ! רב יושה זאָגט אַ וואָרט תורה, די חסידים בויגן־אָן די קעפּ, שטרענגען־אָן די אויערן, נישט אַדורכצולאָזן קיין קלאַנג, — „רזי־דרזין״... נישט קיין געקרוינטער רבי, אָבער אַ פונק פון רבנות טליעט פאָרט.

אַפּ אין אַ זייט, אַוועק פונעם מאַרק און פון טומל, ציט זיך דעם רבינס גאַס און אויף איר — דעם רבינס הויף.

קיין רבי איז אין דעם הויף שוין נישטאָ. שטייט אַ גרויסער הויף פּאַריתומט, ווי אַן ארון־קודש פון וועלכן מ׳האָט אַרויסגענומען די ספרי־תורות. ליגט, דאַכט זיך, אַ גוף אָן אַ נשמה.

נאָר געוווּג, אַז די באַצייכנונג „דעם רבינס״ זאָל אָנגערופן ווערן אויף אַ זאַך, און דו זאָלסט באַלד קריגן דרך־ארץ, דיך זאָל אַרומנעמען אַ הייליקע פּאָרכטיקייט, אַ יראת־הכבוד. דו זאָלסט דערפילן די וואַרימע גוטיידישקייט און דאָס פייער פון חסידות, וואָס האָט אַמאָל דאָ געפלאַקערט.

אין דעם גרויסן, הילצערנעם פּאַרטער־הויז, וואָס האָט פאָרגעשטעלט דעם פּראָנט פונעם רבינס הויף, האָט זיך געפונען אין איין עק, דעם רבינס „שטיבל״ וואו קאָצקער חסידים האָבן געדאַוונט. דאָרט איז געווען גבאי ברוך־יענקל. אַ דאַרער ייד מיט אַ שפּיציקער נאָז, אַ קנאי און אַ קפדן, וועלכער וואַרפט אַרויס פון שטיבל פאַר טראָגן אַ געפּרעסטן קאָלנער ביים העמד, און דאָרט איז געווען בעל־תפילה דער גוטמוטיקער פּיניע אברהמעלעס, מיטן בלייכן איידעלן פּנים, וואָס איז פול מיט יראת־שמים און מיט זיין האַרציקער, גלעטענדיקער, זיסער שטימע.

אַז פּיניע אברהמעלעס האָט געדאַוונט פאַרן עמוד, האָט מען געפילט, אַז דאָס דאַווענען האָט אַ טעם, געפילט, אַז די תפילות גייען גלייך אַרויף צום הימל און דערגרייכן דעם כסא־הכבוד.

אין די ימים־נוראים, צום מוסף, ווען פּיניע אברהמעלעס, אין ווייסן קיטל מיטן טלית איבערן קאָפּ, האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן עמוד, אָנגענומען מיט ביידע הענט, און געשיקט פאַר זיך אַ שטיל געבעט צו גאָט, זיין איידעלער גוף

האָט זיך לייכט באַוועגט און זיינע ליפּן האָבן געפליסטערט שטיל אַ תפילה, ווי איינגערוימט דעם שעפער פון דער וועלט אַ סוד, — האָט אַ הייליקע פאַרכטיקייט אַנגעפילט אַלע הערצער און אַ ציטערניש, אַ פלאַטערניש האָט אַלעמען אַרומגענו־מען. אַפילו די ליכט־פייערלעך ביים עמוד האָבן אויך געברענט קלאָר און געהייליקט ווי זיי וואָלטן מיטגעבעטן מיטן שליח־ציבור. דער גאַנצער עולם אין די טליתים געהילט, איז געשטאַנען אָנגעשטרענגט און געוואַרט ווי אויף אַ צייכן פונעם צוג־פירער, אַז אָט גייט־אָפּ דער צוג. און ווען פּיניעלעס האַרציקער קול האָט אַדורכגעריסן די שטילקייט און געטאָן אַ זינג אַרויס

— הנני, העני ממעש! — — —

האָט זיך די גאַנצע עדה צעשאָקלט ווי בוימער אין וואַלד בעת אַ שטורעם, און מ׳האָט געפילט ווי די שערי־רחמים האָבן זיך שוין געעפנט.

ציטערנדיק, שמערצלעך בענקשאַפטלעך און נאָגנדיק הערט זיך פּיניעלעס שטימע.

„נרעש ונפחד, מפחד יושב תהילות ישראל״.

פּלוצעם ווערט זיין שטימע שוואַכער, קוים וואָס מען הערט. ער מורמעלט שטיל: „איך בין געקומען צו שטעלן זיך בעטן פאַר דיין פאָלק ישראל, די וואָס האָבן מיר אויסגעקליבן, כאָטש איך בין נישט ווערט און נישט ראוי צו דעם״, — אַלע אָטעמס האַלטן זיך איין, אַלע שטימעס רוקן זיך דרך־ארצ׳דיק אָפּ, מאַכן ווי אַ וואַרע פאַר פּיניעלעס שטימע, וועלכע איז געוואָרן שוואַכער נאָר אויף אַ וויילע, פּונקט ווי אַן אויפגעבראַזטע כוואַליע אין ים, וואָס ווערט צוריק אין ים פאַרשלונגען, נאָר באַלד קומט זי צוריק אַרויס פון אַ צווייטער זייט מיט נאָך מער שטאַרקייט.

„ש־ד־י! איום ונורא״.

אַלע פילן, אַז וואויל איז צו דעם ציבור, וואָס פּיניע אברהמעלעס איז זיין שליח, געבענטשט איז די עדה, וואָס פּיניעלע איז איר מליץ־יושר.

פון דעם רבינס „שטיבל״ פירט אַ זייטיקע טיר אין אַן אָפּגעשלאָסן צימער אַריין. אין דעם צימער האָט אַמאָל דער רבי רב מענדעלע ז״ל געפירט התבודדות. דאָרט אין אַן אַלמער ווערט אָפּגעהיט ווי אין אַ מוזעאום, ר׳ מענדעלעס ווייסער קיטל, זיין זיידענע זשופּעצע, זיין שטעקן און זיינע אַנדערע חפצים.

אין צווייטן עק פון דעם הויז, אין דער זייט וואָס גרענעצט זיך מיטן הויז פונעם רב פון שטאָט, טראָץ מענדעלעס איידעם אַן איידעם דאָך אַ גערער חסיד, געפינט זיך דעם רבינס בית־המדרש. דאָ איז דער גבאי ר׳ פּנחס איצלס. אַ פאַרברענטער קאָצקער חסיד, טראָגט אַ שטריימל יום־טוב אויך אין דערוואָכן, נאָר ער איז נישט אַזאַ קנאי ווי ברוך־יענקל. דאָ זיצן חסידישע בחורים אויף לאַנגע בענק, ביי לאַנגע טישן און לערנען ש״ס מיט פּוסקים, זענען וואַך משמרות אַלע מאָנטיק און

דאָנערשטיק, דרייען די פּאות, ציפּן די נאַר־וואָס אויסגעשפּראָצטע באָרד־הערלעך, חלומען וועגן היתר־הוראה אָדער שחיטה, און האָפּן אויף אַ גוטן שידוך מיט נדן און קעסט.

צווישן דיביידע אהלי־תורה, דעם רבינס בית־המדרש און דעם רבינס שטיבל, געפינט זיך אינווייניק, אין הויף, נאָך אַ זכר פון ר׳ מענדעלעס מקוה.

אַן אויסגעטריקנטער און מיט גרינעם מאָך באַוואָקסענער באַסיין, דער דאַך צעריסן, די ווענט האַלב איינגעשיט, זעט די חרובדיקע מקוה אויס, ווי אַ שטיק מפּולת אין אַ ווינקל פון אַן אַלטן שלאָס. (נאָר אַ סודותדיקע הייליקייט הילט איין דאָס אָרט אין זיך און מאַכט דאָס חשוב).

איינמאָל איז אויף קאָצק ראַפּטום געקומען אַ גרויסע אויפריכטונג. דאָס שטעטל איז מיט אַמאָל באַגליקט געוואָרן מיט אַ שאָסיי און אייגענעם פּאָסט־און־טעלעגראַף־אַמט. גייען גרויס און קליין הינטער דער שטאָט זען, ווי גוים גלייכן אויס די ערד, האַקן שטיינער און ברוקירן אַ נייעם וועג צו פאַרבינדן קאָצק מיט דער גרויסער וועלט. דער שווערער „קאַטאָק״ שלעפּט זיך פּאַמעלעך אַהין־און־צוריק, פּרעסט־איין מיט זיין געוויכטיק שווערן לייב דעם אַרויפגעשיטן „שאבאך״ (שטיינער אָפּפאַל) צווישן די גרויסע שטיינער און גלעטיקט־אָפּ אַ גלייכן שאָסיי — אַ פאַרגעניגן צו קוקן.

שיינע לבנה־נעכט ברענגען אויף דעם פאַרטיקן שאָסיי פאַרגנבעטע „פּאָרלעך״, וועלכע שפּאַצירן פריילעך, קנאַקן ביר־העקעלעך, שיילן באַניקערן, פירן ליבעס און זינגען אַזעלכע לידלעך, ווי:

„געדענקסטו, געדענקסטו פאַר דעם טויער,
ווען איך האָב דיר געזאָגט אַ סוד אין אויער״

נאָך דעם „פּראָגרעס״ מיטן שאָסיי, ווערט קאָצק אויך באַגליקט מיט אַ „פּראָגרעסיוון״ ערוב צו מעגן טראָגן אין שבת.

פאַרשלאָסענע קעסטלעך מיט ערוב־דראָטן ווערן צעהאָנגען אין אַלע עקן שטאָט און יידן פרייען זיך: איצט וועט מען וויסן פון אַן עונג שבת.

זענען אָבער אַרום קאָצק פאַראַן אויך גוים און צווישן זיי אַזעלכע, וואָס עס געפעלט זיי נישט די נייע יידישע „מאַכערייקע״, געפינט מען יעדן שבת אינדערפרי אַן אַנדער ערוב־קעסטל צעשטערט. דעם „מחבל״ איז שווער צו כאַפּן ביי דער האַנט, אָבער טראָגן אין שטאָט טאָר מען שוין ווייטער נישט, ווי פריער.

קאָצק האָט זיך געהאַט אירס אַ מאכל, — הירזש. פּונקט ווי די קינדער אין קאָצק מאַכן זיך זייערע איינציקע שפּילעכלעך: אַ דריידל אויף חנוכה, אַ גרעגער

אויף פורים און אַ פיילנבויגן אויף ל״ג־בעומר, מיט אייגענע הענט, אַזוי בויט קאַצק, פאַר איר געברויך, אַפילו די „יאגעלניקעס״ צום מאָלן די הירזש, אינגאַנצן אַליין.

פאַר באַטשע קאַשעמאַכערס הויז אין ווייניס און פאַר משה מעשאנזשניקס הויז אין דער יאַטקע גאַס, שטייען שטענדיק וועגענער און וועגעלעך געלאָדן מיט זעק גריקע און פּראָסע, וואָס פויערים פון די אַרומיקע דערפער ברענגען צום מאָלן.

אין אַלע נישט פאַרמעגלעכע שטובן אין קאַצק, איז הירזש איינס פון די הויפּט מאַכלים אַ גאַנצע וואָך. הירזש ווערט געקאָכט געדיכט אַזוי ווי קאַשע, דערנאָך ווערט דאָס אויסגעשפּרייט אויפן טעלער צום אויסקילן און צום עסן ווערט דאָס באַשמאָלצן מיט האָניק. קאַצקער קינדער האָבן דעריבער זייער ליב הירזש, ווייל ס׳איז דאָ פון וואָס זיך צו באַלעקן.

אויך פון קאַשע האָבן קאַצקער קינדער הנאה. אָבער דאָס איז נישט מער ווי איין מאָל אין יאָר, — שבת־שירה, ווען די מאַמעס גיבן די קינדער קאַשע צום שיטן פאַר די פייגעלעך.

אָט איז דאָס קאַצקער „חדר״, וואו יידישע קינדער לערנען תורה און פאַרברענגען זייערע יונגע יאָרן. די איינע שטוב, וואָס דינט דעם מלמד סיי צום וואוינען און סיי צום פירן אין איר דאָס מלמדות.

אָט זענען די קאַצקער מלמדים. די דרדקי, מיט די טייטלעך און קאַנטשיקעס און מיט פאַרדרייטע היטלען.

אָט איז דער חומש־מלמד אלתר כהן. אַ דאַרער ייד מיט ביייניקע הענט, וואָס שם׳ען איבערן גאַנצן שטעטל פאַר „גאָלדענע״ הענט און זיי זענען טאַקע גאָלדענע.

בעתן לערנען, ווען אלתרס קאָפּ איז פאַרנומען מיט רוחניות, מיט פאַר־טייטשן די קינדער אַ פּסוק אין חומש, זענען זיינע גאָלדענע הענט באַשעפטיקט מיט פּראַקטישע זאַכן.

אלתרס הענט צעשפּאַלטן קונציק יעדעס שוועבעלע, פאַר זיין שטובס געברויך און מאַכן פון דעם צוויי, כדי נישט צו זיין קיין „עובר בל תשחית״. אָנצוצינדן אַ גאַנצן שוועבעלע מיט אַמאָל, ווען מען קען פון דעם מאַכן צוויי., איז אַן עבירה פאַר גאָט, זאָגט אלתר.

אויף אלתר׳ס גאָלדענע הענט וואַרט יעדן טאָג די אַרבעט פון ריינמאַכן דאָס לעמפּל. זיין ווייב קען דאָס נישט טאָן. מדאַרף אָפּגלייכן דעם קנייט, ער זאָל נישט האָבן קיין שפּיצן, אויסרייניקן דעם ברענער, ער זאָל נישט קאָפּטשען און אויספּוצן דאָס גלעזל, עס זאָל שפּיגלען. קיינער קען די אַרבעט נישט מאַכן אַזוי גוט ווי אלתר.

אָבער דער עיקר אַרבעט אלתר׳ס בעתן לערנען מיט די קינדער, איז:

מיט זיין פענמעסערל אויסצושניידן פון פּאַפּיר שפּיצן און פּאָרהענגלעך, וואָס זעען אויס ווי פון טייערן גיפּיור און וואָס דינען צום באַפּוצן די שענקלעך און פּאָלקעס אין שטוב. און ועל־כולם „רייזעלעך" צום אויפקלעפּן אויף די שויבן ווען ס׳קומט דער יום־טוב שבועות. אויף דעם איז אלתר מלמד אַ מומחה איינער אין דער וועלט.

אין די פענצטער פון כמעט אַלע הייזער אין קאָצק, ווערן אויף שבועות די שויבן באַצירט מיט „רייזעלעך". נאָר די רייזעלעך פון אלתר מלמד זענען נישט קיין פשוטע. זיי זענען קונסט־אַרבעט.

ווען עס קומט דער שיינער יום־טוב שבועות, גייט גאַנץ קאָצק צו אלתר כהנס פענצטער זען ווי אברהם ברענגט יצחקן אויף דער עקדה, ווי משה גיט די יידן די תורה פון באַרג סיני, יעקב׳ס חלום מיט דעם לייטער, וואָס גרייכט צום הימל און מלאכים גייען אויף אים אַרויף און אַראָפּ, ווי משה שפּאַלט מיט דעם שטעקן דעם ים, און די יידן גייען אים אַדורך ווי אויף אַ טרוקעניש, און נאָך אַ סך וואונדערלעכע בילדער פון חומש.

און אָט איז דער גמרא מלמד, מעכל מאיר דעם חזנס, מיט די לאַנגע געדיכטע ברעמען, וואָס שפּריצן מיט בייזקייט און מיט דעם קאָלטנדיקן רונדיקן בערדל, וואָס איז תמיד אָפּגעשיט מיט טאַבאַק.

זיין בן־יחידל, אפרימקע, דערגייט מעכלען די יאָרן מיט זיינע ווילדע „שפּיצלעך", למשל: ער נעמט דאָס איבערבלייבעכץ פון די געהאַקטע פיש, וואָס ער קאָן שוין נישט אויפעסן און שמירט מיט דעם אויס די שויבן, כדי די מאַמע זאָל האָבן וואָס צו טון. ער באַהאַלט דעם ב״ח אויפן פּיעקעליק, אַז דער טאַטע זאָל זיך אויסדרייען דעם קאָפּ, די יאַרמולקע זאָל אים אפשר צען מאָל אַראָפּפאַלן און ער זאָל דעם ספר בשום אופן נישט קענען געפינען. אָדער ער לקחנט גאָר אַרויס פון דער פּראַמוגע דאָס טעפּעלע מיט סמעטענע, וואָס איז באַשטימט פאַר זיינטוועגן און ער טראָגט דאָס אונטער דער קאַץ. די מוטער האָט זיך אָפּגעשפּאָרט פונעם מויל אויף צו קענען קויפן פאַר דעם איינציקן זון אַ ביסל סמעטענע — און דער זון האָט גאָר הנאה צו קוקן ווי די קאַץ באַלעקט זיך: זאָל זי איין מאָל אויך וויסן פון אַ לעבן.

מעכלען וואָלטן די אַלע קונצן פון זיין „תכשיט" אַזוי פיל נישט אויפגערעגט, ווען ער ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ שאַרפן מוח דער „קדיש" זיינער האָט צום לערנען און וואָס פאַר אַן עילוי ער וואַקסט.

אָט איז יהושע סעראַקאַמלער, גדליהו דעם גרימפּלערס זון, מיטן איינגעבוי־גענעם ווייז־פינגער, וואָס ער האָט זיך געמאַכט צום פריזיוו און מיט דעם שטענדיק

אויפגעפראַלטן אָרט, וואָס דאַרף צומיינסטן זיין פאַרקנעפּלט. אַ יונגערמאַן אַ למדן, אַ געראַער חסיד. נאָכדעם ווי זיין שווער, דער סעראַקאַמלער גביר האָט אים אָפּגע־זאָגט פון די קעסט, קומט ער קיין קאָצק און דאָ אין גערער שטיבל, אָרדנט ער איין אַ „שיעור" אין גמרא פאַר עטלעכע יינגלעך פון פאַרמעגלעכע עלטערן.

אָט איז משה שוחט, אַ בלאַסער ייד מיט אַ שיטער בערדל. אַ הויכער און אַ דאַרער. ער ליידט אויף סוכאָטע, הוסט, שפּייט מיט בלוט און גיסט אַריין אין זיך מילך גאַנצע קוואָרטן. די שחיטה אַליין גיט אים נישט גענוג אויף פרנסה, קנעלט ער צו מיט צוויי־דריי בעסערע יינגלעך, איז מרביץ אין זיי תורה. אַז אַ יידענע קומט אַריין אין מיטן לערנען, משה שוחט זאָל איר שעכטן אַ הינדל, רעדט משה נישט קיין וואָרט, לייגט אַוועק די רויטע פאַטשיילע אויף דער אָפענער גמרא, נעמט שוואַכערהייט און הוסטנדיק פון דער יידענע דעם עוף, גייט אַרויס מיט דעם אין פאָדוירל און דאָרטן גיט ער אַ פאַרייס דעם צאַפּלדיקן הינדל דאָס קעפּל, פליקט אויס עטלעכע פעדערלעך, גיט אַ מאַך מיט דעם חלפל — כיק... און ווי קיינמאָל גאָרנישט נעמט ער זיך צוריק צו דער גמרא.

אָט איז ז'ער לערער מענדל לעקיש מיט דעם שוואַרצן בערדל, שוואַרצע געדרייטע וואָנסעלעך און גאָלדענעברילן. ער שמ'ט מיט זיין קענען בלאַשטיינס בריוונשטעלער אויף אויסנווייניק פון עק ביז עק, מיט זיין געטאָקטער האַנטשריפט אַזוי ווי געדרוקט, מיט זיין שרייבן די שענסטע „פאַרגריסלעך" צו ועמען מען וויל און וואָס מען וויל, מיט זיין שרייבן פּראָשעניעס צום סאָנד און אויך מיט זיין דינען פאַר אַ יאָר־עדות אין אַ סך פּראָצעסן צווישן יידן מיט קריסטן. אָבער תמיד נאָר אויף דער זייט פונעם ייד. קיינמאָל חלילה נישט פאַרקערט. געוועז אַ פאַל, אַ גוי האָט אים פאַרגעלייגט אַ זשמעניע מיט געלט, האָט ער געזאָגט — ניין. מענדל לעקיש וועט זיין „בכורה" נישט פאַרקויפן פאַר קיין טאָפּ לינזן.

אָט איז דוד שמש, וועלכער איז אויך דער קברן פונעם שטעטל. אַ קליין יידעלע, אַ מאָגערס, הויט און ביין. מיט אַ שפּיציק שיטער בערדעלע, אין אַ טוכן היטל מיט אַ ברייטער דענקע און מיט שיך און זאָקן אויף זיינע דינע הערשן פיס.

נישט איין מאָל קאָן מען זען דוד שמש אַדורכלויפן ווי אַ ווינט די גאַס, טראָגנדיק אונטערן אָרעם אַ געוויקלטן „קוילעטש" און מען ווייסט שוין, אַז דאָס טראָגט ער אַ יונג „עופעלע", וואָס האָט נעבעך פרי אָפּגעגעבן די אומשולדיקע, ריינע נשמה צו גאָט און דאָס ארימע גופל איבערגעלאָזט, דוד שמש זאָל דאָס ברענגען צו קבר־ישראל.

יעדן באַגינען, ווי נאָר עס נעמט בלאָען אויף טאָג, גייט דוד שמש שוין איבער די גאַסן פון שטעטל און מיט זיין האַלב־שטעקעלע ווי אַ העמערל קלאַפט ער אין די לאָדנס פון אַלע יידישע הייזער און וועקט יידן צו השכמה. דריי קלעפ טוט דוד שמש אין יעדן לאָדן. און טאָמער חלילה טוט ער נאָר צוויי, איז דאָס אַ סימן, אַז אין שטאָט איז די נאַכט עמעצער ר״ל געשטאָרבן — און מען מעג זיך שוין גרייטן צו אַ לוויה.

פרייטיק פאַרנאַכט, די ווייבער באַווייזן קוים אַוועקצוטראָגן די פאַרקלעבטע דיניצעס מיט די טשאָלנטער צו טבל בעקער מיט די קרומע פיס, וועלכער יאָגט שוין פון מיטאָג צייט אָן צו פאַרמאַכן דעם אויוון, דערהערט זיך דוד שמשס קלאַפּן מיט זיין האַמער־שטעקעלע, אַ דערמאָנונג די יידישע טעכטער, אַז די צייט פון ליכט־צינדן איז געקומען.

שבת אינדערפרי קומט דוד שמש, אָן אויסגעפּוצטער אין דער שבתדיקער טונקל־גרינער, פון אַלטקייט געל געוואָרענער, סערזשענער געהאַקטער קאַפּאָטע, אין סאַמעטענעם היטל, מיט נאָך פּיטש־נאַסע פּאות, גלייך פון דער מקווה. ער שטעלט זיך אַוועק אין מיטן גאַס, הויבט אויף דעם קאָפּ צום הימל, שפּאַרט אונטער מיט דער האַנט דאָס אויער און מיט זיין הייזעריקער שטימע רופט ער הויך:

„אין שיל, אַ—ריין!״

„אין שיל, — (אינמיטן באַגריסט ער איין פאַרבייגייענדיקן בעל־הבית און אַ צווייטן) — גוט־שבת, רב משה, גוט־יאָר, רב זאנוועלע — אַ־ריין!״

אָט איז ווייט אונטער דער שטאָט אויך דאָס קאַצקער יידישער בית־עולם, וואוהין מענער, פרויען און דערוואקסענע קינדער גייען אין תשעה־באב בעטן אויף די קברים, און אויפן וועג וואַרפט מען זיך איינער דעם אַנדערן שטעכעלקעס, וואָס פּלאָנטערן זיך אַריין אין באָרד און פּאות.

אויפן בית־עולם זענען מערסטנטייל הילצערנע מצבות און אַ געמויערט אוהל. וואָס אינווייניק געפינען זיך דריי קברים פון דעם שטעטלס צדיקים. אין אוהל ברענט אַ נר־תמיד און אונטער זיין שיין שטייען אָנגעלענט אין דער וואַנט אַנטקעגן דער טיר, דריי מאַרמאָרנע מצבות. אַ מצבה און אַ מצבה און דער אויס־געקריצטער נאָמען פון איר צדיק אויף איר, מיט אַ צוגאָב פון שבחים און תהילות פון אויבן ביז אַראָפּ. די איבעריקע ווענט זענען באַהאָנגען מיט געדרוקטע תפילות צום זאָגן אויף די קברים. די קברים אַליין זענען אַרומגעצוימט מיט שטאַכעטלעך. גאַנץ פאַרברענטע, האַלב פאַרברענטע און נאָך גאָר פרישע פּאַפּירלעך זענען אָנגעוואָרפן אויף די קברים ווי „שמות״ אויפן שול בוידעם, גאַנצע הויפנס. דאָס זענען „קוויטלעך״ פון פרומע קבר־אבות־גייערס אין חודש אלול, דערלאַנגט

צו די גוטע־יידן, וואָס זייערע נשמות רוען אין גן־עדן, אַז זיי זאָלן זיך באַמיען פאַר פּלוני בן פלוני, ער זאָל האָבן אַלדאָס־גוטס געפּועלט.

זומערצייט באַווייזט זיך אַמאָל אויף די קאַצקער גאַסן אַ פרעמדער ייד מיט אַ וואָגן. דער ייד קויפט שמאַטעס. פאַר אַ פּאַק שמאַטעס גיט ער אַן ערדערן פייפערל, אַ צינערן הענדל און אַנדערע שפּילצייג. רייסן קאַצקער קינדער שטיקער פון זייערע מאַמעס, — שמאַטעס ווילן זיי. כאַטש רייס אַראָפּ פון זיך דאָס פאַרטוך, אַבי זיי זאָלן קריגן אַ פייפערל.

זומער דערשיינען גויים מיט העק אויף די קאַצקער גאַסן. דאָס זענען שטענדיקע האָלץ־העקערס, געזונטע ערלים אין גרויסע שטרויענע קאַפּעלושן אויף די קעפּ און גראָבע היימיש־לייוונטענע העמדער איבער די גראָב־לייוונטענע הויזן. זיי פאַרדינגען זיך צו יידישע באַלעבאַטים, באַלעבאָסטעס אויף אָנצוהאַקן ביי זיי האָלץ אויפן ווינטער אַרויס.

עס קומען אויך גויים דראַטעווערס, וואָס נעמען צו פאַרדראָטעווען צע־בראָכענע טעלער, שיסל און טעפּ, — מאַכן פון אַלטע שערבלעך נייע כלים מיט דראָטענע שאַטקעס אַרומגענומען.

ווינטער, אין די שבת אינדערפריען, קומען אויף די יידישע גאַסן אין קאַצק גויים און גויעס. דער שניי סקריפּעט אונטער די פיס. טיר און פענצטער זענען פאַרקאָוועט מיט אייז, און די ערלים דרייען זיך אַרום אין דער קעלט, קוקן־אויס מען זאָל זיי אַריינרופן אין אַ יידישער שטוב איינצוהייצן דאָרט דעם אויוון און צו קריגן דערפאַר אַ פּענעץ שבתדיקע חלה, אַמאָל אויך אַ שנעפּסל צום דערוואַ־רימען, אָדער גאָר אַ שטיקל שבתדיקע פיש, וואָס צעגייט אין מויל.


***

וויפל צענטליקער יאָרן זענען שוין פון יענער צייט אַריבער, ווי ווייט זענען מיר שוין פון יענעם לעבן און דאָך, וואָס פאַראַ ווארימקייט פילט זיך אין האַרצן, ווען מען דערמאָנט זיך אין די אַלע בילדער מיט זייער ליכט און שאָטן. דאָס זענען שטיקער פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט, פון אונדזער אייגן לעבן, פון לעבן פון אונדזערע עלטערן און אורעלטערן, וואָס אַפילו זייערע קברים זענען היינט שוין אינגאַנצן אָפּגעמעקט.

יעקב בלוטמאן (אַרגענטינע)

וואס געווען...

(אַ בינטל זכרונות)



...די געשעענישן אין יאָר 1905, וואָס האָבן צערודערט די גרויסע צאַרישע אימפּעריע, האָבן אויך געפונען דאָן אַן אָפּקלאַנג אין דעם קליינעם שטעטל קאָצק. ווי געוווינלעך איז דאָס שטעטל געווען צעטיילט אין 2 מחנות: פון איין זייט די בעלי־בתים, אייגנטימער פון געוועלבן, תבואה סוחרים, לומדים און סתם שיינע יידן — פון דער צווייטער זייט בעלי־מלאָכות (שוסטערס, שניידערס, סטאָליאַרעס א.אַז.וו.) וועלכע האָבן מערסטנטייל געוואוינט אין די זייטיקע געסלעך, און ביים דאַוונען אין בית־מדרש געזעסן היני־טער דער בימה... פאַרשטייט זיך אַז די בעלי־בתים האָבן זיך באַצויגן מיט ביטול צו די „עמי הארצים" (כ'הייסט צום אָרעמערן קלאַס), וועלכע האָבן קיין שום דעה נישט געהאַט אין לעבן פון דער קהילה. די ברויזנדע תקופה האָט ארויסגעבראַכט צום שיין די דאָזיקע צונטאַגאָניזמען אין שטעטל.

אינטערעסאַנט, אַז וואָס נוגע פרומקייט, איז נישט געווען קיין אונטערשייד צווישן דעם בעל־מלאכה און בן־תורה. פאַרקערט, געווען בעלי־מלאכות וואָס האָבן איבערגעשטיגן די לומדים אין פרומקייט (ווי ישראל יוסף דער שניידער, שיע פסח דער שוסטער און אַנדערע). אַפילו דער אַזוי געװרופענער „קלאַסן־קאַמף" האָט זיך אָפּגעשפּילט אין בית־מדרש... די הויפּטשרייערס לייזער צאַלקע, איטשע פסח'ס פלעגן דאָ אויפהייבן די שטים פון אונצופרידנהייט קעגן די בעלי־בתים, די איינציקע דעה־זאָגערס. לייזער צאַלקע איז געווען אַזוי עקסטרעם אין זיין סאָציאַלן פּאַטאָס אין פּראָטעסט, אַז ווען מען האָט אים געפרעגט:

— לייזער, וואָס אייגנטלעך ווילסטו?

האָט ער געענטפערט:

— וואָס דו ווילסט וויל איך נישט...

**
*


נאַכער האָבן שוין אָנגעהייבן בלאָזן נייע ווינטן אין קאָצק. דער עקאָנאָמישער מצב האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט און יונגע בחורים און מיידלעך פלעגן פאָרן זוכן פּרנסה אין וואַרשע. אויף יום־טובים קומט מען צוריק פון דער גרויסער שטאָט, מען ברענגט מיט זיך אַ רעוואָלוציאָנערן ליד, אַ נייעם געדאַנק... מען דערציילט וועגן טעאַטער, קולטור. עפּעס לאָקט און ציט דרויסן: צו דער גרויסער פרייער וועלט. פאַרביי דער יום־טוב, צעפאָרט זיך די חברה — אָבער אַ קערנדל ווערט פאַרזייט, מיט דער צייט וועט עס אויפבליען...

נישט נאָך די אַרבעטער־יוגנט, נאָר אַפילו בעלי־בתי׳שע קינדער, יונגע לייט „אויף קעסט" ווערן פאַרכאַפּט מיט די נייע אידייען און שטרעמונגען. אונטער דער גמרא פאַרבעהאַלט מען שוין ספרים חיצונים און מען גנבֿ׳עט דאָרט אַ בליק. געדענק איך אַ פּרוּוו נאָך פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה צו שפּילן אַ פּיעסע אין פּורים מיט די טראַדיציאָנעלע מגילה העלדן... עס שאַפט זיך אַ דראַמאַטישע טרופּע!

די ערשטע ביבליאָטעק אין קאָצק

פּרוּוון צו באַקומען אַ בוך צום לעזן (אויסער ש"ס און פּוסקים און דאָס גלייכן) זענען געמאַכט געוואָרן נאָך אין 1910. דער קוואַל איז געווען ראַדזין, פון וואַנען מען האָט צוגעשטעלט ביכער פאַר אַ גרופּע קאָצקער בחורים (אבוש ראָזענבערג, גרשון בראָנשטיין, איטשע מאַנטשאַרזש א. אַ.). דער „שליח מצוה" איז געווען משה יהודה דער בעל־עגלה. עס איז נישט געווען אַזוי לייכט דאַן צו באַקומען אַ בוך — דאָך האָט זיך דער לייענער קרייז שטאַרק פאַרגרעסערט. מיט דער צייט ווערט דער טויש מיט ראַדזין אונבאַקוועם. אין יאָר 1912 עפנט מען אַ קליין ביבליאָטעקל, נישט ווייט פון בית־מדרש, ביי אַ קריסט מיט׳ן נאָמען בענעדיקט (קיין ייד וואָלט דאַן נישט פאַרדונגען אַ צימער צו דעם צוועק). מען פלעגט גיין אין ביבליאָטעק מיט זייטיקע וועגן, דורך דער מיל און פעלדער, כדי מען זאָל די „פּושעים" נישט באַמערקן פון בית־מדרש. די פרומע האָבן געקוקט אויף דער ביבליאָטעק ווייער קרום — האָט אָבער דער גוי געהאַט צוויי הינט ווי די לייבן און אַליין אויך נישט געווען קיין מפּיל־קינד — און קיינער האָט נישט געוואַגט אָנרירן די ביכער...

די טעטיקייט פון דער ביבליאָטעק האָט געליטן זייט דער אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה אין 1914. מיט דער דייטשער אָקופּאַציע האָט זיך פול־שטענדיק געענדערט דאָס שטעטלשע לעבן. אוגנט ווערט אַ כּוח; דאָס געזעלשאַפט־לעך־קולטורעלע לעבן צעוואַקסט זיך אין דער טיף און דער ברייט; נייע מענטשן,



קבוצת עסקנים בקוצק — אַ גרופּע עסקנים אין קאָצק

נייע אָנשויאונגען, נייע באַגריפן. די ביבליאָטעק ווערט דאַן איבערגעפירט פון בענענדיקטס דירה אין אַ ספּעציעלן לאָקאַל ביי קראַסוצקען אויף די גערקער גאַס און ווערט פאַרגרעסערט און באַרייכערט.

די ביבליאָטעק האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער קאָצקער יוגנט, וועלכע האָט נאָך דאַן נישט פאַרמאָגט קיין אויסגעקריסטאַליזירטע וועלט־אָנשויאונג — עס האָבן נאָך דאַן אין שטעטל נישט עקזיסטירט קיין פּאַרטייען. עס האָט זיך דעריבער אַנטוויקלט אַ זייער צעצווייגטער קולטור און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אַרום דער ביבליאָטעק.

די תרבות שולע

די דייטשע אָקופּאַציע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט געבראַכט מיט זיך הונגער און פאַרשידענע קרענק — אָבער אויך נייע שטרעמונגען אין די יידישע געסלעך. אין קאָצק עפנט זיך איבער אַ נייעס די ביבליאָטעק, אַרום וועלכע עס קאָנצענטרירן זיך פאַרשידענע קולטורעלע קרייזלעך. צווישן אַנדערע שאַפט זיך אַ קרייז פון „חובבי שפת עבר", צו וועלכן עס געהערן יעקב הערץ, לייזער סעמיאַטיצקי, אבוש ראָזנבערג, גרשון בראָנשטיין א.אַ. עס ווערט אַפילו געמאַכט דאָ אַ פּרווו צו עפענען אַ שולע ביי לייזער סעמיאַטיצקי אין שטוב מיט אייגענע לערערס. די שולע האָט אָבער קיין לאַנגן קיום נישט געהאַט, און אין 1919 ווערט זי פאַרוואַנדלט אין אַ תרבות־שולע מיט פּראָפעסיאָנעלע לערער. די



בית ספר „תרבות" בקוצק — תרבות שולע אין קאָצק

תרבות־שולע איז געווען נישט בלויז אַ שולע; זי האָט געדינט אויך אַלס אַ ציוניסטישער־געזעלשאַפטלעכער צענטער, וואו עס פלעגן פאָרקומען רעפעראַטן און דיסקוסיעס איבער אַקטועלע פּאָליטישע טעמעס. צווישן די רעדנער האָבן זיך אויסגעצייכנט אברהם טשאַרנע מיט זיין קלינגענדיקער שטים און באַלערט־זאַמקייט, יעקב הערץ, איינער פון די איבערגעגעבנסטע טוער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין קאָצק. דער לערער גאָטבעטער האָט געהאַט

אַ גרויסע השפּעה מיט זיינע אינטערעסאַנטע שמועסן אויף די בית־מדרש בחורים, פון וועלכע עס האָבן זיך שפּעטער אויסגעבילדעט אַ גאַנצע רייע געזעלשאַפטלעכע טוער.

די קאָצקער ישיבה

אין זיין בוך „בצל הדורות" שילדערט נחתומי ווי אַ רוסישער סאָלדאַט דערשיינט פּלוצעם אין קאָצק מיט אַ מאַפּע אין האַנט, און צוגייענדיק צו מעכעלע דעם רויטן און אַנדערע יידן אין מאַרק באַווייזט ער זיי וואו קאָצק געפינט זיך אויף דער מאַפּע... שטייען קאָצקער יידן און גאַפן: „אויך מיר אַ מאַפּע צום טיש, נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, גרויס ווי אַ פלוי און גיי גלויב אַז דאָס איז קאָצק".

אין אָט די באַגרענעצטע באַגריפן פון קאָצקער יידן קומט פאַר אַן איבער־קערעניש נאָך פאַר דער מלחמה. צו דעם האָבן צוגעהאָלפן עטלעכע פאַקטאָרן. ערשטנס די גרויסע ישיבה, וואָס האָט זיך געעפנט אין 1913 און אַריינ־געבראַכט אין קאָצק אַ שטראָם פון יונגעלייט פון אַ גאַנץ ריי שטעט און שטעטלעך. אמת מען לערנט גמרא און „שלחן־ערוך" — אָבער דערביי פאַרבאַהאַלט מען אויך פּרץ סמאָלענסקינ׳ס „התועה בדרכי החיים". מען רעדט שוין פון חיבת ציון און... פון סאָציאַלן יושר. די אידייען רופן אַרויס אַן אויפברויז ביי דער שטעטלשער יוגנט. באַלד ברעכט אויס די ערשטע וועלט מלחמה און צו דעם אַלעם נעמט אַן ענדע.

צוויי קרייזלעך (אויפן נאָמען פון ש. אנסקי און ראָזע לוקסעמבורג)

פּוילן ווערט אומאָפּהיינגיק. זשעראמסקי׳ס חלום וועגן די גלעזערנע הייזער איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. עס קומט אויס שווער צו האָרעווען כדי צו פאַר־דינען דאָס שטיקל ברויט. עס בלאָזן אין שטעטל נייע ווינטן, מען שמועסט וועגן אָרים און רייך, קלאַסן־קאַמף, נויט און דחקות. איך געדענק ווי מיין רבי (יעקב יצחק) פלעגט דערקלערן די סיבות פון אָרים און רייך אין אונזער געזעלשאַפט־לעכער אָרדנונג: יעקב אבינו — פלעגט ער זאָגן — האָט פאַרן שטאַרבן צעטיילט זיין פאַרמעגן צו אַלע זיינע קינדער אין גלייכע חלקים. איי, מיר זעען דאָך היינט אָרימע און רייכע? — איז דער תירוץ: שריפות און גניבות...

די אינטערפּרעטאַציע באַפרידיקט שוין נישט מער די אויפגעברויזטע יוגנט. עס שאַפן זיך דאַן אין קאָצק צוויי קרייזלעך: ש. אנסקיס קרייז — אין וועלכן עס קאָנצענטרירן זיך בעיקר בעל־הבתי׳שע קינדער (דער פירער שיע זילבערשטיין איז שפּעטער אָפּגעפאָרן קיין סאָוויעט רוסלאַנד). באַזאָרגטע מיט פרנסה פאַרנעמען זיי זיך מיט נשמה יתירה, ליטעראַטור און ראָמאַנטיק... דער צווייטער קרייז —

אויפן נאָמען פון ראָזע לוקסעמבורג — איז זיך עוסק מיט מער רעאַלע און וואָכעדיקע ענינים. דאָ שמועסט מען וועגן אַרבעטסלוין און קאַפּיטאַל, און מען שטודירט מאַרקסיזם.

ביידע קרייזלעך דינען אַלס קערן פאַר דעם „קולטור פאַריין”, וועלכער שאַפט זיך דאַן און קאָנצענטרירט אַרום זיך די גאַנצע שטעטלשע יוגנט אָן אונטערשיד פון שאַטירונגען. מען דינגט אַ רחבות׳דיקע דירה (ביי יאסקע דובטשעס), מען אָרגאַניזירט ווידער די ביבליאָטעק, מען אָרדנט איין פאָרלעזונגען מיט „קעסטל־אָוונטן” און די קולטור טעטיקייט צעבליט זיך.

אָט פון דעם „קולטור פאַריין” זענען זיך שפּעטער צעוואַקסן די פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס אין קאָצק, צו וועלכע עס האָט זיך אָנגעשלאָסן כמעט די גאַנצע יוגנט, לויט זייערע פאַרשידענע פּאָליטישע אנשויאונגען.

פּאַרטייען, קולטור קרייזן, אַמאַטאָרן פאָרשטעלונגען

ביז 1917 האָט נישט עקזיסטירט אין קאָצק, לויט ווי מיינע זכרונות דערגרייכן, אַן אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. פון צייט צו צייט פלעגן פּאָרקומען ספּאָראַדישע קולטורעלע פאַראַנשטאַלטונגען, וועלכע האָבן געטראָגן נאָר אַ פראַגמענטאַרישן כאַראַקטער.

ערשט אין יאָר 1917, מיט גרויסן אָפּקלאַנג צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע, הויבט זיך אָן אַ שטאַרקע אַקטיוויטעט אין דעם געזעלשאַפטלעך־פּאַרטייאיש־קולטורעלן לעבן פון קאָצק. אַמערסטן, פאַרשטייט זיך, אין די ציוניסטישע רייען און דאַן אויך אין די איבעריקע אָרגאַניזאַציעס. אַזוי, ווערט דאַן געגרינדעט די תרבות־שולע, מען עפנט איבעראַנייעס די ביבליאָטעק און אַ לעזע־זאַל, וואו עס איז פאַראַן אויך אַ גרויסער זאַל פאַר פאַרזאַמלונגען, פאַרווייילונגען, טענץ א. אַז. וו.

שפּעטער שאַפט זיך אַן אַמאַטאָרן גרופּע (צווישן וועלכע עס געפינען זיך די זיגעלמאַנס, מאָנטשאַזרזשעס א.אַ.), וועלכע שטעלט אויף פּיעסן ווי „חאַשע די יתומה”, „די שחיטה”, „געלט, ליבע און שאַנדע” א. אַ. איך געדענק עד היום גרשון בראָנשטיינען אין דער ראָל פון אַלטן ר׳ טודרוס, יונה זיגעלמאַנען און דעם יונגיטשקן אברהם בעריש ראזענבלום (אין דער ראָל פון שלום שדכן). געוויינלעך האָבן די הכנות צו דער פאָרשטעלונג, דאָס לייענען די פּיעסע, די דיסקוסיעס פאַראינטערעסירט נישט בלויז די אָנטיילנעמער, נאָר כמעט די גאַנצע יוגנט פון שטעטל. דאָס טעאַטער־שפּיל האָט אויף אַזאַ אופן געדינט אַלס אַן אָנרעגונג צו קולטור טעטיקייט בכלל. דער דערפאָלג פון דער פאָרשטעלונג האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויפן קולטורעלן, מאָראַלישן און גייסטיקן לעבן אין שטעטל. חסידים, רבנים און דער עלטערער דור האָבן טאַקי געקריצט מיט די

ציין, אָבער ביי דער יוגנט זענען די פאַרשטעלונגען געווען מאָמענטן פון יום־טוב, וואָס האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויף מאַנאַטן און יאָרן...

אַט געדענק איך דאָס אויפפירן פון דער פּיעסע „געלט, ליבע און שאַנדע״. דער פראַכטפולער זאַל פון מאַגיסטראַט אויפן ערשטן שטאָק (און שוין נישט ווי געוויינלעך אין דער פייערלעשער שאָפּע) איז איבערפולט; נישטאָ אַפילו וואו צו שטיין. די „אַרטיסטן״ ווערן אויפגענומען מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. פון דער סצענע לאָזט מען זיך אין גאַס און מען קאָמענטירט לעבהאַפט די אויפפירונג אין אַ לאַנגן שפּאַציר ביז פרימאָרגן... ווער האָט געפילט דאַן מידקייט נאָך אַזאַ געשעעניש?

מען באַגנוגנט זיך נישט בלויז מיט טעאַטער — מען פאַרמעסט זיך אויף אַ שיינעם כ אָ ר, וועלכער פירט אויס געלונגענע געזאַנג־קאָנצערטן (פון די אָנטייל־נעמער געדענק איך: יעקב מאנטשארזש, אברהם בעריש ראזענבלום, מענדל ריטנער, לייבל שטשעטשיניארזש, מאטל סעמיאַטיצקי, ריווע ראטבוים, דבורה ליבפריינד, פרימעט זאַקאַליק, פייגעלע זאַלצמאַן א.אַ.).

צוזאַמען מיט דער פאַרצווייגטער קולטור טעטיקייט הויבט זיך אָן אין יענע יאָרן אַ פּראָצעס פון דיפערענציאַציע ביי דער יוגנט. עס בילדן זיך ריכטונגען, שאַטירונגען, פּאַרטייען.

מיט דער באַלפור דעקלאַראַציע צעוואַקסט זיך שטאַרק די ציוניסטישע באַוועגונג (אַקטיווע טוער: יעקב הערץ, גרשון בראנשטיין, אבוש ראזענבערג, איטשע מאָנטשאַרזש, שיע ערליך, יאַנקל ליבפריינד א.אַ.), און אירע אַלע פּאַרטייען ווי די אַ ל ג ע מ י י נ ע צ י ו נ י ס ט ן (לייזער סעמיאַטיצקי, משה זאנשיין, בטע בוימפעלד א.אַ.) און ל י נ ק ע פ ו ע ל י ־ צ י ו ן (חיים ברוך וואַרשניטע, משה׳לע פּאַפּיערניק א. אַ.).

אין „קולטור פאַריין״ וואָס האָט אַמאָל פאַרייניקט די גאַנצע יוגנט פון קאָצק, אַנטשטייען איצט צוויי גרופּירונגען: פון איין זייט ה ת א ח ד ו ת און פון דער צווייטער די לינקע פועלי־ציון. די אַרבעטער יוגנט עפנט אַן אייגענעם לאָקאַל, וואו עס קאָנצענטרירן זיך די קאָצקער אַרבייטער. צו יענער צייט זענען נאָך די אַרבייטער אין קאָצק נישט געווען אָרגאַניזירט; דער אַרבייטסטאָג פון זון־אויפגאַנג ביז שקיעה. דער רייפערער טייל פון די אַרבייטער הויבט זיך אָן אָרגאַניזירן, פאָדערן אַ העכערן לוין, אַן 8־שעה׳דיקן אַרבייטס־טאָג. דאַן שאַפט זיך דער „פּ ר אָ פ ע ס י אָ נ ע ל ע ר פ אַ ר י י ן״ אונטער דער השפעה פון „בונד״ (אַקטיווע טוער: יעקב לייזער קליינמאַן, חאצקל שטערן, נחמיה רעזניקאַוויטש, שמואל קליינמאַן א. אַ.). עס ווערט אויך דאַן געעפנט אַן אַרבייטער ביבליאָטעק, ביי וועלכע עס ווערט געפירט אַ קולטור טעטיקייט צווישן די אַרבייטער. ביסלעכווייז

פאַרלירט אָבער דער „בונד" די השפּעה אויפן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין — די איבער־האַנט נעמען איבער די „רויטע".

די „התאחדות"־פּאַרטיי — אַ גרופּירונג וועלכע האָט זיך אויסגעשיילט פון „קולטור־פאַריין" — קען נישט אויסהאַלטן אַליין די דירה און גייט איבער צו יוסף משה יונה׳ס. איר דינאַמישער פּאָרזיצער יוסף פרידמאַן (מיט דער הילף פון סעקרעטאַר, דער שרייבער פון די שורות) ווערבירן מיטגלידער און פירן אָן אַ פאַצווייגטע טעטיקייט, דאָך האָט די פּאַרטיי קיין לאַנגן קיום נישט — זי ווערט פאַרוואַנדלט אין דער אָרגאַניזאַציע „ה ש ו מ ר ־ ה צ ע י ר". אַ גרויסער טייל פון דער נאַציאָנאַלער יוגנט אין קאָצק שליסט זיך אָן צום „השומר הצעיר" און ער צעוואַקסט זיך שטאַרק אונטער דער אָנפירונג פון יעקב מאַנטשאַרזש (געהאָלפן פיל צו דער אַנטוויקלונג פון „השומר הצעיר" האָט די שכנות׳דיקע אָרגאַניזאַציע פון ראַדזין, וואו עס זענען געווען טעטיק דוד ראָזענבוים, יצחק זיגלמאַן, חיים שלימאַק א. אַ.). דער „השומר הצעיר" איז אַנטשטאַנען אין אָנפאַנג אַלס אַ נאַציאָ־נאַלער ספּאָרט־פאַריין, אָבער מיט דער צייט הויבט ער אָן פירן אויך אַ קולטור־ליטעראַרישע טעטיקייט. די שמועסן איבער ארץ־ישראל, די „מדורות", די „מושבות קיץ", עונג־שבת, דער דראַמאַטישער קרייז, קאָנצערטן — ברייינגען אַריין אַ נייעם פאַרב און ניואַנס אין לעבן פון דער קאָצקער יוגנט. די אָרגאַניזאַציע שטאַרקט זיך און ציט צו נייע כוחות ווי יושע שולשטיין, משה בליטמאַן, מתתיהו גראַסמאַן, חנה מאַנטשזאַרזש, יאַכעט (יוכבד) גזשיוואַטש, חנה בליטמאַן א. אַ.

ביי מיין באַזוך אין קאָצק אין יאָר 1933, האָב איך נאָך געטראָפן אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע „השומר הצעיר", וואָס האָט געציילט אַ פּאָר הונדערט מיטגלידער (יחיאל ראָזענבלאַט און משה סמאָליאַר אין דער שפּיץ) און געפירט זייער אַ לעבהאַפטע טעטיקייט.

צו יענער צייט, האָט אויך עקזיסטירט די פּאַרטיי „ה מ ז ר ח י" מיט אברהם מאַדאַנעס, לייבל גאָלדמאַן, גדליה גראָסמאַן א.אַ.; די ר ע וו י ז י א נ י ס־ט י ש ע פּאַרטיי מיט שמחה קרייצמאַן אין דער שפּיץ. אין שטעטל האָט זיך געפילט אַ קאָנקורענץ צווישן די פּאַרטייען, יעדע פון זיי האָט זיך פאַרמאָסטן איבערשטייגן קולטורעל די אַנדערע. ס׳ווערן איינגעאָרדנט ליטעראַרישע משפּטים. געדענק איך נאָך עד היום אַזאַ מין „משפּט" איבער שלום אַש. דער זאַל פול אָנגעפּראָפּט; קיינער איז נישט מיד פון אויסהערן דעם לאַנגן באַשולדיקונגס־אַקט, די עדות, פאַרטיידיקער און עקספּערטן...

די פּוילישע מאַכט אָרגאַנען האָבן זיך באַמיט צו שטערן יעדע קולטורעלע טעטיקייט— און דאָך האָט אַלץ געבליט. עס האָט אַפילו עקזיסטירט אַ שטאַרקע קאָמוניסטישע באַוועגונג, ווי צו להכעיס די מאַכט, וואָס האָט זיך מיט זיי קיין עצה נישט געקענט געבן...

**
*

אַזוי האָט עס אויסגעזען ביז מיין פאַרלאָזן פוילן אין סוף 1935; אַזוי איז עס געווען, נאָך מיט מער לעבנסלוסט, ביז 1939, ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט מלחמה.

אַ פולבלוטיק יידיש און מענטשלעך לעבן האָט געפולסירט דינאַמיש און פריידיק — ביז דער שונא פון יידישן פאָלק האָט אַלץ חרוב געמאַכט.

זכור את אשר עשה לך עמלק!

אַ באַזוך אין קאָצק (1933—1935)

ווי אַ געוועזענער תושב, וואָס איז אין יענע יאָרן אַריינגעפאַלן אין קאָצק אַלס גאַסט, באַמערק איך צוערשט: פאַרשוואונדן כמעט דער שטריימל, וואָס חסידים אין קאָצק האָבן געטראָגן ביז דער ערשטער וועלט מלחמה מיט גאווה און אינערלעכער זיכערקייט! עפּעס אַ ספק האָט זיך פאַרגנבעט ביים סאָלידן, זיכערן, פול באַלאָדענעם מיט תלמוד און זוהר, קאָצקער חסיד...

און אָט אַן אילוסטראַציע: שטעלט זיך פאָר ווען אין אָנפאַנג פון אונזער יאָרהונדערט וואָלט דוד שמערלס אָפּגערופן נח־מאירן אין אַ ווינקל און געשעפּטשעט שטיל, קיינער זאָל חלילה נישט הערן:

— מען זאָגט... אַז דיין בכור יאנקל, רחמנא לצלן, שרייבט אום שבת...

וואָלט נח־מאיר געוויס אים געכאַפּט ביי די לאַצן מיט כעס:

— ווי וואַגסטו, דוד — אויסטראַכטן אַזאַ זאַך אויף אַ ייד... אום שבת?...

היינט ווען דער זעלבער יאנקל טרעט אויף אין דער עפנטלעכקייט מיט רעפעראַטן איבער סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען — שטעלט אויף דער טאַטע (נח־מאיר) מויל און אויערן, נישט צו פאַרלירן, חלילה, אַ וואָרט, כאָטש נישט אַלץ פאַרשטייט ער...

אַן אַנדער צייט! ווען הרשל דער מורא־הוראה טרעפט יאנקלען אין גאַס בגילוי־ראש, שטעלט ער אים אָפּ מיט אַ ברייטן שלום־עליכם, פאַרבעט אים גאָר צו זיך אין שטוב. אמת, ביי די אָפענע גמרות בעט ער אים אָנטאָן אויף אַ וויל דאָס היטל... דער מרא דאתרא האָט תרעומת: נישט בלויז דער סדר העולם געפעלט אים נישט — דער סדר השמים איז אויך קאַליע געוואָרן... ער מישט אויף דעם רמב״ם אַלס אַ תנא דמסייעא, און זאָגט עפּעס גאָר געוואַגטע געדאַנקען... אַפילו צדוק מארכעווקע, פאַר וועלכן דער שאַרפער חסיד יאנקל שמואל דוד׳ס איז נישט געווען כשר — פּרוּווט אויך אָנקניפּן באַציאונגען מיט יאנקלען...

קאָצק איז געוואָרן אַ שטאָט פון אָרעמעלייט; נויט און דחקות זענען געוואָרן אָפּטע איינגייער אין די יידישע הייזער. איז אַ וואונדער, וואָס דאָס תרעומת וואַקסט אַפילו ביי פרומע חסידים? געווען אַמאָל אַ איוב־פּראָבלעם: צדיק ורע לו, רשע

וטוב לו — היינט איז דעם רשע אויך נישט בעסער... דער לאָזונג „סוואַי דאָ סוועגאַ", די עקאָנאָמישע דעפּרעסיע, דער וואַקסענדער אַנטי־סעמיטיזם — דאָס אַלץ איבט אויס אַ געוואַלדיקן איינדרוק אויפן גייסטיקן צושטאַנד. חסידים, לומדים, וועלכע האָבן פאַרצייטנס געקוקט אין הימל אַריין און געוואַרט פון דאָרט ישועות און נחמות — לאָזן איצט אַראָפּ זייער בליק צו דעם רעאַל ערדישן, און דאַן טרעפן זיי זיך מיט אחים לצרה, מיט אַרבייטסלאָזע קינדער, אייגן בלוט און פלייש. עס ווערן פאַרווישט די אנטאגאניזמען צווישן די דורות.

זוכט מען אַן אויסוועג. אַפילו יוסטע בעלי־בתים, פאַר וועלכע דער דורות־איינגעשטעלטער לעבנס־שטייגער זעט אויס צו זיין פעסט עד סוף כל הדורות — אַפילו זיי זענען צעפרידן, ווען זייערע קינדער שליסן זיך אָן אין אַ ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע: אפשר וועלן זיי מיט דער צייט זוכה זיין צו אַ סערטיפיקאַט... די בייקשאַפט קיין ציון, משיח׳ס צייטן — ווערט אַ רעאַלער באַדערפעניש. די קרן־קיימת פושקע קאָנקורירט שטאַרק מיט ר׳ מאיר בעל הנס...

***

אַ גרויסע אַרבייטער יוגנט אין קאָצק, מיט פאַרשידענע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. דער עלטערער דור קוקט שוין נישט אויף זיי ווי אויף לאָבוזעס, וואָס רייסן זיך איין מיט מלכות, היינגען רויטע פענדלעך אויף טעלעפאָן־סלופּעס און גייען אין תפיסה. אדרבא, מען האָט פאַר זיי דרך־ארץ: מענטשן מיט אַ טיפן אידעאַל, גרייט אויף קרבנות. אָפט טרעפט זיך אַז אַ חסידישער יינגערמאַן וואַרפט זיך אַריבער גלייך פון דער גמרא — אין די רייען פון דער אַרבייטער באַוועגונג. אַזוי האָב איך געטראָפן אין וואַרשע (1933) דעם באַרימטן אַרבייטער פירער, מאיר קאָצקער (אבערקלייד), און זיך דערוואוסט מיט דערשטוינען, אַז ער איז נישט קיין אַנדערער ווי מאיר יאַנקל יצחק הערש׳ס זון, דער בעל־תפילה און בעל קורא אין מאַרקעשעווער שטיבל... מאיר האָט מיט זיינע חברים געלערנט „משמרות" אין גערער שטיבל ביים באַרימטן למדן אברהם ליטוואַק, שפּעטערדיקער רב און מזרחי פירער אין בריסק.

ווען איך האָב פאַרלאָזט ווידער קאָצק אין 1935, נעם איך מיט אַ בילד פון שטאַרקער עקאָנאָמישער נויט — אָבער אויך פון אַ גייסטיקן רענעסאַנס, אַ רייכקייט וואָס קען גענוגענען פאַר דורות גאַנצע. געדענק זיך נאָך דאָס ערשטע בריוועלע פון די דאַמאָלס נאָך קליינע מלכה׳לע זיגעלמאַן, אַן אויסדרוק פון בענקשאַפט נישט פון אַ יחיד, נאָר פון דער גאַנצער יוגנט צו דעם וואָס האָט צוגעלייגט זיין צושטייער כדי צו פאַרשענערן און דערהויבן דעם גייסט ביי די יוגנטלעכע; די טרער וואָס יאַנקעלע ניסנבוים האָט געלאָזט אין זיין „למה עזבתנו" — באַגלייטן מיר אַ שיינע פאָר יאָר...

די קמיע וואָס ליגט טיף נישט אין תפילין של ראש — נאָר טאַקע אין ראש אַליין; פייערדיקע אותיות פון אַלטן קאָצקער איבערגעזעצט אויף מאָדערנע באַגריפן פון אמת און גערעכטיקייט — דינען נאָך עד היום אַלס אַן עמוד האש, ביי וועלכע עס וואַרמט זיך דער, וואָס זיין נאָמען איז

יעקב בן נח (בלומאן)

יעקב הריץ (תל־אביב)

שבת און וואך אין קאצק

וואו הייזלעך וואָס ווערן פון שווערע דעכער געדריקט, פענצטער וועלכע קוקן מיט יראת שמים אין געסלעך אַריין, מיידלעך וואָס בליקן מיט צוויקנדע הערצער פון הינטער שפיצן־פאַרהיינגלעך אַרויס, ייִנגלעך מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן שוועבן מיט גמרא׳ס די געסלעך פאַרביי; וואו יידן באַלאַסטעט פון טלית און תפילין מיט כוונה דאַוונען גייען; וואו וועלדער, ווי פרומע, זיך באַוועגן, שאַרכן מיט צווייגן אַ תפילה אויס, און ווערן פון די שכינה באַהויכט בעת זייער סודות׳דיקן שווייגן; אַ טייך וואָס זיינע כוואַליעס שעפּטשען געבעטן אויס, און צערטלען די לאַנקעס וואו עס פּאַשען בהמות, שעפּסן, גענז און מידע פערד —.

דאָ איז קאָצק באַהאַלטן.

אַ שטעטל וואָס וויס נישט פיל פון דער צווייטער זייט וואַלד און טייך, איז אָפּגעגרענעצט כמעט פון וועלט געטומל; דאָ צווישן וואַלד און טייך לעבן דורות אויף דורות אַ פרישות׳דיק לעבן, נישט וועלנדיק וויסן פון גאָר דער גרויסער וועלט. גייען דאָ יידן פון עול געבויגן, איז עס מער פון עול מלכות שמים. קליינע מענטשן, גרויסע, גאָר גרויסע יידן. ווען ס׳טאַנצן מיט גבורה יום־טוב׳דיקע יידן און דאָס פּנים מיט התלהבות פלאַמט, קוקן די אויגן פיינלעך פאַרחלומט — „ווי לשכינתא בגלותא״, אַפילו ווען האַנט אויף אַקסל איז לייכט צו טאַנצן. דאָ שוועבן מענטשן ווי שאָטן די געסלעך פאַרביי און ווערן פון אַ דעמפּיקער וואַרעמקייט אין בית־מדרש אַרומגענומען, און די תהילים קלאַנגען אין פרימאָרגן פאַרן דאַוונען מיט דעם גמרא ניגון פון די שטיבל ייִנגלעך גיסן זיך צוזאַמען און און פייניקן אומבאַוואוסט און וועקן פאַרלאַנגען צו שטייגן העכער, דאָרט אין די עולמות העליונים... וואו מ׳לעבט נאָר אין אמונה.

דאָ איז דאגת פרנסה נישט דער עיקר, כאָטש זי איז נישט פאַרהאַן בשפע, זאָגט מען נאָך צו קעסט אַ איידעם, און מ׳לעבט צוזאַמען כמעט אָן דאגות, אָן גרויסע פאַרלאַנגען, ביז מען מאַכט אַ קרעמל. דאָס יונגע ווייבל קוקט נאָך איר מאַן

מיט צניעות ווען ער גייט אין שטיבל פרימאָרגן, און זי טראַכט מיט פחד קעגן אַ עין־הרע. אויפגעררימט די שטוב, מאַכט זי אויף דאָס קרעמל און וואַרט מיט ליבע סבלנות ביז דער יונגערמאַן קומט העלפן אַ ביסל אין אַ מאַרק־טאָג.

צו פרנסה אין וואָכן טעג, העלפן אַ טייל מיט גיין אין דאָרף, אַ טייל מיט טאָפּן זעקלעך אויף דעם וואָגן פון גויים וואָס ברענגען אין מאַרק תבואה, קאַרטאָפל, עופות און קעלבלעך, וואָס קאָנען די וועלט נישט מער ווי אַ וואָך; אַ טייל פאָרן איינקויפן אַ ביסל סחורה פאַר דעם קרעמל אין דער האַלב ליטווישער



השוק בקוצק — דער מאַרק אין קאָצק

שמאָט מעזריטש אָדער אין וואַרשע. צום פאָרן גרייט מען זיך מיט קירצן די פיאות ביז די אויערן, צ״ען שטרוי פון בעט צו מאַכן אַ נייעם וויעחעטש אין די שטיוול, און באָרגן אין וועג אַריין אַ בורקע ביי אידע דעם וואַלד סוחר. צום פאָרן אָנגעטאָן די וואַטאָווע שטעפּענט וועסט, און אויף דעם די שוואַרץ געהאַקטע קאַפּאָטע, דעם סוברינענעם מאַנטל, צום כוף די בורקע וועלכע איז שווער אַרויף. מיט טלית און תפילין אין האַנט איז מען אין באַגלייטונג פון ווייב און קינד אַוועק צו דער פאָסט וואו עס שטייט שוין גרייט דער וואָגן מיט שטרוי־געזעסן. עס איז אָבער גאָרנישט לייכט, אַזוי אָנגעפּעלצט אַרויפקריכן אויפן וואָגן... אברהמלע דער בעל־עגלה מוז צוהעלפן און אַ ביסל אונטערשטופן דעם פּאַסאַזשיר... מען פאַלט דאַן

אַריין גלייך מיטן פנים אין שטרוי, נישקשה, מיט סבלנות רייניקט מען אויס די באָרד פון שטרוי, און מיט דרך־ארץ פּאָרט מען אָפּ קיין וואַרשע אָדער אין די האַלב ליטווישע שטאָט מעזריטש.

פרייטיק, צוריקקומענדיק, איז דאָס שטעטל שוין פון מלאכי שרת באַפליגלט. די געציילטע גויים ווערן ווי מיט אַ געהיימער האַנט פון מאַרק אַרויסגעפירט און פאַרשווינדן נישט באַמערקטערהייט — נעלם געוואָרן; ווייבער אין האַלב אָפענע טירן וואַרטן אויף שבתי שמש שול קלאַפּן, און ווי אַ אשת חיל גרייטן זיך צו ליכט בענטשן אין לייכטער וואָס די טאָכטער האָט לכבוד שבת מיט זאַמד אָפּגע־ריבן. די שטוב אויפגערוימט, ווייס דער טיש געדעקט — אַלץ שמעקט מיט שבת.

ריחות פון שבת׳דיק עסן רייסן זיך אין גאַס אַריין מיט יעדער טיר אויפמאַכן.

אין בית־מדרש גייען גאָר אַנדערע מענטשן, נישט די מידקייט, נישט די בלאַסקייט פון וואָכן טעג. פלאַמענדע שבת פּנימער זענען מקבל שבת.

מיט גדלות פון נשמה יתירה גייען די אַטלאַס־שטריימלעך־יידן פון שטיבלעך צוריק פון קבלת שבת, און פאַרשווינדן אין די הייזלעך פון שבת־ליכט און וואַרעמקייט...

***

שבת פרי אַ ליבע רואיקייט באַהערשט דאָס שטעטל, מיידלעך שבת׳דיק אויפגעקעמטע, בליקן דורך די פענצטער ווען די מוטער גייט אין ווייבער־שול, רויטלען זיך פאַרשעמט ווען די בליקן דורך די פענצטער טרעפן זיך צוזאַמען מיט אויפגעהויבענע אויגן פון אַ שטיבל יינגל. אין קאָצקער הויף, פאַרן דאַוונען, שפּאַצירן יונגע לייט פאַרטיפט אין געדאַנקען, ווערן בלאַס פון מחשבות זרות (דורך די פענצטער ר״ל... ווער ווייס?), דאָס האַרץ צוויקט און פייניקט...

אברהמעלע בעל־עגלה מיט פאַרלייגטע הענט, מיט אַ פּנים פול צופרידנקייט פירט די פערד צום מאַרק ברונען. די פערד, שבת אויסגערוטע, גייען מיט אַראָפּגע־לאָזטע קעפּ און חלומען פון לאַנגן וואָגן דעם שווערן וואָס זיי האַלטן אין איין שלעפּן. איין פערד דערפילט זיך פּלוצעם פריי פון יאָך, צעלויפט זיך מיט אַ הירזשערייַ איבערן ליידיקן מאַרק און מיט די הינטערשטע פיס שפּרינגט ער דעם צווייטן פערד גלייך אין פּנים אַריין ווי ער וואָלט אים געוועקט פון שלאָף. דער צווייטער פערד נעמט זיך נישט אי׳בער, הויבט אויף פויל דעם קאָפּ און רוימט דעם שפּרינגער אין אויער איין — ס׳איז שוין נישט איין שבת געוועזן, ער גייט פאַרביי און דו בלייבסט פערד! דאָס ווירקט; דער האָפּערדיקער פערד לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און פאַמעלעך קערט ער זיך אום אין שטאַל אַריין.


דער שבת איז פאַרביי. נאָך הבדלה — ווידער די פיינלעכע וואָכעדיקייט. ווידער ציען זיך מענטשן צום געשפּאַנטן וואָגן פון אברהמעלע בעל־עגלה...

אַזוי האָט מען געלעבט דורות לאַנג. שוואַכע מענטשן, שטאַרקע יידן.

מאָטל סעמיאַטיצקי (קאַנאַדע)

מיין שטעטל קאָצק

1



איך בין געבוירן געוואָרן אין קאָצק אין יאָר 1906. די ערשטע בילדער פון מיינע קינדער יאָרן שווימען אויף פאַר מיר נאָר פון מיין פינפטן אָדער זעקסטן לעבנסיאָר, און זענען פאַרבונדן מיט וואַ־רעמע שיינע זומער טעג. ווייזט אויס אַז אין די קאַלטע ווינטער טעג פלעגט מען מיך גאַנץ זעלטן אַרויסלאָזן פון שטוב.

העלע, גאָלדענע זומער טעג! דער ברייטער מאַרק ליגט מיט זוניק ליכט באַגאָסן, רואיק און שלעפעריק. שטיל, מען הערט קוים דאָס זשומען פון אַ פליג. די געוועלבן מיט די אָפענע טירן קוקן אַרויס ווי ליידיקע טונקעלע בעשאָטענטע אויגן. נאָר פון אייניקע הערט זיך אַ גערויש: אין יוסף מאיר חזנ׳ס אייזן געוועלב זיצט אין פראָנט רחלע די חזנ׳טע און עטלעכע שכנות אַרום איר, און זענען שטאַרק פאַרטאָן אין אַ לאַנגן שמועס, וואָס האָט נישט קיין ענדע. אין אַנדערן עק מאַרק, ביי ישראל מענדלס קאָלאָניאַל־געוועלב, וועלכער איז שטענדיק פאַרלייגט מיט קאַסטנס, זיצן טרעגערס און געניצן הויך אויפן קול, און פרווון אויס טומלענדיק פון צייט צו צייט זייערע כוחות... אין מיטן מאַרק — 2 הילצערנע בודקעס, אין וועלכע בערישל און יאַנקל מארכעווקע פאַרקויפן סאָדע־וואַסער פון רוישענדע סיפאָנען.

אויפן וועג אין חדר, אין ראָג פון מאַרק, ביים אַריינגאַנג אין ביאַלאָבזשעגער גאַס (לעצטנס בערקא יאסעלעוויטשא), גיי איך פאַרביי טישלעך פאַרלייגט מיט געבעקס. זשומענדיקע שוואַרצע פליגן באַדעקן די צוקער בעשמירטע קיכעלעך, און שטערן די יידענעס כאַפּן אַ געשמאַקן דרימל. אויף דער יאַטקע גאַס — שטעלן מיט אויבס פוןביידע זייטן גאַס. דאָ איז שוין אַ ביסל טומלדיק — פון צייט צו צייט באַווייזט זיך אַ קונה אויף די עפּלעך, באַרנעס און ווענגערקעס. און באַלד דרימלט ווידער דער מאַרק. אָבער אָט גנב׳עט זיך צו שטילערהייט אַ שטעטלדיקע קאָזע צו אַ שטעל און פּרוווט פאַרזוכן אַ פּרוכט — עס ווערט אַ גערויש, אַ געפילדער.

די באַטשאַנעס, מאַלע פּייגע מיט די טעכטער און מיר חדר־ייִנגלעך לאָזן זיך העגדום־פּעגדום לויפֿן נאָך דער קאָזע... און באַלד בין איך שוין אין אַ קליין געסעלע ביי מיין רבי׳ן איטשע מאיר.

2

מיין ערשטער רבי, איטשע מאיר, אַ נידעריקער און דיקער, הינקט אויף אַ פוס און איז זייער אַ פריילעכער. זיין ווייב, אַ ביסל שיקלדיק אויף איין אויג, פלעגט אַלע יאָר אים בעשיינקען מיט אַ מיידעלע, און דער רבי האָט דווקא געוואָרט אויף אַ קדיש, אַ בן זכר... דאָס האָט אָבער נישט געשטערט זיין פריילאַכקייט. צייטנווייז פלעגט ער ווערן זייער לוסטיק און האַלטנדיק די האַנט אונטערן אויער פלעגט ער זינגען זיינס אַ באַליבט לידל:

דער רביניו האָט מיך געהייסן, געהייסן
ניסעלאַך אָפּרייסן, ניסעלאַך אָפּרייסן,
הויך זענען די בוימעלאַך,
קליין זענען די יידעלאַך,
קענען נישט דערגרייכן,
קענען נישט דערגרייכן.

מיר קינדער אין חדר פלעגן מיטזינגען דאָס לידעלע, און שטאַרק ליב געהאַט דאַן אונזער רבין. איטשע מאיר דער מלמד פלעגט אונז אויך פירן לייענען קריאת שמע ביי אַ קינפעטאָרן. ער פלעגט דאָרט פאַרזאָגן דעם גוט איינגעשטור־דירטן „מלאך הגואל״ און מיר ננך אים — און דאַן פלעגט אונזער אויסגעשריי „אַ גוטע נאַכט דעם קליינעם ייִנגעלע״ פאַרהילכן דאָס גאַנץ שטעטל.

נאָך איטשע מאירן, האָב איך געלערנט ביי מאיר אייזיק, אפרים מוהל, שיעלע (אַ יונגער רבי), און דאַן ביי מיין לעצטן רבין, פנחס איצלס. דאָך פון אַלע איז מיר אַמבולטסטן איינגעקריצט אין זכרון מיין ערשטער פריילעכער מלמד — איטשע מאיר.

3

אָט שווימט אויף פאַר מיר דאָס ראַדזינער שטיבל, וואוהין איך פלעג גיין מיט מיין פאָטער דאַוונען. נאָך יעצט קלינגען אין מיינע אויערן די „לכה דודי׳ס״, וואָס יעקב־לייב, אַן עלטערער בכבודיקער און זייער זויבערער ייד פלעגט אויס־זינגען ביים עמוד. מיט מיין קליין שטימעלע פלעג איך אים צוהעלפן, און בשעת מעשה פילן, אַז איך בין שוין אַ גרויסער... ווען דער עולם האָט זיך צעזונגען, האָט זיך מיר געדוכט ווי אַ וואַלד האָט זיך צערוישט...

פרייטיק צו־נאַכטס נאָכן עסן. אין שטוב שלאָפן שוין מיינע עלטערן און ברידער. די שבת ליכט שוין אויסגעגאַנגען, אָבער דער גרויסער „עלפער״ לאָמפ אויפן טיש ברענט נאָך. פון קאַכל אויוון ווייעט מיט אַ ליבע וואַרימקייט. איך קען

נישט איינשלאָפן: מיט אַלע חושים הער איך דאָס געטלעכע זינגען, די שירה פון מלאכים — לכה דודי לקראת כלה... איך זעץ זיך אויף און זוך פונוואַנען קומט דער געזאַנג? ס׳איז געווען ווי אַ פערפּלייצונג, דער געזאַנג איז געקומען פון אינעווייניק — כל עצמותי תאמרנה...

שבת פרי באַקומט דאָס שטיבל אַן אַנדער אויסזען. מען זיצט ביי אַ לאַנגן שולחן און מען איז מעביר סדרה מיט אַ האַלב־שבת׳דיקן האַלב־וואָכעדיקן ניגון... מרדכי׳לע קאָוועבלום, אַ קליין הויקערדיק יידעלע מיט הויכן לומדישן שטערן און אַ הדרת־פּנים, שטייט אָנגעלענט ביים שטענדער, פאַרטיפט איבער אַ ספר. פון צייט צו צייט רופט ער צו מיין טאַטן, ווייזט מיט אַן איידעלן ווייסן פינגער אויף אַ חידוש און איז זיך מתווכח מיט אַ שמייכל. ווי שטאָלץ בין איך דאַן געווען אויף מיין טאַטן!

שבת פאַרנאַכט, פאַר מנחה, אין די זומער טעג, פלעגט דער טאַטע אַרויסגיין מיט אַ פּאָר עלטערע בחורים אויפן ראדזינער שאָסיי און עפּעס אַ סך גערעדט מיט זיי. אין דער שטילער פאַרנאַכטיקער לופט זענען געפאַלן ווערטער ווי השכלה, אויפקלערונג, טראַדיציע א. אַ. וו. איך גיי נאָך מיין טאַטן און פאַרשטיי נישט קיין וואָרט פון דעם הויכן שמועס.

4

אַ פּאָר יאָר פאַר דער ערשטער וועלט קריג, האָט מיין פאָטער געעפנט אין קאָצק אַן אָפּטיילונג פון אַ פּעטערבורגער באַנק. אונזער הויז איז געוואָרן אַ צו־זאַמענטרעף־פּונקט פון דער יוגנט און פון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין שטעטל. עס האָט זיך געשאַפן ביי אונז אַ שטענדיקער קרייז, צו וועלכן עס האָבן געהערט ווי איך געדענק, אברהם טשאַרנע (שפּעטער רב אין בריסק), שיעלע (הערשעלע מורה־הוראה׳ס זון), ישעיה ווייסבראָט, יעקב הערץ (נאָך דאַן זייער יונג), דוד־טעבל מאָנטשאַרזש, חיים שיע זאַלצמאַן א.אַ. פון דעם קרייז האָט זיך שפּעטער אויסגעבילדעט דער ציוניסטישער אַקטיוו אין שטעטל.

ביי אונז אין שטוב פלעגט מען תמיד דיסקוטירן, שטורמען און בויען נייע וועלטן... מיין מוטער איז אָבער ניט געווען צופרידן פון דעם. מיט איר תמימות׳דיקן פרומען חוש האָט זי געפילט, אַז מיין פאָטער וועט אַראָפּגיין פון דרך הישר... אינטערעסאַנט איז, אַז דוקא מיין זיידע איטשע, וועלכער פלעגט פון צייט צו צייט באַזוכן וואַרשע צוליב זיינע געשעפטן און איז שוין געווען מער „וועלטליך" — האָט באַרואיקט מיין מאַמען און איר פאַרזיכערט, אַז מען קען זיין אַ גוטער איד מיט השכלה און נייע געדאַנקען. ווען עס האָט זיך שפּעטער געעפנט אין קאָצק אַ רוסישע גימנאַזיע און מיין ברודער יאַנקעל איז דאָרט אַריינגעטרעטן לערנען האָט מיין מאַמע זיך שוין ניט אַזוי שטאַרק קעגנגעשטעלט.

דער דאָזיקער פּאַרטגעשריטענער קרייז אָבער איז דאַן געווען אַ קליינע מינדערהייט פון די יידן אין קאָצק, וועלכע זענען נאָך געשטאַנען פעסט אין דעם אַלטן פרומען שטייגער לעבן, ווי מיט יאָרן צוריק.

5

אויגוסט 1914. עס ברעכט אויס דער ערשטער וועלט־קריג. אַלגעמיינע מאָביליזאַציע אין רוסלאַנד. אַ ווענדע־פּונקט אין דער היסטאָריע — און אויך אין קאָצק... אין זכרון איז מיר געבליבן פון דעם געשעעניש אַ בילד אויף דער ביאַלאָבזשעגער גאַס. דער שרייבער גורטשינסקי, רופט אויס די נעמען פון די „זאַפּאַסנע", וועלכע מען פירט אַוועק אויף די וועגענער צו דער באַן, צו דער מלחמה. די געוויינען און יללות פון די פרויען, קריסטליכע און יידישע, זענען אָין לשער. איך ווייז אויך מיט זיי... ווען די פערד רירן, כאַפּן די פרויען אָן די וועגענער, און שלעפּן זיך נאָך אַ שטיק וועג...

ביי מיין פאָטער אין באַנק פלעגט אָנקומען די איינציקע רוסישע צייטונג פון סאַמע פּעטערבורג און יידן פלעגן אַריינקומען זיך דערוויסן נייס און נאָכפּאָלגן די מלחמה־אָפּעראַציעס. עס פלעגן דערביי אויסברעכן היציקע וויכוחים: אַ טייל האָבן געהאַלטן פון צאַר ניקאָלייס חיילות — און אַ טייל מיט'ן קיר"ה און דייטש. די קולות זענען געגאַנגען עד לב השמים — יעדער צד האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בקי אין סטראַטעגיע — ווי זיי וואָלטן דאָס גאַנצע לעבן געפירט מלחמות...

עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט, און דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט צו דעמבלין (איוואַנגאָראָד), אַ רוסישע פעסטונג, 45 קילאָמעטער פון קאָצק. די קאַמפן האָבן דאָרט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט, און אין קאָצק האָבן אָפּגעהילכט די ווייטע האַרמאַטן קנאַלן. מיר ייִנגלעך, האָבן אַפילו אויסגעפונען, אַז ווען מען לייגט צו דעם אויער צו דער ערד הערט מען שטאַרקער דאָס געשיסעריי... פלעגן מיר ליגן אויף די ערד און האָרכן...

6

באַלד אָבער איז די מלחמה געוואָרן גאַנץ ערנסט. אויס היציקע וויכוחים און קינדערשפּיל. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן היימלאָזע, אַרויסגעטריבענע יידישע פאַמיליעס פון די שטעטלעך ביי דעם פראָנט (דעמבלינער, קאָזשעניצער). אין די כמורנע, רעגנדיקע אָסיען טעג פון 1915 זענען יעדן טאָג אָנגעפאָרן אויפן מאַרק פורלעך מיט יידישע אָרעמע פּעקלעך, אויסגעווייקטע פון רעגן מענער, פרויען און קינדער, וועלכע די רוסישע מאַכט האָט געגעבן נאָר אייניקע שעה צום עוואַקואירן פון זייערע היימען, אַפילו אָן טראַנספּאָרט מיטלען.

קאָצקער אידן, דערשיטערטע פון די דאָזיקע טרויעריקע בילדער, האָבן זיך באַלד גענומען צו הילפסאַרבעט. אַלע היימלאָזע זענען גלייך איינגעאָרדענט געוואָרן ביי די שטעטלדיקע בעלי־הבתים אין די הייזער. מען האָט באַלד אָרגאַניזירט אַ הילפס־קאָמיטעט. ביי מיין פעטער נח גרינהיים אויפן הויף האָט מען געעפנט אַ קיך פאַר די היימלאָזע, וואו זיי פלעגן באַקומען פרישטיק און מיטאָג עסן. איך געדענקט מיט וואָס פאַר אַ מסירות די פרייוויליקע האָבן געטאָן זייער אַרבעט אין קיך: לייבוש קרייצמאַן, אברהם וועלניאַזש, אברהם זאַקאַליק, אברהם אייבעשיץ, יחיאל טאַשעמקאַ, יעקב הערץ א.אַ. ביי אונז אין באַנק פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן די זיצונגען פון הילפס־קאָמיטעט, וועלכער האָט מיט זיינע איבערגעבענע אַרבעט דערמונטערט און דערוואַרעמט די הערצער פון די אומגליקלעכע.

אין אייניקע חדשים שפּעטער האָט זיך דער פראָנט דערנענטערט צו קאָצק גופא, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די עוואַקואַציע פון דער ציווילער באַפעלקערונג. אין אַ העלן זומער פרימאָרגן האָבן מיר אַרויסגעטראָגן די אַלט באַקאַנטע פּעקלעך פון אונזער היים, זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ גרויסן וואָגן און אַוועקגעפאָרן קיין שעדלעץ, וואו עס האָט געוואוינט מיין פעטער יאָסל. מיט אונז זענען מיטגעפאָרן דער זיידע איטשע און די באָבע בתיה (וועלכע האָט מיטגענומען מיט זיך נאָר איר קרבן מנחה סידור און דעם „צאינה וראינה״), מיין פעטער שמחה, די מומע לאה מיט אירע צוויי קינדער.

אויפן וועג פון ראַדזין קיין לוקאָוו זענען אונז אַנטקעגן געקומען פיל רוסיש מיליטער. צווישן די סאָלדאַטן האָט מיין זיידע דערקענט איינעם אַ ייד און אים וואַרעם געזאָגט „גוט מאָרגען״. דער סאָלדאַט האָט אָבער ניט געענטפערט און נאָר אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ: „אסור להפסיק״ — און ווייטער געדאַווענט. דער בילד ווי אַ יידישער סאָלדאַט גייט דאַוונענדיק אין מלחמה — האָט מיין זיידן גערירט ביז טרערן...

7

אָפּזייענדיק ביי אַ יאָר אין שעדלעץ, שוין אונטער דער דייטשער מאַכט, האָבן דער פאָטער מיטן זיידן באַשלאָסן צוריקפאָרן קיין קאָצק — די עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען זייער שווער, ס׳איז ניט געווען קיין פרנסה. אין איינעם אַ פראָסטיקן ווינטער־טאָג פון יאָר 1916 האָבן מיר זיך אומגעקערט פון אונזער היימלאָזיקייט קיין קאָצק. דער טיף באַשניטער קאָצקער מאַרק האָט מיר עפּעס אויסגעזען ברייטער און רחבות׳דיקער נאָך די שעדלעצער פּילשטאָקיגע הייזער. אין דער לופט האָבן געפינקלט אייזיקע שניי־פּליטערלעך. טשאַטעס שוואַרצע קראָען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די ווייסע דעכער פון די אַלטע הייזקעס און אַרום און אַרום איז געווען אַזאַ מאָדנע שטילקייט... אין אַזאַ רוהיגן ווינטער פרימאָרגן איז אַוודאי

פאַרגעקומען דער געשפּרעך פון אַלטן קאָצקער מיט אַ דאָרפישן שוחט, וועגן וועלכן עס האָט מיר דערציילט מיין באָבע באַשע.

צום אַלטן קאָצקער — האָט זי דערציילט — איז אַ מאָל געקומען אַ דאָרפישער שוחט און זיך באַקלאָגט אויף די דאָרפסלייט, וואָס מאַכן אים אָן צרות ווען אַ בהמה ווערט טריף. דערביי האָט ער געגעבן אָנצוהערן, אַז דער לוקאָווער שוחט איז שוין אַן׳אַלטער מאַן, מיט אַ שוואַכער ראייה, און עס וואָלט אפשר געווען אַ סברה, אַז ער זאָל ווערן שוחט אויף זיין פּלאַץ. דער קאָצקער רבי איז געשטאַנען אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע און אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער צום ווייסן באַשנייטן דרויסן, וואו שוואַרצע קראָען האָבן זיך געריסן איבער אָפּפאַל פון אַ הינדל אויפן מיסט. זעסט די קראָען — האָט דער רבי אָנגעוויזן דעם שוחט — דאָס זענען נשמות פון שוחטים רשעים... מיין באָבע באַשע האָט מיר קינדווייז דער־ציילט פיל מעשיות וועגן קאָצקער, אין וועלכע זי איז געווען בקי ממש ווי חסידים פון אַמאָל.

דערווייל זענען מיר צוריק געוואָרן תושבים פון שטעטל. פרנסה איז דאַן געווען בשפע; יידן האָבן געהאַנדלט־געוואַנדלט און געאַרבעט. נאָך די גירושים און דיסקרימינאַציעס פון דער צאַרישער הערשאַפט — האָט מען אַ ביסל פרייער אָפּגעאָטעמט. אויך די באַציאונגען מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג זענען געווען נישט שלעכטע — זענען מיר דאָך צוזאַמען געווען אונטער איין אָקופּאַנט. די דייטשע מאַכט האָט נאָמינירט אַ ש ט אָ ט ־ ר אַ ט, וועלכע איז באַשטאַנען פון העלפט פּאָלאַקן, און די צוזאַמענאַרבעט איז געווען זייער אַ פריינטלעכע און לאָיאַלע.

8

איך האָב דאַן געלערנט ביי מיין לעצטן רבין פּנחס־איצל׳ס — ס׳איז מיר אָבער שוין געוואָרן ענג אין חדר. אין קאָצק האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נייע ווינטן — מען גייט גרינדן אַ „קולטור־פאַריין״, יוגנט קלוב, מען וועט לערנען, שפּילן טעאַטער, בקיצור אַ ניי לעבן. שוין דאָס איינפירונג פון עלעקטריש ליכט אין קאָצק צו יענער צייט — האָט אָנגעזאָגט עפּעס נייעס... די ברידער ישראל און לייבל זאַקאַליק, פשוטע ענערגישע פאָלקס־יידן, האָבן אויפגעשטעלט אַן עלעקטראָ־דינאַמאָ, און עס איז פּלוצלינג געוואָרן — „ויהי אור״! קאָצק האָט געשטוינט, גויים האָבן זיך געצלמ׳ט — אַ קלייניקייט, דאָס ליכט לעשט ניט אויס אַפילו אין ווינטן און רעגנס! עלטערע יידן האָבן געקוקט אויף דעם מיט חשד, געפילט אַז עס שמעקט דערפון מיט נייע צייטן, מיט אַפּיקורסות...

נאָך דעם „זמן״ בין איך שוין מער אין חדר ניט געגאַנגען, צום גרויסן פאַרדרוס פון מיין מאַמען, וועלכע האָט געהאָפט אַז כאָטש איין זון זאָל זיין פרום

(מיין עלטערער ברודער האָט געלערנט אין לוקאָווער גימנאַזיום, און מיין יינגער ברודער דובטשע, איז אויך אַראָפּ פון דרך הישר). אייניגע חברים מיינע זענען שוין געווען מיטגלידער און יוגנט קלוב ביים „קולטור פאַריין״ (אויף די וועסאָלאַ גאַס, נאָך ישראל מענדלס קאָלאָניאַל געוועלב). מיין פאָטער האָט מיך ניט געלאָזט זיך אָנשליסן אין יוגנט־קלוב. ביזט נאָך צו יונג — האָט ער געטענה׳ט — און דאַרפסט זיך נאָך לערנען. אָבער די חברים האָבן גובר געווען — איך בין אַוועק מיט זיי אין יוגנט־קלוב.

בכלל האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע געזעלשאַפטליך־פּאָליטישע באַוועגונג אין קאָצק. צו יענער צייט האָט זיך אויך געגרינדעט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, און איר ערשטע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען ביי יענקל טאָפּעל אין שטוב (איך בין דאָרט בייגעווען צוזאַמען מיט מיין פאָטער) אויף וועלכער ס׳איז דאַן אויסגעקליבן געוואָרן די פאַרוואַלטונג, צו וועלכער עס האָבן געהערט לייזער סעמיאַטיצקי (פאָרזיצער), ישעיה ווייסבראָט (סגן), מיכאל ראַק (גזבר), יעקב טאָפּעל, יעקב הערץ, אברהם טשאַרנע און גרשון בראָנשטיין. די פאַרוואַלטונג האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט ממש מיט אַ חסידישע התלהבות: מען האָט ווערבירט מיטגלידער, דורכגעפירט פאַרזאַמלונגען, קרן־קיימת זאַמלונגען און אחרון־אחרון: מען האָט געגרינדעט אַ טאָג־שול פאַר קינדער מיט העברעאיש אַלס אונטעריכטס שפּראַך. ס׳איז ממש געווען אַן איבערקערעניש אין קאָצק: אַ העברע־אישע שולע פאַר יינגלעך און מיידלעך! אין אָנפאַנג האָט זיך די שול געפונען אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע (2 גרויסע שטובן אין אונזער הויז אויפן ערשטן שטאָק). נאָך אַ קורצער צייט איז דער לאָקאַל געוואָרן צו קליין, צוליב דער גרויסער נאָכפראַגע פון די עלטערן צו פאַרשרייבן נייע קינדער אין דער שול. די שול איז אַריבער אין גרעסערע לאָקאַלן (ביי מרדכי יוסף זוסמאַן אין הויף). די לערער אין שול זענען געווען: יעקב הערץ — הברעאישע גראַמאַטיק, געזאַנג (אגב, יעקב הערץ, היינט אין ישראל, איז געווען דאַן דער „רוח החיה״ אין דער ציוניסטישער קולטור אַרבעט, און האָט איר געווידמעט זיין גאַנצן יוגנט־ברען), יצחק־אליה צוקערמאַן — אידישע היסטאָריע, יונה זיגעלמאַן — אַריטמע־טיקע, יידיש א.אַ. אין אַ יאָר שפּעטער האָט מען שוין געבראַכט פּראָפעסיאָנעלע לערערס פאַר העברעאישע און וועלטלעכע לימודים, די שולע האָט זיך אַנטוויקלט און איר דערפאָלג איז געווען גרויס.

9

ס׳איז היינט שווער איבערצוגעבן ווי גרויס איז געווען דער איבערברוך אין יידישן לעבן אין די יאָרן 1917—1918. נאָך אַזוי פיל יאָרן פון צאַרישער רעפּרעסיע און רעכטלאָזיקייט, האָבן כוואַליעס פון פרייהייט פאַרכאַפּט מיט זיך די

יידישע באַפעלקערונג, און מיט אַ שטאַרקן שטראָם מיטגעריסן און צייטנווייז צע־שטערט אַלטע איינגעפונדעוועטע פאָרמען פון לעבנס־שטייגער. ס׳איז געווען אַ מין „שטורם און דראַנג״ פעריאָד אין אידישן קולטור לעבן אין שטעט און שטעטלעך אין פוילן; אַלץ האָט זיך געריסן צו קולטור און וויסן.

די גרינדונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, די העברעאישע שולע, די גאַסן־זאַמלונגען פאַר קרן־קיימת דורך די דאָן יונגע מיידלעך באַפוצטע מיט ווייַ־בלויער סטענגעס (פרימעט זאַקאַליק, דבורה ליבפריינד, ריווע ראָטבוים, פייגעלע זאַלצמאַן, חוה גאָלדפינגער א.אַ.), דער „קולטור פאַריין, די קאָנצערטן, דעקלאַ־מאַציעס — נאָר ווער עס האָט דאָס מיטגעלעבט קען אָפּשאַצן די גרויסע איבערקע־רעניש, וואָס איז פאָרגעקומען דאַן אין די קאָצקער געסלעך. כאַראַקטעריסטיש פאַר קאָצק, אַז עס האָט זיך אַפילו געשאַפן דאַן אַ ציוניסטישע שטיבל (אַ מנין), וואו מען האָט געדאַוונט שבתים און יום־טובים (דער שליח־צבור איז געווען יעקב הערץ, אַ זון פון אַ פרומער חסידישער משפחה וועלכער האָט געלערנט יונגערהייט אין ישיבות. אַ פיינער מנגן מיט אַ קלינגענדיגע שטימע פלעגט ער צוציען אין ציוניסטישן מנין אויך פון אַנדערע שולן און שטיבלעך; איבערהויפּט איז געווען באַקאַנט זיין סליחות זאָגן).

די געוואַלטיקע געזעלשאַפטלעכע קולטורעלע און פּאָליטישע באַוועגונג האָט דערגרייכט איר העכסטן פונקט, ווען עס איז אָנגעקומען אין קאָצק, ענדע 1917, די ידיעה וועגן דער באַלפור־דעקלאַראַציע. עס איז אויסגעבראָכן אַן אויסערגעוויינ־לעכע פרייד. עס זענען איינגעאָרדענט געוואָרן אימפּאַזאַנטע גלענצענדע פאַרזאַמ־לונגען אין דעם ציוניסטישן לאָקאַל און אין דער גרויסער שול. ניט נאָר ציוניסטן — פאָלקס מענטשן, „עמך״, בעלי־מלאכות, אַלע זענען פאַרכאַפּט געוואָרן מיט דער פריילעכער בשורה.


די פריידיגע אַטמאָספער האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. ענדע 1918, באַלד נאָך אונטערשרייבן דעם וואָפן־שטילשטאַנד פאַקט, פאַרלאָזט דאָס דייטשע מיליטער אונזער שטעטל, און די פּאָליאַקן פאַרנעמען די מאַכט און די אַמטן. עס שאַפט זיך אַן אומאָפּהענגיקע פוילישע רעפּובליק אויף די חורבות פון רוסלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך — אָבער זייערע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס זענען פאַר׳סמ׳ט מיט אַנטיסעמיטישע לאָזונגען. באַלד הויבן זיך אָן איבערפאַלן אויף יידן אונטערוועגס. אין דאָרף שטשעפּעלין ביי קאָצק ווערט דערמאָרדעט דורך פּאָליאַקן דוד שטשע־פּעלינער, דער מיל באַזיצער...

אָט אַזוי איז צערונען אַ פרישע אילוזיע.

ברוך יוסף פיערניק (פראַנקרייך)

א שפּאַציר איבער מיין שטעטל

(אַ פאַנטאַזיע)



צייטנווייז פאַרגלוסט זיך מיר מאַכן אַ שפּאַציר איבער מיין שטעטל קאָצק. פאַרשטייט זיך אַז נאָר אין מיין פאַנטאַזיע, וואָרעם אויף דער וואָר איז עס אַביסל צו גרויזאַם... איך מאַך עס גאַנץ איינפאַך: אַ שוועב אין דער לופט און אָט בין איך אין קאָצק. איך הויב אויף אַ דאַך נאָך אַ דאַך און קוק אַריין אין די הייזער (נעמען, דאַטן און אַנדערע אַטריבוטן האָבן קיין באַדייטונג — ס'איז דאָך נאָר אַ פאַנטאַזיע!).

✶

ס'איז שבת נאָכמיטאָג. אינדרויסן אַ פראָסט, אַלץ איז איינגעהילט אין שניי. איך הויב אויף אַ דאַך פון ערשטן אידישן הויז אין מיין גאַס. אַ גרויסע פּירקאַנטיקע שטוב פול מיט קינדער, אייניקלעך, פלימעניקעס און סתם שכנה'שע קינדער. אַ גרויס גערודער. דער פלימעניק שמאי־לע איז דער הויפּט טאָן געבער. שמאי'לע איז אַ גרויסער לאָבוז, אַנגעטאָן קריע־בליע, וואָס טשאַטעוועט שטענדיק אויף באַלעבאַטישע חדר־אינגלעך און כאַפּט צו ביי זיי קונציק די פלעצלעך מיט פּוטער — אַזוי אַרום עסט ער אַמאָל צו דער זאַט...

אין אַ ווינקל זיצט דער אַלטער יעקב חיים אליה'ס און פּרוּווט לערנען פּרק; ווער קען אָבער אין אַזאַ טומעל פאַרשטיין אַ וואָרט? דער אַלטער איז אַ גרויסער סבלן — וואַרט ער עס זאָל שטיל ווערן. ענדלך מאַכט ער צו שמאי'לען מיט אַ לאַנגזאַם אויסגעצויגענע שטימע:

— שמאי'לע, יואָס ווילסטו פון אונז האָבן? מ'האָמיר דאָך אונזערס קיין עין הרע!

עס ווערט אַ מינוט שטילער. אָבער אַנשטאָט דעם פּרק שווימען אויף אין זיין זכרון בילדער פון דער נאָנטער פאַרגאַנגענהייט: דער טויט פון זיין ערשטער פרוי, אַ אשה צנועה, און דער קאַמף וואָס איז אים אויסגעקומען צו פירן, ווען עטלעכע מאָנאַטן נאָך איר טויט האָט ער באַשלאָסן חתונה האָבן אַ צווייט מאָל.

די טעכטער און איידעמס זענען ניט געווען צופרידן — מורא געהאַט פאַר דער ירושה... גייט ער צו די שכנים און האַלט אין איין טענה׳ן:

— לא עליכם, איך ברעך אויס אַלץ וואָס די טאָכטער גיט מיר צום עסן...

איז מען געגאַנגען צו אַ דין־תורהביים סאָקאָלאָווער רבין. קומט זיך צונויף דאָס גאַנצע שטעטל אונטער די פענסטער.

דער איידעם אפרים, וואָס איז ערשט צוריקגעקומען פון דער רוסישער אַרמיי שרייט:

— איך בין אַ רוסישער באָלשעוויק! איך וועל ניט דערלאָזן, אַז דער אַלטער תרח זאָל אַוועקגעבן אונזער האָב און גוטס צו אַ פרעמדע פרוי!

און דער עולם קוועלט און האַלט זיך ביי די זייטן...

✶

איך הויב אויף דעם דאַך פון אַ צווייט הויז. מיר זענען ביי מענדל לייבטשעס, אַ פעטער ייד, אַ טשעסליאַר. זיין זון, נאָטע, מיין יוגנט־חבר, שטייט אויס דאָרט דעם גיהנום פון דער שיינער שטיפמאַמע. נאָטע וואָלט גריילעך געלערנט אין חדר, ווי אַלע קינדער, נעמט אים אָבער דער פאָטער צו דער אַרבעט. אַהיימקומנדיק אין אָוונט, נאָך אַ שווערן טאָג־אַרבעט, מוז ער נאָך האַקן האָלץ, טראָגן וואַסער. און טאָמער געפעלט עפּעס ניט דער שטיפמאַמען — פאַלט אויף זיין קאָפּ אַ האָגעל מיט קלעפּ. לייבטשעס פויסט איז ווי אַ האַמער!

די שטיפמאַמעס קינדער גייען אַרום זויבער און ריין און טוען ניט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער — ניין, בנאמנות, ניט כדאי אַריינקוקן אין הייזער, וואו עס זענען דאָ יתומים און שטיפמאַמעס...

✶

און אָט אַ באַזוך ביי אליהו סופר, אַ מלמד מיט 12—15 תלמידים. אליהו סופר גייט היינט אַרום שטאַרק צערודערט אין חדר אַהין און צוריק, טרייסלט נערוועז מיט דער האַנט און רופט אויס כסדר: רחמנא ליצלן!

די לעצטע נאַכט האָט אַ מיליציאַנט געשאָסן אַ אידישן קצב, אליהו סופר׳ס אַ שכן, וואָס איז געגאַנגען שפּעט פון דער אַרבעט („על פי טעות״ — זאָגט דער מיליציאַנט). אליהו סופר האָט ניט לאַנג געזען דעם בר־מינן און איז נאָך אונטערן איינדרוק. אַנשטאָט צו לערנען — רעט ער וועגן טויט און לעבן, זיין און ניט זיין... ביי די יונגע תלמידים ציטערט די הויט פאַר שרעק. ביסלעכווייז באַרואיקט זיך אליהו סופר: נישקשה ס׳איז דאָך פאַראַן אַן אַנדער סאָרט טויט — מיתה בנשיקה. איז דאָך משה רבינו אַזוי געשטאָרבן... און די יונגע תלמידים׳לעך חלומ׳ען וועגן מיתה בנשיקה...

✶

הויבן מיר אויף דעם דאַך ביי ר׳ משה דוד׳ן. אַ רחבותדיק הויז, ריין און ציכטיק. אַלץ בלישטשעט: די זילבערנע לייכטער, די קופּערנע און מעשענע כלים...

נאָכמיטאָג שטייט משה דוד אין טיר און זופּט אַ גלאָז טיי. קיינער ווייס ניט דעם סוד, ווי מאַכט מען אַזאַ קריסטאַלענעם לויטערן טיי, און ווי טרינקט מען אַזוי, ניט איינטונקענדיק די וואָנסע...

אָבער דער אמת׳ער סוד ליגט אין משה דוד׳ס שטעקעלע, מיט׳ן קיילעכדיקן זילבערנעם הענטל. עס ליגט אין שטעקעלע אַ כישוף: משה דוד גיט אַ דריי, און אַלץ פליסט אין זיין הויז בשפע!

ר׳ משה דוד איז אַן אייביקער דאָזאָר, אויסגעקאָכט מיטן בירגערמייסטער. דאַרף מען אַ פּאַפּיר אין מאַגיסטראַט — מוז מען אָנקומען צו משה דוד׳ן... האָט אַ פּריץ אַ שטיקל וואַלד צו פאַרקויפן, דערשמעקט עס גלייך משה דוד, גיט אַ דריי מיטן שטעקעלע — און דער משא־ומתן איז געענדיקט. מען האָט אים שוין פּרובירט נאָכטאָן — האָט משה דוד אַ דריי געטאָן מיטן שטעקעלע — און יענער איז אַוועק הינטער די הרי חושך... איצט דאַרף משה דוד חתונה מאַכן זיין טאָכטער — זאָרגט ניט, ער וועט אַ דריי טאָן מיטן שטעקעלע און דער שידוך וועט געשלאָסן ווערן אין אַ מזל׳דיקער שעה!

באַלעבאַטישע יידן אין קאַצק קוקן מיט פאַרוואונדערונג אויף זיין שטעקעלע — בעלי־מלאכות און האָרעפּאַשניקעס מיט קנאה־שנאה...

✶

און איצט צו ר׳ יואל קרייצמאַן.

אַ גרויסע און שיינע קאַמעניצע. דאָס גרעסטע שניט געשעפט אין שטעטל — אָנגעשטאָפּט מיט לייוונט, סאַטין און זיידנס, פון חתונה וויפּראַוועס ביז חסידישע קאַפּאָטעס...

אַלע האַלטן אים פאַר אַן עושר; ר׳ יואל ווייס דערפון. שרייט ער נאָכאַנאַנד, אַז מען באַראַבעוועט אים, מען רייסט פון אים שטיקער — נאָר מען פאָדערט נדבות! זענען דאָך דאָ אין קאַצק נאָך נגידים, ברוך־השם, הלמאי דווקא ער? אַזוי בייזערט ער זיך און וואַרפט זיך — ביז ער גיט אַ פיינע מטבע: פאָרט ר׳ יואל קרייצמאַן!

איינמאָל זענען געקומען צו אים „פּריזיוווניקעס״ און געפאָדערט דאָס זיי־ עריקע. האָט ר׳ יואל ניט מסכים געווען. פאַרטאָג האָבן די חברה געבראַכט דאָס טהרה־ברעטל פאַר זיין פענסטער און אַרויס מיט אַ געוואַלד: צדקה תציל ממות! דער עולם אויפן מאַרק האָט זיך געהאַלטן די זייטן פאַר געלעכטער — און ר׳ יואל האָט געמוזט געבן וויפל זיי האָבן פאַרלאַנגט.

לעצטנס האָט שוין ר׳ יואל, אַ שאַרפער קאָצקער חסיד און אַ גרויסער תקיף, געהאַט גרויסע זאָרגען. זינט די חברה שמדניקעס (טעוול דוד, יונה זיגעלמאַן, אברהם וועלניאַזש א.אַ.) האָבן געבראַכט די „טומאה" אין שטעטל („קולטור־פאַריין") — האָט זיין זון לייביש, אַ וואויל לערנער און אַ חריף, גענומען האַלטן פייערדיקע רעדעס בגילוי־ראש און אַרומגיין מיט מיידן! ווי פּאַסט עס אַז אַ נגידישער בחור זאָל זיך מישן מיט די גראָביאַנעס?

✶

און אָט אַן אַנדער הויז.

אַ פולע שטוב מיט בחורים און מיידלעך — אָבער ס׳איז שטיל. דער עולם איז נאָך ניט צוגעוואוינט זיך טרעפן אין אַ „געזעלשאַפט" און פריי צו שמועסן... אין אַ ווינקל, ווי פאַרבאַהאַלטן, זיצן באַלעבאַטישע יונגע לייט... אין אַ צווייט ווינקל — די דראַמאַטישע גרופּע וואָס גרייט זיך שפּילן דאָס ערשטע מאָל יידיש טעאַטער אין דער פייערלעשער שאָפּע... דאָ און דאָרט גרופּקעס מיידלעך וואָס שמועסן וועגן דעם לעצט געלייענטן ראָמאַן... אַלע חלומען זיי פון דער אמת׳ער שיינער הימלישער ליבע... אַן עק אַ סוף צו דעם אַלט־פרענקישן „ריידן אַ שידוך"... טיף אין האַרצן האָפט מען, אפשר וועט אַ באַלעבאַטישער יונגערמאַן זיך פאַרליבן אין אַ בעל־מלאכישער טאָכטער...

אין צענטער פון שטוב שטייט אַ גרופּע און דיסקוטירט — דאָס זענען שוין יונגעלייט מיט פּאָליטישע „אַנשואונגען", איבערצייגטע... ווערט דער ויכוח העפטיק — קומט צו אברהם וועלניאַרזש און מיט זיין איראָנישן שמייכל מאַכט ער שלום צווישן די קעגנער — דער עיקר: זאָל הערשן האַרמאָניע ביי דער קאָצקער יוגנט!

עס ווערט שפּעט. אין מאַרק זענען שוין צוגעמאַכט טיר און לאָדן. מען צעגייט זיך אין גרופּן און אין פּאָרלעך... ערשט איצט הויבט זיך אָן דער שפּאַציר ביי אַ העלער זילבערנער לבנה אויף דער „רייטשיל"...

✶

און איצט וועלן מיר אַריינגיין פראַנק און פריי אין קאָצקער בית־המדרש, להבדיל אלף הבדלות.

אין קאָצק האָט מען געדינט צום רבונו־של־עולם אויף פאַרשיידענע דרכים: אין שטיבלעך, פאַר חסידים וואָס האַלטן פון זעלבן רבי׳ן, אין שול, אַן ערנסטער און רעספּעקטירטער מקום קדוש פאַרן גאַנצן שטעטל, און אין בית־המדרש, וואו עס האָט געדאַווענט אַ דעמאָקראַטישער, געמישטער עולם — סתם יידן, מתנגדים און חסידים אָן שטיבלעך...

שבת גאַנץ פרי. פאַרן דאַווענען. אַ גערויש און אַ געשמועס. נאָר איטשע מאיר

דער מלמד זיצט און רעט ניט קיין וואָרט. ער האָט שוין פון לאַנג אַ נדר געטאָן שבת צו ריידן נאָר לשון־קודש, און אַזוי ווי קיין גרויסער למדן איז ער ניט — שווייגט ער... איטשע מאיר איז אַן אלף־בית מלמד, אַ לאָמער און אַ בעל־יסורים, מיט אַ שטענדיקן זיס־זויערן שמייכל אויפן פנים: מען דאַרף אַלץ מקבל באהבה זיין!

שאַ, דער רב איז דאָ! עס ווערט שטיל; דער עולם הילט זיך איין אין טליתים און מען שטעלט זיך דאַוונען.

פאַר מוסף גייט דער רב אַרויף אויפן באַלעמער האַלטן אַ דרשה. דער רב וויל אַטאַקירן דעם „קולטור־פאַריין", אָבער שטאַרק מוסר'ן די עלטערן, שניידער און שוסטער, ווייל זייערע קינדער גייען אַהינצו — וואַגט ער ניט... רעט ער מיט אַ רמז, אָבער די בעלי מלאכות כאַפּן זיך — און עס ווערט אַ געמורמל. לייזער צאַלקע, דער באַוואוסטער חצוף, שרייט אַרויס:

— רבי, דער עולם איז הונגעריק, און דער טשאָלענט ווערט קאַלט!

אַ גערודער, אַ געשריי, אַ מחלוקת — מען פאַרענדיקט שנעל דאָס דאַוונען...

✶

דאָ ניט לאַנג בין איך אַדורכגעפאָרן אַ גרענעץ־פּאָסט. פרעגט מיר דער באַ־אַמטער,קוקנדיק אין פאַספאָרט: קאָצק? וואו געפינט זיך אַזאַ שטאָט, עקזיסטירט זי נאָך?


— ווייזט אויס אַז זי עקזיסטירט, נאָר מיר אינטערעסירט שוין ניט מער די היינטיקע קאָצק, אָן מיינע יידן...



תחנת החשמל בקוצק -- די מיל און עלעקטראָווניע אין קאַצק

גראָסמאַן גדליהו (תל־אביב)

קאַצק מיין שטאָט




ווען איך שפּאַציר איבער די גאַסן פון תל־אביב, שטייען אויף פאַר מיינע אויגן די קליינע קאָצקער געסלעך מיט די געשטאַלטן פון די קאָצקער יידן. מיט אַ ליכט אין מיטן העלן טאָג זוך איך דעם מקונן, וואָס זאָל פאַרפאַסן די קינה, דאָס ריכטיקע קלאָג־ליד, איבער די קאָצקער יידן, וואָס זענען שוין מער נישטאָ.

איך זוך נישט בלויז די יידן פון דער מזרח־וואַנט — איך זוך די טרעגערס פון שטאָט, דעם הויך־פּלייציקן לאָזער גלאָק, וואָס האָט שווער געאַרבעט, ווייניק פאַרדינט און תמיד געוועזן גרייט צו העלפן אַן אַנדערן אַפילו אָן פאַר־דינסט; דער קליינער שיע בורדי, אַן ערלעכער מענטש, געוואוינט ביי דער שול, אָפּט זיך דאָרט אַריינגעכאַפּט זאָגן אַ פּרק תהלים; איך זוך די בעלי־עגלה׳ס, דעם קליינעם חיים יוסף וואָלפס, אַן אָרעמאַן, אַן אָרנטלעכער מענטש, שטענדיק געהאַט דעם פאַסנדיקן וויץ, האָט גבירים לוסטיק געמאַכט, געצויגן פּרנסה פון איין־איינציקן פערד... מאיר פראַנט האָט שוין געהאַט 2 פערד, פלעגט פירן קאָצקער סחורה אין די ווייטע שטעט און צוריקברענגען סחורה פאַר די קרעמער, פלעגט פאָרן קיין לובלין, מעזריטש, וואַרשע. און אָט זענען די שטאָט שניידער: חיים משה יעקב׳ס, פּרץ פּרענטקע, שמואל „דאָס לאָמע הענטעלע" די הויפּט שניידערס און אברהם לייב מאיר איפּקיס א. אַ. וואָס האָבן קיינמאָל אויף שבת ניט געהאַט, אָבער ניט געהאַט קיין טענות און אַלץ אָנגענומען פאַר ליב. די שוסטערס, ווי ברוך מרדכי צובעק, אַ ייד קרוב לשבעים, געזעסן און געקלאַפּט די שטיוול, אַ בעל־צדקה, נישט פאַרפעלט אַ שטיקל תהלים יעדן טאָג בהשכמה, און פיל אַנדערע ווי די פאַמיליע גרינהיים, איגלאַ, קופּערשלאַק — פלעגן אַרבעטן טאָג און נאַכט און נאַכהער פאַרקויפן אויף יאַרידים אין די שכנות׳דיקע שטעטלעך; היטלמאַכערס, ווי מאָטל היטלמאַכער, אברהם שטערן. מאָטל היטלמאַכער — אַ ייד אַ משכיל, אַ ציוניסט; דאָרפס־גייער, צענדליקער יידן צעשפּרייטן זיך איבער די דערפער און

יעדער פין זיי האָט אַ חזקה אויף „זיין" דאָרף... צווישן זיי רייכע ווי דוד זשעזשני־קעוויטש, משה טאַשעמקאַ, און אויך אָרימעלייט ווי דוד העני מנשה׳ס, אהרן פּנחס איצלס און פיל אַנדערע, וואָס דער טאָג פּרנסה איז פאַר זיי ווי קריעת־ים־סוף. און אָט זע איך די סוחרים שאול האַנדלסמאַן, אַ לעדער סוחר, לוי זוסמאַן, אַ קאָלאָניאַל־סוחר, חיים יהושע זאַלצמאַן, לעמעל אַלטביר, העניך מאַדאַנעס — אַלע פאַרמעגלעכע און פירן גרויסע מסחרים. משה גזשיוואָטש אַ האָלץ סוחר, אַ ייד אַ תלמיד־חכם און אַ פּראָגרעסיווער מענטש, איטשע קאָרמאַן אַ משכיל, הערשל סקאַרבניק און זיין זון דוד און איידעם לייבקע פּיעפּשאָוניק — רייכע האָלץ סוחרים. די ברידער מאָטל און לייבל גאָלדשטיין, צביה ראָזענבלאַט א. אַ. — מאַנופאַקטור סוחרים.

און אָט שטייען פאַר מיינע אויגן די געזעלשאַפטלעכע עסקנים וואָס האָבן זייער צייט און געלד אַוועקגעגעבן דעם צבור: משה דוד וויינבערג, יונה זיגלמאַן, טבל דוד מאָנטשאַרזש, לייזער סעמיאַטיצקי, יענקל מאַרכעווקע, שלמה טאָפּעל, חיים רעכטמאַן. די גמילות־חסדים קאַסע מיט מענדל גאָלדפאַרב און יהושע מלאָטעק אין שפּיץ און פיל, פיל אַנדערע מיט אַ ספּעציפיש קאָצקער אייגנאַרטיקייט. יידן



משלוח עצים ברפסודות, אחת הפרנסות של יהודי קוצק (באופק — הגשר על נהר וויפּש).
האָלץ טראַנספּאָרט אויף טראַטוועס דורך יידישע סוחרים פון קאָצק (אין האָריזאָנט די בריק איבער׳ן וויעפּש).

אין קאָצק האָבן אַלץ מקבל באהבה געווען, און אַפילו האָבן געפעלט חלות אויף שבת — האָט דער „שלום עליכם" פרייטיק־צונאַכט געקלונגען הויך און פריילעך ווי ביי די רייכע.

ווען איך שפּאַציר ביים שפת־הים אין תל־אביב דערמאָנט זיך מיר דאָס קליינע טייכל וויעפּש, וואָס איז זיך רואיק געפלאָסן אין געשווענקט די ברעגעס פון קאָצק. בלויזלעך איז געווען דער וויעפּש, ווי דער ים אין תל־אביב, און 10 קילאָמעטער פון קאָצק, ביי ליסאַביקי, האָט ער זיך אַריינגעשניטן אין ווייסל אַריין מיט אַ שמאָלן בלאָען פּאַס, און ווייט־ווייט זיך נישט אויסגעמישט מיט די איבעריקע שטראָמען פון ווייסל... ביי די ברעגן פון וויעפּש האָט מען געקענט זען בחורים וואָס פּשט'לען זיך אין אַ שווערן מהרש"א, האָבן געגאָסן פון דער נאַטור שיינקייט און חריפות פון תלמוד צוזאַמען... דאָ האָט מען געזען מרדכי מאַרכעווקע, שלמה דעם שוחט'ס, יצחק אלי פּערלשטיין, שעיה שטערן, צדוק גאָלדבערג, ישראל זשעזש־ניקעוויטש, וואָס דיסקוטירן איבער שפּינאָזאַ און קאַנט, און צייטנווייז זיך צעזינגען די אַלט קאָצקער און מאָדזיצער ניגונים מיט מיסטישע מתיקות. אין די לאָדקעס, וואָס האָבן זיך געוויגט איבערן טייך, האָט געשפּאַצירט די בילד־שיינע לערערין קאָפּקאָווע מיט די פּישער שטשעפּאַנסקי, יידישע און ניט יידישע בחורים און מיידלעך, און אַלע פלעגן זיך צוהערן צום געזאַנג, זיך ניט דערווייטערנדיק פון ברעג.

דער אַלטער קאָצקער רבי, ר' מענדעלע, האָט פאַרשפּרייט אַ העכערע און שענערע אַטמאָספערע אין די קאָצקער געסלעך — געלעגן אויף זיי דער חותם פון אמת און מידות טובות. קאָצק איז געווען אַ שטאָט מיט תלמידי־חכמים. ס'האָט געקלונגען אין די גאַסן די תורה פון די שטיבלעך, גערער, לובלינער, קאָצקער און פון דעם בית־המדרש; די לעזע־זאַלן און ביבלאָטעק פול געפּאַקט מיט יוגנט — ס'האָבן זיך אויסגעמישט אין די גאַסן ניגוני קאָצק און רייזנס פאָלקס־לידער... עס האָט געהערשט קדושה און צניעות ביי רייכע און אָרעמע, תלמידי־חכמים און עמך, שבת און אינדערוואָכן. ניט רייך צו ווערן אָדער אַ קאַריערע מאַכן איז געווען דער ציל — נאָר לעבן ביושר, העלפן איינער דעם צווייטן, לייכטער מאַכן דעם בויטבאַדערפטיקן.

דאָס אַלץ איז מער נישטאָ, אַלץ איז חרוב, די מענטשן און דער גייסט פון קאָצק — וואו איז איר באַקלאָגער און פאַרציילער?

בילדער פון אמאליקן קאצק

א. נחתומי

דער קיסר קומט



איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, ווי ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרזאַמלען די קאָצקער בעלי־בתים אין בית־מדרש דאַוונען „מנ־חה", איז אַריינגעלאָפן בערעלע „שטאָ־פעט", און דערציילט אין איין אָטעם — ער האָט געהערט פון דוד'ל „טעלעפאָן", אַז עס איז געקומען אַ באַפעל אין דער „גמינע", מ'זאָל רייניקן די גאַסן, פאַרבן די דעכער, קאַלכן די קוימענס, און לעבן בינעמל סענדערס, אויפן ראַדזינער שאָסיי זאָל מען אויפשטעלן אַ טויער, ווייל עס דאַרף קומען דער קיסר, מיט זיין גאַנצער גוואַרדיע.

בערעלע „שטאפעט" האָט געפלאַמט ווי אַ קאַלך־אויוון, און פלוצלינג אַ פאַטש געטון מיט די הענט, און אַ געשריי: „מזל־טוב אידן, מיר זענען געהאָלפן", און אָנגעהויבן גלייך אויסטייטשן מיט אַ גמרא־ניגון: „אויב עס קומט דער קיסר, מוז מען דאָך פריהער מאַכן אַ באַן, און אַז אַ באַן, — מוז מען דאָך אויסהאַקן דעם וואַלד, און אַז מ'האַקט האָלץ פאַלן דאָך שפענער, און שפענער, זאָג איך אייך, זענען „רענדלאַך", רענדלאַך — איר הערט?" איך זאָג אייך יידן, מיר דאַרפן קלייבן נייע „דאָזאָרעס", מאַכן אַ באָד, באַנייען די מקוה, פאַריכטן דעם „הקדש". און דער עיקר — מבטל מאַכן די פושקע פון „תומכי עניים". — טע, טע, טע! קאָך זיך נישט אַזוי! האָט זיך דערהערט דאָס בעל־הבית'ישע קול פון מעכעלע „גענעראַל" — מבטל מאַכן די פושקע פון „תומכי עניים", אַזוי? און וואָס יועלן טון די בעלי־עגלות, וועלכע פאָרן יעצט צוויי מאָל אַ וואָך אין וואַרשע, מיט קעלבער און אייער? ושנית — האָט מעכעלע אויך אָנגעהויבן מיט אַ טרויעריקן גמרא־ניגון — אויב דער קיסר קומט מיט זיין גאַנצער גוואַרדיע, איז אַ סימן, איז אַ סימן זאָג איך אייך אַז עס איז מלחמה".

דערהערנדיק דאָס וואָרט „מלחמה״ זענען אַלע שטיין געבליבן דערשראָקענע, בלאַסע, ווי ווייס געקאַלכטע ווענט. ווייל מ׳האָט געוווּסט — אַז מעכעלע „גענעראַל״ האָט אין דער יאַפּאַנישער מלחמה אַרויסגעכאַפּט אַ „זנאַמע״ און באַקומען אַ מעדאַל, איז אין עניני מלחמה אַ גרויסער „בקי״, און אַז ער פלעגט אַמאָל אָנהויבן רעדן וועגן מלחמה, האָט זיך טאַקי געמלחמה׳זועט.

ער פלעגט אויף זיין האַנט אויסמאָלן דעם גאַנצן כדור־הארץ. וואו קין האָט דערהרגעט הבלן, וואו נמרוד האָט געשטעלט זיין קאַלך־אויוון, וואו דוד האָט געשלאָגן גליתן, וואו שמשון האָט צומאָלן די פלישתים. בשעת׳ן רעדן פלעגט ער מאַכן מיט די הענט, מיט די פיס און מיט אַלע אַנדערע אברים, אַז איר האָט ממש געפילט ווי עס שיסט און הרגעט. — אַ מלחמה, זאָג איך אייך, מיט אַלע פּיטשעווקעס.

זעענדיק ווי דער עולם איז נעביך שטיין געבליבן, האָט ער געמאַכט אַן הפסקה, שוועך אָפּגעזיפצט און געזאָגט: יאָ יאָ, אַזוי איז עס.

— וואָס מיר מלחמה, ווען מיר מלחמה — האָט זיך געהיצט בערעלע „שטאָפּעט״, וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט און די נאַכט, און וואָס עס וועט זיך מיר חלומען אַ גאַנץ יאָר, בייזע חלומות, זאָל אויסגיין צו דיין גענעראַלסקן קאָפּ, אמן! אַ מלחמה אויף זיין קאָפּ, איר האָט געהערט אַן אָנשיקע־ניש? הערט יידן לדברי בערעלע, מיר האָבן אין קאָצק דעם „וויעפּש״, וועלכער פאַלט אַריין אין ווייסל, וואָס דאָס איז אַן אָדער פון ים, פון דער אַנדערער זייט האָבן מיר בערג, פון דער זייט איז דער וואַלד, איז דאָך ממילא אַ גוטער פּלאַץ צו מאַכן מאַנעווורעס. און דערפאַר קומט דער קיסר, כדי ער זאָל זען זיין אַרמיי עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין „עמוד״ און מ׳האָט אָנגעהויבן „מאָלן אשרי״.

נאָך „מנחה״, האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן, און אַזוי האָט מען אָוועקגעשמועסט ביז „מעריב״. נאָך „מעריב״ ווידער, אין בית־מדרש, אין מאַרק, אויף די גאַסן, אין די געסלעך. אויפצומאָרגנס, ווי ס׳האָט זיך נאָר געשטעלט דער טאָג — ווידער אָנגעהויבן. פון הויז צו הויז איז געגאַנגען דער „וואָיט״ מיט „שרייבער״ און דער געשטופּלטער „סטראַזשניק״ מיט די געלע וואָנסן, געהייסן רייניקן די גאַסן, פאַרבן די דעכער און קאַלכן די קוימענס. און קאָצקער יידן ווייסן נישט פון קיין חכמות — דינא דמלכותא דינא. אַז דער קיסר הייסט, פאָלגט מען.

עס איז געוואָרן אַ געקלאַפּעריי אויף די דעכער, און אַ האַלבע שטאָט מענטשן זענען אומגעגאַנגען מיט טעפּ קאַלך און פּענדזלען אין די הענט. די בלעכער זענען אַראָפּ, די קאַלכער מיט די טעפּ אַרויף. עס זענען נאָר פאַרביי אַ פּאָר געציילטע טעג, און דאָס שטעטעלע האָט אויסגעזען, ווי אַן אָפּגעטאָקטער

פורים־קוילעטש, אַלע דעכער אָפּגעפּאַרבט רויט, די קוימענס ווייס, ריין, ציכטיק, אַ „מחיה״.

אין בית המדרש, אין מאַרק, וואו די יידן זענען נאָר געשטאַנען האָט מען אַלץ גערעדט וואָס מ׳זאָל טון, ווי אַזוי מ׳זאָל דעם קיסר מקבל־פּנים זיין, און צום לוקאווער בית־דין האָט מען געשיקט אַ שליח מיט אַ פאַרחתמעטן בריוו האַלטן אַן עצה — צו מ׳זאָל אַנטקעגן גיין מיט אַ ספר־תורה, אָדער מיט ברויט און זאַלץ.

אַלע פאַרנאַכט זענען „חברה״ געלאָפן זען וואו מען האַלט מיטן טויער, ס׳איז געלעגן אָנגעלייגט האָלץ, סטאָלאַרעס האָבן געזעגן, געקלאַפּט. אויף דער ערד אַרום זענען געזעסן שקצות און געפלאָכטן קרענץ, פון דעמבענע בלעטער. יעדער איינער האָט זיך געפילט „גדול׳דיק״, ווי דער קיסר וואָלט געקומען נאָר צו אים. ווען דאָס גאַנצע שטעטל האָט אויסגעזען ווי אַ פרייטיק פאַרנאַכט אין אַ יידישע הויז, וועלכע וואַרט אויפן אָנקומען פון הייליקן שבת, האָט אַ בלאָז געטון אַ ווינטל און אַראָפּ אַ רעגן, אַז אויף דער גאַס איז קיין לעבעדיקער נפש נישט געבליבן. בשעת מעשה איז געוואָרן אַ שמחה, מ׳האָט געמיינט עס איז „מן השמים״, כדי אַלעס זאָל זיך אָפּוואַשן לכבוד דעם קיסר, נאָר — תשעה־באב איז געוואָרן, ווען מ׳האָט זיך אויפגעכאַפּט צומאָרגנס און דערזען דעם חורבן וואָס דער רעגן האָט אָנגעמאַכט. דער קאַלך איז צערונען, די רויט־געפאַרבטע דעכער זענען ווייס געוואָרן און די ווייס־געקאַלכטע קוימענס — רויט געוואָרן.

דער „וואיט״, דער „שרייבער״ מיט אַלע „סטראַזשניקעס״ און דער אַלטער מולאר הארלינסקי, זענען אומגעלאָפן ווי פאַרסמטע, און גלייך האָט זיך צוטראָגן אַ באַפעל, אַלע קוימענס נאכאַמאָל איבערקאַלכן, מיט וואַפּנע, ריינע וואַפּנע, ניט מיט קיין קאַלך. עס איז געוואָרן אַ גרעגעריי אין מאַרק, מ׳האָט אויסגערופן אַז דינסטיק פרי, ניין אַזייגער, וועט „ער״ אָנקומען. און יעדער איינער האָט דערציילט דעם אַנדערן, אַז ער וועט אַריין דורכן טויער, און מ׳וועט אים דאָרט מקבל פּנים זיין. נאָכן קבלת־פּנים, וועט ער דורכגיין די שטאָט ביזן „חראביע׳ס״ הויף.

מאָנטיק פאַרנאַכט האָט דער „ראדזינער־וועג״ געקאָכט ווי אין אַ קעסל. מ׳איז געגאַנגען און געלאָפן, פון טויער צום טויער, געטראָגן, געשלעפּט, סתם צוגעקוקט, געגעבן עצות. צוערשט האָט מען דעם טויער אַרומגעהילט מיט גרינעביימעלעך, אויף די ביימעלעך — בלעטער, אויף די בלעטער — נאָדלען, אַרום די נאָדלען — נאָכאַמאָל גרינע צווייגעלעך, און צום סוף — אַ וועלט מיט בלומען, פאַפּירענע אין אַלע קאָלירן. גאַנץ הויך אויפן שפּיץ — אַ בילד פון דער „הייליקער מאַמע״ מיט אַ „צלם״. אין אַזוי האָט גאַנץ קאָצק זוכה געווען צו דערלעבן צו דעם גרויסן און הייליקן טאָג.

גאַנץ פרי האָט זיך פאַרזאַמלט דאָס גאַנצע שטעטעלע. פון ביידע זייטן שאָסיי זיך אויסגעשטעלט פון קליין ביז גרויס. פלוצלינג האָט זיך באַוויזן אַ שטויב,

הערצער האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן, מ׳האָט זיך אויסגעצויגן, געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, יעדער האָט געוואָלט זוכה זיין מיט זיינע אייגענע אויגן אים צו זען.

נעבן טויער זענען געשטאַנען די אַלטע גלחים מיט אַ יונג גלח׳ל, דער „וואיט״. דער „שרייבער״, און די „כלי־קודש״ אין שבת׳דיקע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, געהאַלטן דאָס קלענסטע ספר־תורה׳לע, און אַ טאַץ, וואו עס איז געלעגן אויף אַ אויסגעשפּרייט ווייסינקע טישטוך, אַ שוואַרץ ברויטל, און זאַלץ־מעסטל זאַלץ.

מ׳האָט געזען פון ווייטן ווי מ׳בויגט זיך און מ׳דרייט זיך. פּלוצלינג האָבן אָנגעהויבן רייטן זעלנער, און נאָך די רייטער איז געפאָרן אַ „קאטש״ מיט פיר פערד איין געשפּאַנט. אין דער „קאטש״ האָט מען געזען זיצן די „חראבינע״, און נעבן איר עפּעס אַ מאַן מיט אַ גראָבן בויך און אַ גרוי בערדעלע, און נאָך דעם „קאטש״ ווידער רייטער, און נאָך די רייטער — דאָס בינטל „כלי־קודש״ און נאָך זיי אַלע מענטשן, געגאַנגען און זיך געשטופּט...

גייענדיק און שטופּענדיק, איז געוואָרן אַ שטילע „מחלוקה״. אַ טייל האָבן געזאָגט, עס איז דער קאָצקער „חראביעס״ קאטש, אַנדערע האָבן געזאָגט, עס איז דעם ראַדזינער „פּריץ״ קאטש. ס׳זענען אָבער געווען אַזעלכע וואָס זענען גרייט געווען צו שווערן אין טלית און קיטל, אַז די קאָטש איז אַ קייזערליכע קאטש, און ניטש קיין פּריצישע.

מיט דער „מחלוקה״ איז מען אָנגעקומען ביז צום „הויף״. די קאטש איז אַריינגעפאָרן, דער אייזערנער טויער האָט זיך פאַרשלאָסן. מענטשן האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן די קראַטן, גלייך ווי זיי וואָלטן געוואָלט זיך דורכשטופּן, און אַ לאַנגע צייט געקוקט אין דעם געשווירענעם בוימער־וועג, וואו די קאטש איז געפאָרן, געפאָרן און פאַרשוואונדן.

דאָס שטעטל, האָט געוואַרט דינסטיק דעם גאַנצן טאָג, מיטוואָך און דאָנערשטיק. אַ טייל האָבן געזאָגט, אַז עס איז גאָר דער קיסר נישט געווען, און דער וואָס איז געווען, איז אויך שוין אַוועקגעפאָרן. אַנדערע ווידער האָבן געזאָגט, אַז עס איז יאָ געווען דער קיסר, און ער איז נאָך דאָ. אַ סימן אַז מ׳מאַכט „בעלער״ אין הויף. און ווען די בעלער וועלן זיך ענדיקן, דאַמאָלס וועט ער אַרויסקומען אויף דער שטאָט.

עס זענען געקומען רעגנס, האָבן די דעכער, די קוימענס געוואַשן, געשווענקט, זיי זענען אָבער ווי להכעיס רויטע און ווייסע געבליבן.

מ׳האָט אָפּגעלאָזט דעם קיסר, און אָנגעהויבן רעדן וועגן מאַנעווורעס, און רעדנדיק, האָט מען זיך אַ נעם געטון צו דער פּושקע „תומכי־עניים״. זי האָט פאַמעלעך זיך אָנגעפילט, און זייער שנעל אויסגעליידיקט. יידן האָבן מיט „יראת־שמים״ פנימער געקוקט אין הימל, געהאָפט צום בורא, און געוואַרט אויף „נסים״.

די מאַנעווורע

איינמאָל איז אַ פאַרבלאָנדזשעטער זעלנער אַריינגעריטן אין קאָצקער מאַרק, און גלייך איז געוואָרן אַ געלויף פון אַלע גאַסן, מ׳איז אָבער שטיין געבליבן פון דער ווייטן, זיך געדרייט און געשמייכלט, ווי פאַרשעמטע חתן־כלה. פּלוצלונג האָט ער אַרויסגענומען אַ לעדערנעם טאַש, פון איין זייט מיט אַ שויב, אונטער וועלכער ס׳איז געלעגן אַ פּאַפּיר. ווי ער האָט נאָר אָנגעהויבן קוקן דורך דער שויב אויפן פּאַפּיר, איז געוואָרן אַ גערעדעריי אַז דאָס איז אַ מאַפּע, אויף וועלכער עס איז אויסגעמאָלט די גאַנצע וועלט.

דער „עולם" האָט ביסלעכווייז זיך צוגערוקט, וואָס אַמאָל נעהענטער און אָנגעהויבן אַריינלייגן אַן אויג. דער איינציקער וועלכער איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט, איז געווען הערשעלע „טאַק טאָטשנאָ".

הערשעלע איז געווען אַ בן־יחיד, און צום „פּריזיוו" זיכער געווען אַז ס׳וועט אים גילטן די „לעגאָטע". איז ער אָבער געווען אַ „יונג מיט ביינער", האָט מען אים גאָר אָן לאַנגע דיבורים צוגענומען, און גלייך אַוועקגעשיקט אין „פּולק". ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ „סדרה" מיט שרייבן ביטעס, חתמנען עדות, און די „ספּראַוועס" האָבן זיך אַוועקגעצויגן אַזוי לאַנג, ביז אונדזער הערשעלע איז ברוך־השם באַפרייט געוואָרן פון גוייִשע הענט, און אַהיים געברענגט אַ וואָרט „טאַק טאָטשנאָ". חברה" האָבן דאָס אויפגעכאַפּט, און דערביי איז ער פאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג — „הערשעלע טאַק טאָטשנאָ".

ערשעלע איז אַריין מיט אויגן אין דער שויב און אַ געשריי געטון: „יידן, איר ווילט זען? אָט איז קאָצק". ס׳איז געוואָרן אַ געשטופּ, אַלע זענען מיט אַ ברען צוגעלאָפן, אָבער גלייך שטיין געבליבן און אָנגעהויבן מורמלען ווי ברוגזע: „אויף מיר אַ מאַפּע צום טיש, ס׳איז לא היה ולא נברא, נישט געשטויגן נישט געפלויגן, גרויס ווי אַ פלוי און גיי גלויב אַז דאָס איז קאָצק".

דער זעלנער האָט עפּעס איבערגערעדט מיט הערשעלען, זיך געלאָזט גיין, און דער גאַנצער „עולם" נאָך זיי, און כסדר געשיט מיט פראַגן. איינער האָט געשריע: „הערשעלע פון וואַנען קומט ער", דער צווייטער: „הערשעלע וואו פאָרט ער", „ווי הייסט ער". דער זעלנער איז צו צום בראָנפן מאָנאָפּאָל, געקויפט אַ „פּערציקסטל", מיט איין קלאַפּ אויף דער „דלאָניע" איז דער קאָרק אַרויסגעשפּרונגען, ער האָט דאָס, ווי דער שטייגער, איבערגעדרייט מיט דער ברייטער זייט אַרויף און אָנגעהויבן אַריינגיסן. פּלוצלונג האָט איינער אַזאָג געטון: „וואָס זאָגט איר נישט צו דעם, ער האָט אַפילו קיין „לחיים" נישט געזאָגט". „לחיים"? ער האָט אַפילו קיין „שהכל" נישט געמאַכט" — האָט אַ צווייטער אונטערגעכאַפּט. נאָך דער „כוסה" איז דער זעלנער אַרויף אויפן פערד, אַ מאַך געטון מיט

די פּיס, דאָס פערד האָט אַ בריקע געטון און פערשוואונדן, איבערלאָזנדיק אַ שטויב וועלכער האָט כמעט דעם גאַנצן „עולם" אַרומגעהילט.

אין בית־המדרש ביי „מנחה" און „מעריב" האָט געקאָכט אויף טיש און אויף ביינק. דער „קאָכלעפל" איז געווען „טאַק טאָטשנאָ". ער האָט אַליין געהערט פון זעלנער. אַז ס׳וועלן זיין גרויסע מאַנעוורעס. די מאַנעוורע וועט זיך אָנהויבן ביי די לובלינער בערג, אַדורכציען די פערליוווער יעזשאָרע, ביז צום דעמבלינער פעסטונג, און ביי אונז אין קאָצק וועט זיין דער שטאַבס־קאַפּיטאַן. און ווען אַ פאַרחלומטער מעל־סוחר האָט פלוצלונג אַ פרעג געטון: „זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי לאַנג קאָן אַזאַ אומגליק געדויערן?" האָט מעכעלע „גענעראַל" אַ לאַך געטון און געזאָגט: „אומגליק? הלואי אַזעלכע אומגליקן אויפן גאַנצן פּאָלק ישראל, שוטה, פון אַזעלכע אומגליקן ווערן יידן נתעשר!" און אָנגעהויבן דערציילן ער האָט אַמאָל געקאָנט צוויי ברידער, שוסטער זענען זיי געווען, לאַטוטניקעס, האָבן אין דער יאַפּאַנישער מלחמה אָנגעהויבן צושטעלן שטיוול, זענען זיי געוואָרן מיליאָנערן, די גרעסטע „פּאָדריאַטשיקעס", און אַזוי איז געווען מיט בעקער און מיט שניידער. גלייך האָט זיך געפונען אַן עדות, וועלכער האָט אַליין געזען מיט זיינע אייגענע אויגן, ווי דער זעלנער האָט גענומען באַ זעלדע דער בייגל־בעקערן אַ זעמל, האָט געגעבן אַ זילבערנם רובל און האָט בשום אופן קיין רעשט נישט געוואָלט נעמען.

און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַ „מאַנעוורעניש", מ׳האָט געציילט טעג, דערנאָך וואָכן, עס זענען ברוך־השם געוואָרן חדשים, און גאָט האָט געהאָלפן.

אין אַ פרימאָרגן, ווען קאָצק האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט מען געזען צוויי זעלנער שטיין אויפן גלאָק, פון דער קאָצקער „תפלה" — איינער קוקט מיט אַ שפּאַקטיוו, און דער צווייטער רעדט אַריין עפּעס אין אַ קעסטעלע. איז גלייך געוואָרן אַ גערעדעריי אין מאַרק, אַז דאָס איז די מאַנעוורע.

בעקערס זענען געשטאַנען גרייט מיט די „ראָשטשינעס", אין אַלע זייטן געקוקט, אַ טייל האָבן געזאָגט, אַז די מאַנעוורע וועט אָנקומען פון דאַנען, אַ טייל האָבן געזאָגט — פון דאָרטן. נאָכמיטאָג האָט זיך דערהערט אַ שאָס, האָבן אַלע ווי מיט איין קול אַ געשריי געטון: „זי קומט!". דערנאָך האָט זיך דערהערט אַ ווייטערער שאָס, האָט מעכעלע „גענעראַל" גלייך דערקלערט, אַז מ׳שטויסט אים אָפּ — דעם שונא. און אַזוי האָט מען אים „געשטופּט" און „געשטויסן", ביז די צוויי זעלנער זענען אַראָפּ פון גלאָק, אָנגעהויבן צוזאַמענוויקלען שוואַרצן דראָט, און ווי פון אַ שריפה אַנטלאָפן געוואָרן.

אין שטעטל איז געוואָרן אַ קרעכצעניש, מ׳האָט געפילט ווי אַלע זיסע חלו־

מות זענען נעביך צורונען געוואָרן, און ווען דער „עולם״ איז געגאַנגען נאָך „מעריב״ אַהיים, איז אים אַנטקעגן געקומען די אַרמיי.

אַ גאַנצע נאַכט זענען געריטן און געפאָרן האַרמאַטן, קוילן און וועגנער פון וועלכע ס׳איז געגאַנגען אַ רויך. עס פלעגט אויף אַ פּאָר מינוט אויפהערן, און גלייך ווידער אָנהויבן. די די קינדער איז גאָר קיין ספק נישט געווען, אַז דער קיסר איז דער שטאַרקסטער אויף דער גאַנצער וועלט. נאָר ווען די „גרויסע״ האָבן אָנגעהויבן אַריינצוגיין אין התפעלות, און שרייען — „רבונו של עולם, און דאָס אַלץ געהערט צו איין מענטש? צו איין קיסר?״ — האָט זיך מעכעלע צולאַכט און געזאָגט: — „נאַראָנים, דאָס וואָס איר זעט דאָ, איז ווי אַ טראָפּן אין ים, אַקעגן דעם וואָס איך האָב געזען אין דער יאַפּאַנישער מלחמה, אין פּאָרט־אַרטור״, „גלויבט מיר, ווען נישט דאָס וואָס סטעסעל האָט פאַר צוויי פּעסלעך גאָלד אַוועקגעגעבן די שליסלען פון פעסטונג, וואָלטן מיר זיי מיט די היטלען פאַרשטיינערט״. מעכעלע איז אַווילע שטיל געבליבן, אַ טראַכט געטון און ווייטער געזאָגט: — „לויט ווי איך זע זיי „אָפּציען״, איז ביי מיר גאָר קיין ספק נישט אַז עס וועט זיין אַ מלחמה, און דווקא אַ גרויסע מלחמה״.

דאָס מאָל האָט קיינער די העזה נישט געהאַט אַרויסצורעדן אַ וואָרט. ביי אַלעמען האָבן זיך געעפנט די מיילער, אויסגעגלאָצט די אויגן, שטיין געבליבן דערשראָקענע, גלייך ווי מ׳וואָלט דערהערט אַ שרעקליכע בשורה.

יעקב הערץ (תל אביב)

א גלגול

אַ זומער טאָג. די זון וואַרעמט צנועה׳דיק. בלאַסע געזיכטער דורך צעריסענע וואָלקן לעכער; ריחות פון נאָר וואָס געשניטענעם היי אויף די לאַנקעס רייסן זיך דורך גויישע געסלעך אין שטעטל אַריין.

אַ שייגעץ מיט אַ קאָפּ פלאַקס־האָר וועלכע שפּילן זיך שטיפעריש איבערן גויישן פּנים, פירט באַרוועס מיט אַ הפקרדיק׳ן פייפן, האַלב גרינע נישט באַפּליגלטע גענזלעך פּאַשען אויף די לאַנקעס האַרט ביים טייך.

קרעמער און קרעמערקעס קוקן פאַרשמאַכטע אין לערן מאַרק אַריין. אין אַלערע רוהיקייט איז אויך געהילט די פעלטיכעס אכסניה הויז, וואָס איז מיט חשיבות צעשפּרייט אין דער ברייט, אויך אין דער טיף.

נישט דאָ איצט אין דער אכסניה דער דאַרער רעוויזאָר אין רוסישן היטל, מיט אַ גרין פּאַס פּאַלירטע גרויסע דענקע, וועלכער עסט זיסע מאַנדלען און וואַרפט ביטערע שרעקן אויף די האַלב ליידיקע קרעמלעך.

נישטאָ דער סוביעקט מיט ביטרע אייגעלאַך, געפּוצט אין שוואַרץ פון דעם האַרטען הוט ביז די לאַק שיך מיט די הויכע קנאַפּל, וועלכער פלעגט קומען צו יואל קרייצמאַנען, אַ גרויסער סוחר, אַ קליין באַ׳חנ׳ט יידל, מיט אויגן וועלכע זאָגן עדות אויף חכמה צו פירן אַ ברייט הויז און אויך דאָס שטעטל אַלס דאָזער. יואל איז אַ ירא שמים, ער איז אָבער עולם הזה אויך נישט מבטל; דאַוונט אין קאָצקער שטיבל, און איז קיין קאָצקער חסיד. אָבער גאַנץ אָפּט, פאַרבעט ער דאָס שטיבל צו זיך אויף קידוש. די יואל׳כע, טראָגט אַ שייטל, רעט מיט אַ סגול און מאַכט ליטווישע מאכלים, איז מכבד מיט צנועה׳שע וואַרעמקייט די שטיבל יידן פון איר בריה׳שקייט, און יואל קוועלט פון נחת. מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, וועלכע זענען פון וואָנסעס באַדעקט, פלעגט ער קוקן אויף די אורחים וואָס לעקן די פינגער און פאַרטרינקן מיט ניינציקער שפּירט.

ס׳איז אויך איצט נישטאָ דאָ דער רייזענדער מיט אַ ספק גוייש פּנים, וואָס רעט נאָר גוייש, רויכערט „גאַבינעט״ ציגאַרעטן, און איז זיך שטאַרק מטפּל אין די בלאָנדע וואָנסעס. ער פלעגט קומען צו ישראל מענדלען. אַ ערנסטער איד, אַ ערנסטער סוחר, (זיין שטערן קנייטשט זיך פוןביידע). אויסער די שפּייכלערס, וואַלגערט זיך סחורה הינטער די פּיס, — גאַנץ אָפּט אויך אויף די בעטן.

געטרונקען האָט ישראל מענדל נאָר ביי אַ גלעזל טיי, וואָס איז געווען בשפע אויף פּאַר אורחים, גיטל פלעגט שעמעוודיק ברענגען פאַר די געסט צום צובייסן —

שטראָדל און אַנדערע זיסקייטן, — און האַרציג בעטן מ׳זאָל טועם זיין.

די קינדער פלעגן שמועסן, שמייכלענדיק מיט דעם רייזענדן, און טראַכטן דערביי: אַ מיאוסער מגולח, און דאַן אים אָוועקפירן ביז די פעלטיכעס אכסניה באַנק.

אַט אויף די באַנק וואָס איז האַרט נעבען פאַרמאַכטן האָלץ טויער, זיצן איצט האַלב שלאָפנדיק זעליג און גדליה טרעגער. אלי באַ מיט אַ קאָפּ ווי אַ קרומער פיטם פון אַ מגושמדיקן אתרוג, שטייט ווי אַ האַלב אָפּגעשניטענער דעמב אָנגע־שפאַרט אָן דער וואַנט און גענעצט מיט אַן עכאָ איבערן גאַנצן מאַרק. אַ דרימ־לענדע מידקייט באַהערשט דאָס שטעטל ווי פאַר אַ זומער רעגן, אָדער אַ געוויטער. די איינציקע באַשעפעניש אין דעם גרויסן פירקאַנט־מאַרק איז פּלוצים אַ גראַציעז שוואַרצער אַטלאַס־קאָזשאָל. צווישן די סמנים פון הערנער פאַלט אים אַ טשופרינע ביז די אויגן, וואָס טוישן די פאַרבן לויט דעם קאָזשאָלס שטימונג.

ר׳ בעריש מורה־הוראה היה פטרונה של הישיבה ודאג לצרכיה כאב לבניו. הוא דרש מהמלמדים לא להכביד את אכפם על התלמידים ולקבוע גם הפסקות למנוחה. כשהיה ר׳ פנחס איצלס מתלונן לפניו שהתלמידים שובבים — היה ר׳ בעריש דורש זאת לשבח ומרגלא בפומיה: מי שהוא שובב בנערותו יהיה בעל מרץ ויהודי טוב לכשיגדל, ואילו השקט עלול להיות ל„גולם״... ר׳ בעריש, חשוך ילדים היה ונפטר גלמוד ובודד בוורשה, ונבצר היה מאתנו, תלמידיו, ללוותו למנוחת עולמים.

„צעירי אגודת ישראל״

בעת ובעונה אחת עם ייסוד „אגודת ישראל״ הקימו הצעירים את הארגון „צעירי שלומי אמוני ישראל״ וקבעו את מועדונם באולם הישיבה (אצל הרשל סקרבניק), שבו פיתחו פעולה ארגונית ותרבותית ענפה, כגון ספריה גדולה ואולם קריאה, הרצאות, שיעורי ערב ללימודי קודש וחול, שיחות חברים, נשפי שאלות ותשובות. יש לציין, שלארגון זה הצטרף בתקופה ההיא כמעט כל הנוער החרדי והנוטים להם, והוא הקיף רוב מניין ורוב בניין של הנוער בעיירה (פרט למאורגנים באיגודים המקצועיים). פעולות הסניף לא הצטמצמו בקוצק — נערכו גם ביקורים בסביבה הקרובה (לוקוב וכו׳). כן נוסדה אז גם תנועת „בית יעקב״. בועד הסניף היו צדוק מרחבקה, מרדכי מרחבקה, שאול אלטביר, מאיר אבערקלייד, ישעיה שטרן, ישראל רזניקוביץ — וייבדל לחיים אהרן בן־יוסף (כעת בארץ).

אך הארגון לא האריך ימים ואחרי זמן קצר חלה התפוררות בסניף ורבים עזבוהו.

שמחה קרייצמן (תל־אביב)

בית״ר ארגאניזאציע אין קאצק



דער איבערגאַנג פון פנחס־איצל׳ס חדר און פון קאָצקער שטיבל צום ציוניזם — איז געווען זייער אַ געוואַגטער, דאָך האָט די קאָצקער יוגנט זיך מיט מסירות־נפש און התלהבות אַריינגעוואָרפן אין די פאַרשיידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן עקזיסטירט אין שטעטל.

דער אָנפאַנג פון ציוניסטישער טעטיקייט אין קאָצק קאָן גערעכנט ווערן פון יענעם צוזאַמענטרעף וואָס איז פאָרגעקומען נאָך פאַר דער ערשטער וועלט מלחמה, אין אַ קליין צימערל ביי נח גרינהיים, וואו עס האָבן זיך פאַרזאַמלט יעקב הערץ, שמחה שיעלע קצבס און יצחק אליה צוקערמאַן; מיט דעם הייבט זיך אָן די היסטאָריע פון ציוניזם אין קאָצק. שפּעטער האָט די אָרגאַניזאַציע געוואַקסן און מיטגעצויגן מיט זיך פיל מיטגלידער (צווישן וועלכע עס זענען געווען מיכאל ראַק, אברהם טשאַרני, שייקע ווייסבראָט, ראובן קרייצמאַן, נטע בוימנפעלד, אַבוש ראָזענבערג און משה זאָנענשיין). צו יענער צייט האָט מען באַשלאָסן גרינדן אַ העברעאישע שולע. די לערער זענען געווען: יעקב הערץ, יצחק אליה צוקערמאַן און יונה זיגעלמאַן. געדענק איך נאָך דעם ערשטן חנוכה אָוונט אין דער שולע, ווען יעקב הערץ האָט אונדז איינגעחזרט דאָס באַקאַנטע לידל: „אָ, איר קליינע ליכטעלעך״...

די אַרבעט האָט זיך פאַרצווייגט. מען האָט געדונגען אַ גרויסן לאָקאַל ביי שמואל לייב אייזנמאַן און דאָרט איז שוין געווען אַן אמת׳ער „בית הספר״. עס זענען שוין געווען אמת׳ע לערער פון דער פרעמד, פּראָפעסיאָנעלע. דער לאָקאַל איז שוין געוואָרן קליין — האָט מען געדונגען אַ גרעסערן ביי איטשע בושטשיסקער און די פרייד ביי דער יוגנט איז געווען זייער גרויס.

אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען ביזן אויסברוך פון קריג צווישן פוילן און רוסלאַנד (ענדע פון ערשטן וועלט קריג). דאַן הויבט זיך אָן די „ערשטע עלייה״ פון קאָצק. עס פאָרן אַוועק קיין ארץ־ישראל יעקב הערץ, לייביש קרייצמאַן, אליה טאָפּל א.אַ.

די „צווייטע עלייה״ האָט געבראַכט אין ארץ ישראל דוד ראַק, זיסל קרייצמאַן, פינטשע קרייצמאַן, יונה גאָלדפינגער, מיכאל ראַק און נאָך. עס הייבט זיך אָן די חלוצישע באַוועגונג אין שטעטל. עס שאַפן זיך נייע אָרגאַניזאַציעס „המזרחי״, „הנוער הציוני״, „השומר הצעיר״ — און פון דער צווייטער זייט די קאָמוניסטן, וואָס האָבן געקעמפט קעגן ציוניסטישן געדאַנק.

✶

צו יענער צייט האָט דער שרייבער פון די שורות צוגעטרעטן צו אָרגאַניזירן דעם בית״ר אין קאָצק. ניט לייכט איז אָנגעקומען דאָס גרינדן פון בית״ר אין קאָצק — איז דאָך די גאַנצע יוגנט כמעט שוין געווען אָרגאַניזירט אין די פאַרשיידענע פאַרטייען. איך געדענק ווי איך האָב זיך באַראַטן מיט הערשל מאַדאַנעס, יחיאל סטאַראַוויעשטשיק, יצחק מאיר ראָזענבלאַט און אַלטער זאַקאַליק אין איינער אַ שיינע לבנה נאַכט אויפן וועג וואָס פירט קיין וואַרשע, ביי צוויי גרויסע ביימער. אויף מיין ערקלערונג אַז איך גיי אויפשטעלן דעם בית״ר אין קאָצק, האָבן זיי געענטפערט אַז זיי געהערן שוין צום החלוץ, השומר הצעיר און מזרחי. דאָך האָבן צוויי פון זיי מיר צוגעזאָגט (אַלטער זאַקאַליק און יחיאל סטאַראַוויעשטשיק) העלפן מיר אין אָרגאַניזיר־טעטיקייט. שפּעטער האָבן זיך אָנגעשלאָסן נייע אָנהענגער, ביז דער „נוער הציוני״ איז פולשטענדיק איבערגעגאַנגען אין אונדזער אָרגאַניזאַציע, און זייערע לאָקאַל איז אַריבער אין אונדזער רשות. אונדזער טעטיקייט האָט זיך צעוואַקסן: מיר האָבן איינגעאָרדנט פאָרטראַגן און דיסקוסיע־אָוונטן, אויף וועלכע מיר פלעגן איינלאַדן אַלע אָרגאַניזאַציעס פון „השומר הצעיר״ ביז „מזרחי״.

דער בית״ר איז געוואָרן זייער פּאָפּולער אין קאָצק. פיל עלטערן האָבן געבראַכט די קינדער זיך פאַרשרייבן אין דער אָרגאַניזאַציע. דער לאָקאַל איז געוואָרן אין אַ קורצע צייט קליין פאַר אונדזער אַרבעט, און מיר האָבן געדונגען אַ גרויסן זאַל פון 3 צימערן (ביי בעריש סאָדע־וואַסער). מיר האָבן אויך געגרינדעט קורסן פאַר עברית (די לערער: אבוש ראָזענבערג, דער מדריך געלעס און יאַנקל שערמאַן). מיר האָבן אָנגעבונדן באַציאונגען מיט די שכנות׳דיקע בית״ר אָרגאַני־זאַציעס אין ראַדזין און אין לעווערטאָוו. מיר פלעגן אויך אָנטיילנעמען אין די כינוסים אין לובלין און אין וואַרשע.

אין 1936, אין דער צייט ווען עס האָבן אויסגעבראָכן די מאורעות אין א״י האָב איך באַקומען אַ באַפעל פון דער צענטראַלע פון דער אומלעגאַלער עלייה — עולה זיין קיין ארץ־ישראל, און איך האָב פאַרלאָזן קאָצק.

תנועת הפועלים היהודית בקוצק
יידישע ארבעטער באוועגונג אין קאצק

רחל ופנחס קריצמן (תל-אביב)

קוצק ב־1905



בהתחלת המאה הנוכחית היתה קוצק עיירה מבודדת ורחוקה מדרך המלך. לא רכבת ולא עתונים. אמצעי התחבורה היחיד היתה עגלת סוסים, שבה היו נוסעים לוורשה במוצאי־שבת אחר הבדלה כדי להביא את הסחורה בערב שבת לפני הדלקת הנרות.

בתחילת שנת 1900 החלו לנשב בגם בקוצק רוחות חדשות. עוף השמים הביא לעיירה בשורת הזעזועים המהפכניים שברחבי רוסיה, ואף בה החל להתרחש משהו. ב־1905 התקיימו גם בקוצק הפגנות, הורדת תמונת הצאר במקומות פומביים (במועצה המקומית, במשרד המונופולין וכו׳). המפגינים התנפלו על מחסני המשקאות החריפים ולאחר חילופי יריות עם המשטרה פוצצו המחסנים והיי״ש זרם ברחוב כמים... הרוח החיה בארגון ההתקוממות הללו היה בחור צעיר (ברוסאק) בנו של ברל בוצ׳ן, שפרנסתם היתה על חכירת גני־פרי אצל האכרים האמידים.

במשך תקופה קצרה אף השתלטו המורדים על העיר ולקחו את השלטון לידיהם. יום־יום התקיימו הפגנות עם דגלים אדומים; העשירים חויבו לשלם מסים והחנוונים אולצו לחלק מזון לעניים. תנועה זו הקיפה גם את הנוצרים שהיו מתאספים כל יום א׳ לתפילה בכנסיה. שלטון המורדים נמשך כמה שבועות עד בוא הקוזאקים ששמו קץ למצב זה ע״י הריגות, מאסרים וגירוש לסיביר. שני האחים פינקלשטין (בניו של ליבל בורקר) ממנהיגי המרד נהרגו באותו זמן.

שיע ערליך (אַרגענטינע)

„שטרייקערס"



די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע וואָס האָט פֿאַרפֿלייצט די רוסישע אימפּעריע אין 1905, האָט געהאַט אַ השפּעה אויך אויף קאָצק, טראָץ דעם וואָס קיין פּראָלעטאַריאַט — לויט דער אָנגענומענער דעפֿיניציע — האָט דאָרט ניט עקזיסטירט; דאָס רוב מנין און רוב בנין פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין קאָצק איז דאַן באַשטאַנען פֿון קליינע בעלי־מלאכות (שוסטערס, שניידערס, סטאָליאַרעס א.אַ.וו.). דער אַרבעטס טאָג האָט זיך געצויגן פֿון זון אויפֿגאַנג ביז שפּעט אין דער נאַכט און דער געהאַלט איז געווען קליין. פֿאַרשטענדלעך אַז די האָרעפּאַשנע שיכטן זענען גענייגט געווען זיך אָנצוכאַפּן אין די רעוואָלוציאָנערע בשורה, וואָס איז אַריינגעדרונגען אויך אין פֿאַרוואָרפֿענעם שטעטל קאָצק. עס האָבן זיך געגרינדעט דאַן גרופּן, וועלכע האָבן זיך גערופֿן „שטרייקערס" — קיין אידעאָלאָגישן פּלאַטפֿאָרם האָבן זיי ניט געהאַט. דאָך האָבן זיי זיך ספּאָנטאַן אָרגאַניזירט און געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער יידישער באַפֿעלקערונג אין יענער ברויזנדער עפּאָכע. צו יענער צייט האָט זיך פֿאָרמירט דער אָנפֿאַנג פֿון די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן שפּעטער עקזיסטירט אין קאָצק. פֿון דער סטיכישער, אַפֿילו נעגאַטיווער, רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָבן זיך אין די שפּעטערדיקע יאָרן געשאַפֿן פּאַרטייען מיט באַשטימטע אידעאָלאָגיעס, ווי דער „בונד", „פּועלי־ציון" (רעכטע און לינקע) און די גאָר לינקע אָרגאַניזאַציעס.

די פּאַרטייען האָבן געזאָרגט ניט נאָר פֿאַר אויסבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די אַרבעטער אין קאָצק, נאָר אויך געפֿירט אַ ברייט פֿאַרצווייגטע קולטורעלע טעטיקייט. דער דאָזיקער פּאָזיטיווער פֿאַרמעסט פֿון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין קאָצק האָט דערגרייכט זיין העכסטן פּונקט אין די יאָרן צווישן די צוויי וועלט מלחמות.

יחזקאל שטערן (אַרגענטינע)

ארבעטער פארטייען אין קאצק



אין יאָר 1915, מיט דער דייטשער אָקופּאַציע און צוריקטרעטן פון דער צאַרישער אַרמיי קומט פאַר אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין לעבנס־שטייגער פון שטעטל. קאָצק ווערט דאַן דער גרענעץ פּונקט צווישן עסטרייך און דייטשלאַנד. דער טייך וויעפּש טיילט אָפּ — קינסטלעך — די אַזוי נאָנטע שטעטלעך ווי מיעכאָוו, לעוואַרטאָוו א אַ. עס בליט דאַן דער „שמו־גל", אין וועלכן עס נעמען אָנטייל דער גרעסטער טייל פון דער סוחרישער באַפעלקערונג. די דייטשע אַרמיי פאָדערט אָבער באַשפייזונג און באַקליידונג — עס אַנטשטייען דאַן ווערקשטאַטן מיט אַ גרעסערע צאָל לוין אַרבעטער, וועלכע שטעלן שוין עקאָנאָמישע פאָדערונגען, באַגרענעצן דעם אַרבעטס טאָג, העכערע לוינען א.אַ.וו. דאָס רוקט אַרויס די נייטווענדיקייט פון פראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע. אין אָנפאַנג אָן אַ טעאָרעטישן הינטערגרונד — שפּעטער פאָרמירן זיך אידעאָלאָגישע דיפערענצירונגען, פון וועלכע עס וואַקסן אַרויס אַרבעטער פאַרטייען.

די ענדע פון דער ערשטער וועלט מלחמה און די וואַלן צום ערשטן סיים — קאָנען פאַרעכנט ווערן אַלס דער אָנפאַנג פון אַ ריכטיקן פאַרטיי לעבן, קליין נאָך אין צאָל אָבער זייער לעבהאַפט און ברייזנד. אין דער שפּיץ פון די אַרבעטער פאַרטייען שטייען בחורים, צום ביישפּיל, אייזיק בערנהאָלץ (חיים נאָסקע׳ס זון) וועלכער האָט אָנגעפירט דעם „בונד". צווישן די לינקע פועלי־ציון געפינען זיך: חיים ברוך וואַרשניטער, משה פיערניק, אַהרן גלייכגעוויכט, חיים זאַקאַליק, ישראל שטערן, יצחק אייזנמאַן א.אַ.

כאַראַקטעריסטיש אַז אַלע פאַרטייען האָבן זיך דאַן קאָנצענטרירט ביי דער ביבליאָטעק.

שפּעטער שאַפן זיך אָרגאַניזאַציעס וועלכע טראָגן ניט קיין פאַרטייאישן כאַראַקטער, אָבער זאָרגן פאַר דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פאַרבעסערונג פון די פאַרשיידענע שיכטן פון די באַפעלקערונג, ווי צ. ב. דאָס האַנטווערקער ליי־קאַסע,

גמילות חסדים קאַסע א.אַ. ערשט אין 1926 שאַפט זיך דער פּראָפ. פאַראיין אונטער דער אָנפירערשאַפט פון „בונד" מיט לייזער קליינמאַן, נחמיה זשעזשניקעוויטש, חאַצקל שטערן, וועלוול וואַרטאָווניק א.אַ. (אַן אַנדער טייל האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דעם לעדער־פאַראיין). דער פּראָפ. פאַראיין איז אייגנטלעך געווען אַ קאָנ־גלאָמעראַט פון פאַרשיידענע אידעאָלאָגישע ריכטונגען און האָט איינגעשלאָסן אין זיך אויך פאַרשיידענע פאַכן. די הויפּט אויפגאַבע פון פּראָפ. פאַראיין איז געווען פירן אַ קאַמף פאַר אָפּשאַפן די „יאָר־אַרבעט" און איינפירן דעם 8־שעה׳דיקן אַרבעטס טאָג. אויפן קולטור־געביט: שאַפן אַ ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון דער „קולטור ליגע" מיט אַ ברייט פאַרצווייגטע קולטורעלע טעטיקייט. נאָך אַ קורצער צייט צעפאַלט זיך דער נאָדל־פאַראיין. די השפּעה אויף דער אַרבעטער יוגנט אין שטעטל באַקומט די לינקע פּאַרטיי (קאָמוניסטן), וועלכע פירן זייער אַרבעט אונטערן שילד פון ספּאָרט־פאַראיין". אין דער אמת׳ן האָבן זיי געפירט אַ פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט. זיי האָבן אויך געשאַפן אַ פּרעכטיקע ביבליאָטעק און געוואָרן דער שטאַרקסטער כוח אויף דער אַרבעטער גאַס.



תנועת ה„בונד" בקוצק — די „בונד" אָרגאַניזאַציע אין קאָצק

ערשט ווען די ביבליאָטעק איז קאָנפיסקירט געוואָרן און דער קלוב צוגע־מאַכט האָט זיך די אַרבעט אַרויסגעטראָגן אין גאַס, אַן אַרבעט פון וועלכע די פוילישע מאַכט אָרגאַנען האָבן קיין גרויס נחת ניט געהאַט.

עס איז געווען אַמאָל אַ ברויזנדע אַרבעטער באַוועגונג אין קאָצק, וועלכע האָט צווישן זיך געקעמפט — אידעאָלאָגיש — איבער דער העגעמאָניע אויף די מאַסן. די נאַצישע רוצחים האָבן אַלץ אויסגעגלייכט און פון דעם געלאָזן בלויז בלוטיקע קברים.

מענדל שלעפּאַכאָווסקי (כפר־יהושע)

דער „בונד" אין קאָצק



קאָצק, אַ קליין רואיק שטעטל, האָט געציילט פאַר דער מלחמה ביי 4000 יידישע איינוואוינער. ווי געוויינלעך אין אַלע שטעטלעך אין פוילן, האָבן אויך דאָ עקזיסטירט פאַרשיידענע פּאַרטייאישע ריכטונגען און אָרגאַניזאַציעס. די יוגנט האָט געפירט צווישן זיך הייסע דיסקוסיעס וועגן אַלע יידישע און וועלט פּראָב־לעמען. דאָ וועל איבערגעבן בלויז וועגן דער אַנטשטייאונג פון „בונד" אין קאָצק.

די באַדינגונגען אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען די יידישע אַרבעטער אין קאָצק זענען געווען דאַן זייער שווערע. די אַרבעטס־שעה'ן זענען פון 6 אין דער פרי ביז 12 ביינאַכט. פאַרשטייט זיך אַז דעם אַרבעטער איז שוין ניט געבליבן קיין צייט צו לערנען אָדער לייענען. שבת פלעגט דער אַרבעטער גיין אין בית־המדרש אָבער אויך דאָרט האָט ער ווייניק געלערנט — ווייל שבת־צו־נאַכט האָט ער שוין געמוזט זיין ביים מייסטער. ניט בעסער איז עס געווען מיט דער אַרבעטער־יוגנט. 12 יאָריקע קינדער זענען געגאַנגען זיך לערנען אַ פאַך. דאָס האָט געדויערט, געוועגלעך, 3 יאָר, און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי געמוזט טאָן אַלע שטוב־אַרבעט און שליחות'ן פון מייסטער. בכלל האָט די בירגערלעכע באַלעבאַטישע יוגנט זיך געשעמט מיט'ן בעל־מלאכה.

די איניציאַטיווע צו גרינדן דעם „בונד" אין קאָצק איז געקומען פון דעם נאָנטן שטעטל ראַדזין, וואו עס האָט שוין עקזיסטירט אַ באַוואוסטזיניקער אַרבע־טער־קלאַס מיט פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און קולטור געזעלשאַפטן. פון ראַדזין איז געקומען אַ שליח פון „בונד", וועלכער האָט משפּיע געווען אויף נחמיה זשעזשניקעוויטש גרינדן אַ פּראָפעסיאָנעלן נאָדל־פאַראיין אין קאָצק.

די דערגרייכונגען פון „בונד" אין קאָצק זענען געווען פאָלגנדע: 1) דער פאַראיין האָט אויסגעקעמפט אַ 10 שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג; 2) דער „בונד" האָט געשאַפן אַ „קולטור־ליגע" מיט א גרויסע ביבליאָטעק; 3) עס האָט זיך געשאַפן דורך זיין איניציאַטיוו א סאָציאַליסטישער האַנטווערקער פאַראיין (מיט יצחק קרייצמאַן אין דער שפּיץ).

דער „בונד" האָט עקזיסטירט אין קאָצק, גלייך ווי די איבעריקע פּאַרטייען (ציוניסטן, קאָמוניסטן, אגודה א.אַ.) ביז די היטלער בעסטיע האָט אַלץ פאַרניכטעט.

איך וויל דאָ דערמאָנען די טיכטיקע חברים פון „בונד": אברהם יאַנקל ביבולא, ליפּע וואַסערמאַן, מייטע ריטנער און ברוך קוויאט.

נטע קופּערשלאַג (היפה)

פּראפעסיאנעלע פאראיינען אין קאצק



די ערשטע יידישע אַרבעטער אָר־גאַניזאַציע האָט זיך געגרינדעט אין קאָצק אין 1926, אין אַ הינטער געסל אויף די בראָוואַרנע ביי שמואל וואַרטאָווניק אין הויז. די איניציאַטאָרן זענען געווען: נחמיה זשעזשניקאָוויטש, ישראל שילד־קרויט, יעקב קליינמאַן, מרדכי קופּערשלאַג, נטע פּעפּערקאָרן א.אַ. געוויינלעך זענען באַלד אַרויס צום שיין פאַרשיידענע פּאָלי־טישע מיינונגען, און עס האָבן זיך געשאַפן צוויי פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען: דער נ אָ ד ל ־ פ אַ ר א י י ן אונטערן איינפלוס פון ‚בונד', און דער ל ע ד ע ר ־ פ אַ ר א י י ן אונטער דער השפעה פון די קאָמוניסטן.

אין אַזוי גערופענעם „לינקן פליגל״ (קאָמוניסטן) זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ — יעקב לייזער קליינמאַן, נטע פּעפּערקאָרן, מרדכי קופּערשלאַג א.אַ.ביידע פּאַראיינען האָבן געפירט אַ שטאַרקע טעטיקייט צווישן די אַרבעטער און זיך באַמיט זיי אַריינציען אין זייערע רייען. דער לעדער־פּאַראיין האָט גלייך אָנגע־פאַנגען אַ פאַרצווייגטע קולטורעלע טעטיקייט צווישן דער אַרבעטער יוגנט, וואָס האָט צו יענער צייט ניט באַזוכט קיין פאָלק־שולע אַפילו, נאָר געלערנט אַביסל אין די חדרים. עס האָבן זיך געשאַפן קורסן פאַר דער אַרבעטער יוגנט (מען האָט ספּעציעל געבראַכט אַ לערער פון פּינסק). אויסער דער קולטורעלער טעטיקייט האָט זיך אויך געפירט אַ לעבהאַפטע פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט, אַזוי, צום ביישפּיל, האָט מען אויסגעקעמפט אַ 10 שעה׳דיקן אַרבעטס־טאָג ביי די בעלי־מלאכות, און אויך אַן אָפּמאַך וועגן אָננעמען אַרבעטער נאָר דורך דעם פּאַראיין. דער אָפּמאַך איז געמאַכט געוואָרן אויף אַ האַלב־יאָר (פון פּסח ביז סוכות). אַן אָפּזאָג פון דער אַרבעט איז דערלויבט געווען ביז 6 וואָכן — און אויך נאָר דאַן ווען דער מייסטער האָט ניט געהאַט קיין אַרבעט. עס האָט זיך אויך געפירט אַ קאַמף איבער הוספות פאַר די אַרבעטער. עס האָט געהערשט אַ שטרענגע דיסציפּלין ביי די אַרבעטער, און ווער עס האָט ניט אויסגעפילט די פאַראָרדנונגען איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון פּאַראיין.

די פּוילישע מאַכט אָרגאַנען האָבן געקוקט קרום אויף דער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט, זעענדיק אין דעם אַ פאַרמאַסקירטע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשיידענע שיקאַנעס, ביז די פּאָליציי האָט געשלאָסן די אָרגאַניזאַציע אויף 3 מאָנאַט אין יאָר 1930. דער פּראָפעסיאָנעלער פּאַראיין האָט אָבער פאָרגעזעצט די פּראָלעטאַרישע און פּאָליטישע טעטיקייט אונטערן נאָמען פון אַ „ספּאָרט פּאַראיין״ (ביי בערל קאָוואַל אויפן 2־טן שטאָק). אין 1931 האָבן די מיטגלידער פון ספּאָרט־פּאַראיין איינגעאָרדנט אַ יאָרצייט אַקאַדעמיע צום אָנדענקען פון לענינען, אָבער די פּאָליציי האָט זיך אַריינגעריסן אין זאַל און געזוכט פאַרדעכטיקן מאַטעריאַל (דאָס בילד פון לענינען איז ביי אַ צייכן פון חברים וועגן אָנקומען פון פּאָליציי גלייך פאַרברענט געוואָרן אין אויוון). עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ רדיפה איבער די איינצעלנע חברים און דאָס האָט טאַקע געהאָלפן — די גרעסטע טייל יוגנט האָט אויפגעהערט אָנטייל נעמען אין דעם „ספּאָרט פּאַראיין״, און היות לויטן סטאַטוס האָבן געמוזט געהערן צום פּאַראיין 200 מיטגלידער, איז דער פּאָליציי געלונגען צו פאַרמאַכן דעם פּאַראיין.

די יוגנט האָט זיך אָנגעשלאָסן דאַן אין די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער „בונד״ און „השומר־הצעיר״.

איינע פון די קולטורעלע דערגרייכונגען פון „לעדער־פּאַראיין״ איז געווען דאָס פאַרגרעסערן די ביבליאָטעק, צו וועלכער עס האָבן אָנגעהערט אַלע קרייזן



חברי „ספאָרט פאַריין" בקוצק
מיטגלידער פון ספאָרט פאַריין אין קאָצק

פון שטעטל. אין דער ביבליאָטעק האָט די יוגנט געקענט באַקומען צום לעזן די קלאַסישע יידישע ליטעראַטור ווי פרץ, שלום עליכם, שלום אַש א.אַ., איבערזעצונגען פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, און אויך ווערק פון מאַרקס, טראָצקי א.אַ.

ביי דער ביבליאָטעק זענען פאָרגעקומען חברים־שמועסן און קעסטל־אָוונטן, וואו עס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן יוגנט פון אַלע ריכטונגען. עס זענען אויך דאַן פאַרשפרייט געווען די גאַנצע טעגלעכע, וואָכנטלעכע און מאָנאַטלעכע צייטונגען און זשורנאַלן — כמעט יעדער יוגנטלעכער האָט געקויפט אַ צייטונג.


אין 1933 האָט די פּאָליציי ווידער אָנגעפאַנגען רודפ׳ן דעם „לעדער־פאַראיין", מיט׳ן אויסרייד אַז דער פאַראיין און די ביבליאָטעק דינען נאָר פאַר אַ צענטער פון קאָמוניסטישער טעטיקייט. דער פאָרזיצנדער שלום זיידשניצער און

דער סעקרעטאַר שלום גאָלדפאַרב זענען אַרעסטירט געוואָרן און די ביבליאָטעק (וועלכע האָט געציילט דאַן ביי 800 ביכער) איז פאַרחת׳מעט געוואָרן. עס איז אָבער געלונגען אַ טייל טעטיקע חברים איבערטוישן 400 ביכער פון דער ביבליאָטעק מיט צעריסענע שמות און תהלימלעך פון בית־המדרש, און אַזוי איז די ביבליאָטעק איבערגעשיקט געוואָרן קיין לוקאָוו צו דער רעוויזיע. די „לינקע פּאַרטיי״ (ווי זי האָט געהייסן דאַן) איז אַראָפּ אין אונטערגרונד, אָבער די פּאָליטישע טעטיקייט האָט זיך ווייטער געפירט.

אין 1934 האָבן אַ גרופּע חברים און חברות איינגעאָרדנט אַ שליטל אָוונט קיין ראַדזין, אין צוריקוועגס פאַרשפּרייט אויפרופן וועגן פייערן דעם אָנדענק פון דער פּאַריזער קאָמונע. עס זענען פאָרגעקומען נאָך דעם אַרעסטן און אַ טייל פון זיי האָט מען איבערגעפירט אין דער שעדלעצער טורמע. עס האָט אָבער געלונגען דורך איבערקויפן די פּאָליציי זיי באַפרייען. די אַרבעט האָט זיך ווייטער געפירט (שטרייקן און אַנדערע אַקציעס) ביז — דער קריג האָט פון אַלץ געמאַכט אַן ענדע.

ישראל רויטאפּעל (תל־אביב)

דער ערשטער שטרייק אין קאָצק



די לאַגע פון קאָצקער אַרבעטער און לערן־יינגלעך איז געווען בשפל המדרגה. דער אַרבעטס־טאָג אומבאַגרענעצט, דער לוין אַ נישטיקער, און נישט שטענדיק באַצאָלט. די מייסטערס פלעגן אָננעמען אַרבעטער און אָפּזאָגן אָן קיין שום קאָנטראָל.

דאָס אַלץ האָט זיך געענדערט מיטן אנטשטיין פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייַנען, אין יאָר 1926. די אַרבעטער האָבן זיך אָרגאַניזירט און מען האָט דערקלערט אַ שטרייק כדי צו באַקומען די פאָלגנדע פאָדערונגען: 1) אַ 10 שעה׳דיקן אַרבעטס טאָג; 2) אַ חוזה וועגן אָפּזאָגן אַרבעטער. די מייסטערס האָבן זיך ניט געקענט שנעל דעצידירן איינשטימען אויף די פאָדערונגען און די אַרבעט איז

איבערגעריסן געוואָרן. אַ טייל אַרבעטער האָבן ניט פאַרשטאַנען אַז מיטן איבערייסן די אַרבעט וועלן פאַרבעסערט ווערן די באַדינגונגען און זיי האָבן פאַרגעזעצט זייער אַרבעט; קעגן זיי זענען אָנגעווענדט געוואָרן צוואַנג־מיטלען, און די אַרבעט איז איבערגעריסן געוואָרן אין אַלע ווערקשטאַטן. די פאַרוואַלטונג פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין האָט געשאַפן אַ פאָנד צו אונטערשטיצן די שטרייקערס. טאָג טעגלעך זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אויפקלערונגס־פאַרזאַמלונגען.

היות ווי דער שטרייק איז אויסגעבראָכן פאַר יום־טוב, און עס איז געווען פיל אַרבעט, האָבן די מייסטערס געמוזט נאָכגעבן און אָננעמען די פאָדערונגען. דער ערשטער מייסטער וואָס איז געקומען אין פאַראיין אונטערשרייבן די פאָדערונגען איז געווען הערשל יאַנקל אַבעס, און נאָך אים זענען געקומען אַלע מייסטערס (טראָץ דעם וואָס זיי האָבן באַשלאָסן אין זייער האַנטווערקער־פאַראיין זיך ניט אונטערגעבן).

דער קאָצקער מייסטער האָט אין אָנפאַנג ניט געגלויבט אַז די אַרבעטער וועלן זיך וואַגן אויף אַזאַ שריט — אָבער מיט דער צייט האָט מען זיך צוגעוואוינט צו די נייע באַדינגונגען, וועלכע זענען אָפּגעהיט געוואָרן ביזן אויסברוך פון דער מלחמה, כאָטש דער אַרבעטער־פאַראיין איז געשלאָסן געוואָרן, צוליב פאַרשיידענע סיבות נאָך אין יאָר 1929.

מוסדות ציבוריים בקוצק
געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס אין קאצק

די יידישע קהלה אין קאָצק

ווי אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין פוילן, איז די „יידישע קהלה" אין קאָצק געווען די איינציקע אָנערקענטע פאָרשטייערין פון די יידישע איינוואוינער אין שטעטל. אירע הויפּט־אויפגאַבע איז געווען צו באַזאָרגן די רעליגיעזע באַדער־פענישן פון שטעטל, ווי רבנים, שוחטים, חזנים, שמשים, בתי־מדרשים, מקוה א.אַ.וו. אויך האָט די קהלה געזאָרגט פאַר סאָציאַלע הילף פאַר נויטבאַדערפטיקע. די אַלע אויסגאַבן זענען געדעקט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלן שטייער אויף די יידישע איינ־וואוינער, וועלכער איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ הייליקער פליכט. דער שטייער איז אַרויפגעלייגט געוואָרן לויט אַ ספּעציעלע אויסגעוויילטע אָפּשאַצונגס־קאָמיסיע.



בנין הקהלה היהודית בקוצק — יידישע קהילה הויז אין קאָצק

די קהלה האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט אַלע פאָרמעלע אַקטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווי געבורטס־אַקטן, חתונה־אַקטן און טויט באַשיינונגען. די אַקטיווע לאַנג־יעריקע דאָזאָרעס זענען געווען: יואל קרייצמאַן, משה

דוד וויינבערג, יעקב מאַרכעווקאַ, שלמה טאָפּעל, חיים רעכטמאַן, ישראל זאָקאַליק, הערשל סקאַרבניק, יונה זיגלמאַן, מענדל גאָלדפינגער, אבא צובעק און דוד מאָנטשאַרזש.

„קופת גמילות חסד" בקוצק

בגמר מלחמת העולם הראשונה כשנתרבו הצרכים לעזרה הדדית, יזם קומץ בני עיר את הרעיון ליסוד קופת גמ"ח. לכתחילה התרכזה הקופה במתן הלוואות בסכומים שונים ללא כל רבית והוצאות. הקופה, שהיתה מסונפת למרכז קופות הגמ"ח בפולין, שאבה את מקורותיה הכספיים מתרומות בני העיר שנגבו ע"י מתנדבים, שאספו מדי שבוע אצל התושבים וכן מהלוואות מן המרכז. פעולותיה של הקופה היו מורגשות מאוד בעיר, שכן הושיטה עזרה בכל עת לכל מי שנזקק לה, אך בעיקר למעוטי היכולת בעיר, כגון לעגלון בנפול סוסו, מקור פרנסתו היחיד, או לאלמנה שנהפכה למפרנסת היחידה של בני־ביתה לאחר מות בעלה. כמו־כן באה הקופה בחלקה לעזרת בעלי־מלאכה וחנוונים זעירים. מבין הפעילים בקופה בשנים האחרונות זכורים לנו שלפכובסקי מרדכי, יהושע מלוטק, מנדל גולדפרב.

בענק אין קאָצק

אין שטאָט האָבן עקזיסטירט 2 בענק: די סוחרים־באַנק, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1908, אין אַ צייט ווען דער מסחר איז געווען בשפל המדרגה. די באַנק וועלכע איז געווען אַן אָפּטיילונג פון דער צענטראַלע אין וואַרשע, האָט פיל בייגעשטייערט צו דער אַנטוויקלונג פון מסחר אין שטאָט אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב.

די באַנק האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע קריזיסן. עס זענען געווען יאָרן ווען די טעטיקייט איז איבערגעריסן געוואָרן צוליב מלחמה אָדער עקאָנאָמישע טעמים. טראָץ דעם האָט די באַנק ווידער באַנייט איר טעטיקייט נאָך דעם פּויליש־רוסישן קריג אין יאָר 1920. אין יענעם שווערן מאָמענט האָט זי פיל געהאָלפן דעם מסחר־קרייז וועלכער איז רואינירט געוואָרן פון דער מלחמה. צווישן אירע גרינדער און טוער זענען געווען לייזער סעמיאַטיצקי, יואל קרייצמאַן, שלמה טאָפּעל, שאול האַנדלסמאַן.

אין יאָר 1930 האָט די קאָאָפּעראַטיווע באַנק געצוואונגען צו שליסן די סוחרים באַנק. די דאָזיקע באַנק איז געווען אַן אָפּטיילונג פון די קאָאָפּעראַטיווע בענק אין פוילן, און אירע מיטגלידער זענען געווען פון אַלע קרייזן אין שטאָט. זי האָט אויסגעפירט אַלע באַנק אָפּעראַציעס און געטיילט הלוואות פאַר סוחרים, בעלי מלאכות און אַנדערע. די קאָאָפּעראַטיווע באַנק האָט געוואונען דעם צוטרוי



הבנק הקואופרטיבי בקוצק — די קאָאָפּעראַטיווע באַנק אין קאָצק

פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און איז אויך געוואָרן אַ פאָלקס־שפּאָר־קאַסע, וואו יעדער האָט אָנגעטרויט זיינע אָפּשפּאָרונגען. דורכדעם האָט די באַנק דיס־פּאָנירט מיט גרעסערע סומען געלט און פאַרטיילט גרעסערע הלוואות פאַר אירע מיטגלידער. אין פאַרלויף פון איר טעטיקייט האָט זיך די באַנק אַנטוויקלט און פאַרגרעסערט אירע אָפּעראַציעס. אין באַנק האָט געאַרבעט אַ סטאַבילער פּערסאָנאַל אונטער דער אָנפירערשאַפט פון יונה זיגעלמאַן. עס האָבן דאָרט געאַרבעט אסתר רעזניק, שטערן, מאיר צובעק, אלתר פעלדמאַן. די גרינדער פון באַנק זענען געווען יונה זיגעלמאַן, מיכאל ראַק, אבא צובעק און — יבלח״א — פנחס קרייצמאַן.

דער בעלי־מלאכה קאָאָפּעראַטיוו

דער קאָאָפּעראַטיוו פון די בעלי־מלאכה איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1922 (ס׳איז גלייכצייטיק אַנטשטאַנען אַ גמילות־חסדים קאַסע און חברת עזרת חולים). די ערשטע גרינדער זענען געווען אלימלך קופערשלאַג, יעקב איגלא, שמואל וואַרטאָווניק, יעקב סטאַראַוויעשטשיק, אבא צובעק א.אַ.

דער קאָאָפּעראַטיוו האָט זיך פאַרנומען מיט צושטעלן ביליקע לעבנס מיטלען פאַר די חברים, כמעט אָן שום פאַרדינסט. די וואָס האָבן זיך גענייטיקט האָבן

באַקומען אויף באָרג און ניט שטענדיק געהאַט צו באַצאָלן, אַזוי אַרום האָט דער מאַנאַטלעכער געהאַלט פון אָנגעשטעלטן (אפרים פרוימאַן פון טכאָרזשעוו) אויפ־געגעסן דעם קרן. דער איינציקער אויסוועג איז געווען אַ נייע באַשטייערונג פון די חברים, וועלכע פלעגן זיך פאַרזאַמלען יעדע 6 מאָנאַטן. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט עקזיסטירט ביז 1926 און דאַן איז געשאַפן געוואָרן די קאָאָפּעראַטיווע באַנק. אין דער פאַרוואַלטונג זענען געווען יונה זיגעלמאַן, לייזער איטשעס און טבל דוד מאָנטשאַרזש. די באַנק האָט עקזיסטירט ביז דעם אָנפאַנג פון קריג 1939.

חברה תהילים

אין קאָצק האָט עקזיסטירט אַ חברה תהילים. דאָס איז געווען אַ געזעל־שאַפטלעכער קרייז, וועלכער האָט געהאַט אַ ספּעציעלן מנין אין הויז פון אברהמ׳לע טאָפּעל. יעדן שבת בהשכמה האָט זיך דער קרייז צונויפגעקומען אין שטאָטישן בית־המדרש און צוזאַמען געזאָגט תהילים. אויך האָט דער קרייז געזאָגט תהילים ווען עס איז געווען אַ שווער קראַנקער אין שטעטל.

יעדן שמחת־תורה איז געוויילט געוואָרן אַ נייער „גבאי תהילים". אין די לעצטע יאָרן האָט זיך מטפל געווען אין דער חברה: חיים קרייצמאַן, הענעך מאַדאַנעס, ראובן קרייצמאַן, בערל גאָלדבערג, ישראל באָרנשטיין.

חברה קדישא

די חברה קדישא איז געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון דער קהלה טעטי־קייט. יעדעס יאָר, הושענא רבה ביינאַכט, זענען זיך צונויפגעקומען חסידים און מתפללים פון אַלע שטיבלעך און בית המדרש, און דאָרט אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן געוויילט די גבאים פון חברה קדישא, וועלכע האָבן זיך בהתנדבות פאַר־פליכטעט מטפל צו זיין בטהרת המת. דער אויסגעוויילטער גבאי ראשון פלעגט לכבוד דעם איינאָרדענען אַ יום־טוב׳דיקע סעודה מיט משקאות פאַר אַ טייל פון קהל.

צווישן די גבאים פון פאַרשיידענע תקופות זענען געווען: אברהם שוב, יהושע גראָסמאַן, מענדל גאָלדשטיין, לייבל גראָסמאַן, ישראל ברוך שולשטיין, יוסף מאיר ערליך, לייבל זאַקאַליק, צבי ויעקב מאַרכעווקאַ.

הכנסת כלה

אין קאָצק האָט עקזיסטירט אַ קרייז וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט העלפן אָרעמע כלות. די הילף האָט זיך אויסגעדריקט מיט שאַפן קליידונג און חתונה הוצאות, און צייטנווייז אויך נדן פאַר די דערמאָנטע כלות. אויך האָבן די מיט־

גלידער פון דער חברה זיך באַשעפטיקט מיט אַלע צוגרייטונגען צו משמח זיין די כלות יתומות אין זייער טאָג פון שמחה.

אין שפּיץ פון דער חברה זענען געשטאַנען: לייזער רעזניק, חיים יהושע זאַלצמאַן, חיים דוד גאָלדפאַרב, מרדכי פאַליק א.אַ.

עזרת חולים

נאָך דער גרויסער שריפה אין קאָצק אין יאָר 1927 האָט זיך געפילט אַ גרויס באַדערפניש אין הילף פאַר דער קראַנקער ליידנדער באַפעלקערונג. עס האָט זיך דאַן געגרינדעט דער קרייז פון „עזרת חולים״, וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען זאָרגן פאַר אַ דאָקטער און רפואות, אָדער שיקן אין שפּיטאָל ווען עס איז נייטיק געווען. די חברה האָט געהאַט צו איר דיספּאָזיציע פאַרשיידענע רפואות, מכשירים, וועלכע מען האָט געקענט באַקומען צו יעדער צייט. די הילף איז געווען טעטיק 24 שעה אין מעת־לעת. אויך האָט די חברה געזאָרגט פאַר ספּעציעלע עסן פאַר די קראַנקע.

די חברים האָבן יעדן פרייטאָג זיך מתנדב געווען צו קלייבן אין די הייזער תרומות פאַר די עזרת־חולים קאַסע. אויך איז געזאַמלט געוואָרן ביי יעדער געלעגנהייט אין שול, אין בית המדרש און אין די חסידישע שטיבלעך, אויף חתונות און אַנדערע שמחות.

אַקטיווע מיטגלידער זענען געווען: איטשע גאָלדפאַרב, לייבל זאָקאַליק, ראובן חיים קרייצמאַן, שמאי גאָלדפאַרב און שמואל ווירובניק.

STOW. POMOCY LEKARSK. p.n. „EZRAS HACHOLIM WELINAS HACEDEK“ w KOCKU.

ZAPROSZENIE.

Niniejszem uprzejmie zapraszamy

Sz. P. ______________________

na przedstawienie amatorskie odbyć się mającą dnia 30 lipca 1932 r. w remizie Straży Ogniowej w Kocku.

Dano bedzie dramat w 4-ch akt

„MIRELE EFROS“

J. GORDINA.

Początek o godz. 9-ej wieczorem.

Z poważaniem

ZARZĄD.

PROGRAM

OSOBY:

Mirele Efros	Ch. Erlichówna
Josele jej syn	M. Goldfarb
Donie „ „	N. Perelman
Machla	G. Grynhajmówna
Rab Szalmy	~~Sz. Brat~~ [illegible]
„ Nuchemci	Sz. Gotesdyner
Chana Dwojra jego żona	Ch. S. Mącarzówna
Szajndel ich córka	Ch. Szyfmanówna
Szlomele	A. Kupiec

Reż. D. MĄCARZ.

הצגת „מירלה אפרת״ לטובת „עזרת חולים״
„מירעלע אפרת״ פאָרשטעלונג „לטובת עזרת חולים״

מגפה של קוצק
קאצקער בילדער



אגף של השוק.　　　אַ ווינקל פון קאָצקער מאַרק.



חצרו של ר' מנדלה מקוצק.　　　דעם רבינ'ס הויף.



ביתו של ר׳ יהונתן אייבושיץ (מנכבדי קוצק).   יהונתן אייבשיצעס הויז.



הפינה מ„השוק" המובילה לטחנת־קמח של האחים זאקאליק.
דער ווינקל פון מאַרק וואָס פירט צו דער מיל.




שורת חנויות בשוק.   אַ בליק אויפן קאָצקער רינעק



הגן הציבורי בקוצק.   דער סקווער אין קאָצק.



רחוב פאלאצובה.   די „רייטשיל".



האגף האחורי של ארמון ז'ולטובסקי.   אַ בליק אויפן כראָריעס פּאַלאַץ.



השדרה המובילה לגן הבוטאני של כראביה ז׳ולטובסקי.   דער וועג צום „אָגראָדניק״.



הכניסה לעיר מכביש לובארטאָוו.   אַ בליק אויף קאָצק פון לובאַרטאָווער שאָסיי.



הדרך לכפר גורקי ביציאה מהעיר.   דער וועג קיין גערקע.



הכביש המוביל לראדזין ביציאה מקוצק.   דער ראַדזינער שאָסיי.



הכביש לדמבלין (ביציאה מקוצק)
דער דעמבלינער שאָסיי ביים אַרויסגאַנג פון קאָצק



השדרה המובילה לקברו של ברק יוסלביץ׳
דער טאָלטשינער וועג אין ריכטונג פון בערעק יאָסעלעוויטשעס קבר

איך חרבה קוצק

קאצקער חורבן



יוסף סלע (עין־החורש)

זכור את אשר עשה לך!

ברטט של חרדה וקדושה אנו פותחים את מגילת החורבן של עדת יהודי קוצק, שצעדו את מצעדם האחרון בנתיב הכליון וההשמדה.

הנס לא קרה. היד הטמאה לא נגדעה. ב„שמע ישראל" על שפתותיהם ובאמונה שלמה בביאת הגואל יצאה נשמתם הטהורה.

את כל אשר להם, בגוף ובנפש, הורישו לניצולים אחריהם, הממשיכים את החיים וזוכרים את צוואתם: זכור את אשר עשה לך!

לא נשכח את בני עירנו, פשוטי העם, חוטבי העצים ושואבי המים, בעלי האומנויות, בעלי־בתים, סוחרים ובעלי עגלות, עניי העיירה ואורחים עוברי דרך, פליטי מלחמת העולם, הראשונים שעלו על הגרדום בעיירה. נזכור את כל חסידי קוצק, סוקולוב ולוקוב, אדמו"רים מצאצאי ר' מנדלה, השוכן באוהלו שבבית העלמין בקוצק.

נציב מצבת־עד לאמהות ופעוטותיהן בחיקן, שנסחבו באכזריות לדרכן האחרונה.

במותם נתנו לנו את החיים, שאותם אנו ממשיכים כבנים במולדת, לא כנטולי קרקע ופזורי גלויות.

מי יתן ויעמוד לנו הכוח למשא שליחותנו זו, והלוואי שנצא ידי חובה, ולו במעט מזעיר, למען בנינו ובנותינו והבאים אחרינו.

נספר להם כי יהודי קוצק שמרו על צלם האדם בכל ישותם, עמדו בקומה זקופה מול צוררים, חלאת המין האנושי, גם בנשק ביד כפארטיזאנים ביערות קוצק.

גברים ונשים, זקנים וטף, עטופים בגדי חג וקפוטת השבת, או מעילי עבודה מאובקים, יחד כל העדה — צעדתם לקץ רווי־הדם, הסבל והיסורים, אל השער בו יבואו צדיקים.

נזכור ונזכיר — לא נשכחכם לעולם!

יעקב אבירם־גז'ביין (עין־המפרץ)

חורבן קהילת קוצק

א. כיבוש העיר על־ידי הנאצים



קוצק עיירה למודת־קרבות: אין לך מלחמה שהתנהלה אי־פעם בשטחי פולין הקונגרסאית, שלא פקדה את קוצק. וכך קרה גם עם פרוץ מלחמת העולם השנייה. לאחר שווארשה נכבשה על־ידי הנאצים, נמצאו עדיין כמה גדודים פולניים בסביבת קוצק, שעמדו נגד הפולש הגרמני, אך מלחמתם היתה לשווא. יומיים נערכה ההתנגשות במבואות העיר. חלק גדול ממנה נהרס, תושבים רבים נהרגו וכבר דרך המגף הנאצי ברחובות קוצק. מיד עם כיבוש העיר החלו הגרמנים ברדיפת היהודים, והאות לכך ניתן ב ש ר י פ ת ב י ת־ה כ נ ס ת.

ב. ה„יודנראט" והמשטרה היהודית

רק יהודים מעטים מתושבי קוצק הצילו את חייהם על־ידי בריחה לרוסיה. רוב תושבי העיר נשארו במקום וניסו „להסתדר" ולמצוא פרנסתם תחת השלטון החדש. בבוא החורף הראשון התחילו להגיע לקוצק פליטים מחוסרי־כל מן הערים שסופחו לרייך הגרמני וסיפורי זוועה בפיהם על הגירוש, השוד והרצח. יהודי קוצק הכניסו אותם לבתיהם, דאגו להלבשתם וכלכלו אותם במזון.

כמקשרים בין היהודים והשלטון הגרמני הוקמו ה„יודנראט" והמשטרה היהודית, שתפקידם היה לראשונה, לדאוג לכך, שכל יהודי מגיל 16—60 יצא יום־יום לעבודה.

מצבם הכלכלי של יהודי קוצק בחורף הראשון לכיבוש הגרמנים היה משביע רצון. אך עם בוא הקיץ הלך המצב והחמיר. החנויות נסגרו, או יותר נכון — „נחטפו" על־ידי הפולנים. חוקי נירנברג החלו לתת אותותיהם. היהודים היו תלויים בחסדם של איכרים פולנים ממכריהם וידידיהם, שהיו תומכים בהם ונותנים להם קצת מזון, כגון תפוחי־אדמה וכו'. הפליטים שבקוצק סבלו ממש חרפת רעב, וכתוצאה מכך פרצה מגפת הטיפוס שהפילה חללים רבים.

ג. מחנות עבודה

הנאצים נוכחו לדעת, שאין להשמיד את היהודים בשיטות כלכליות בלבד. ואז התחילו בהקמת מחנות ריכוז, בחושבם שעל־ידי ריכוז הגברים היהודים והעבדתם בפרך במחנות — תישאר המשפחה ללא משען ותגווע ברעב. רוב הגברים בגיל 60—16 נלקחו למחנות אלה. הצורה בה גוייסו היהודים למחנות היתה שפלה וערמומית כדרך הנאצים. ביום בהיר אחד יצא הצוו בקוצק, שכל גבר מחוייב להופיע בכיכר השוק, על־מנת להחתים את פנקס העבודה שלו (כל יהודי בגיל העבודה היה מצוייד בפנקס כזה מטעם משרד העבודה הגרמני). היתה זאת מלכודת: כל הגברים שהופיעו בשוק הועברו למחנה ריכוז. בפעם השנייה לא צייתו לצוו הזה, ואז פרצו גדודי ס.ס. במקלות בידיים לחדרים והוציאו משם את הגברים בכוח, שהועברו בין שורות והוכו עד זוב דם. תשושים ויגעים הועמסו על מכוניות והועברו למחנה כפייה בלובלין. קבוצת אנשים שגוייסה לעבודה ביערות ובמנסרה (וביניהם כותב השורות האלה) לא נשלחה למחנה ונשארה בעיר.

ד. הקרבנות הראשונים

בין שאר החוקים שהוציאו הגרמנים, נאסר על היהודים לעזוב את גבולות העיר קוצק. הקרבנות הראשונים נפלו מבין אלה, שנתפסו בעוון בקשת פת־לחם אצל האיכרים בכפרי הסביבה.

בשלהי קיץ של שנת 1942 החלו הנאצים בהשמדה המונית של היהודים על־ידי גירושם לתאי־הגאזים בטרבלינקה. משום־מה פסחו הגרמנים לראשונה על קוצק והחלו במלאכה זו בעיירות לוברטוב ומֶיִכוב הסמוכות לקוצק. ניצולי העיירות הללו, שהצליחו להימלט מצפרני התליינים, מצאו מקלט בקוצק אצל קרוביהם או מכריהם. באותם הימים עדיין לא האמינו המוני היהודים, שהגירושים הם למחנה מוות. נפוצו אפילו שמועות, שפלוני קיבל מכתב מקרוביו המגורשים, ע״י הנאצים. איך אפשר היה להעלות אז על הדעת, שהנאצים מתכוונים להשמדה גמורה של העם היהודי?

ה. טבח המוני בקוצק

ימים ספורים לאחר בואם של ניצולי העיירות הסמוכות לקוצק, נודע על כך לאנשי הגיסטאפו, שבאו בכתובות מדוייקות למקומות מגוריהם והוציאום, יחד עם הדיירים הקבועים, ישר לבית הקברות ושם רצחום נפש (מבין הנרצחים אני זוכר רק מעטים, כגון יעקב רכטמן ובנו הרשל, לייבל אוטשס, יואל קריצמן ועוד). נרצחו אז עשרים וכמה יהודים. אך הגיסטאפו לא הסתפקה בכך: באותו יום הופיעו חיות טרף אלה למנסרה, שבה עבדתי, וביקשו להביא למשרד כמה מאנשינו שעבדו ביערות בכריתת עצים (היו אלה אברהם בן ישראל זקליק, ועלוול בן לייבל זקליק, שלום ברוט ועוד שלושה ששמותיהם איני זוכר). ללא כל סיבה הוצאו להורג.

טבח שני היה באחת השבתות, כמה שבועות לפני גירוש היהודים מקוצק בשעות הבוקר נודע בעיר, שגרמני אחד נהרג בכפר טלצ׳ין הסמוך על־ידי שבויים רוסים שברחו מהשבי. קבוצת „עונשין״ של הגרמנים הקיפה מיד את הכפר, רצחה את תושביו ושרפה אותו כליל. אולם בזה לא אמרו די: בצהרי היום באו לקוצק ודרשו מהיודנראט והמשטרה היהודית למסור לידיהם 100 יהודים, כדי להוציאם להורג, בטענם שגם ליהודים יד בהריגת הגרמני. החל מקח וממכר בין היודנראט ובין הנאצים, והיודנראט התחייב לספק 50 איש. המשטרה היהודית אספה לשוק 50 יהודים, בעיקר מקרב הפליטים (ביניהם ישישים, בעלי־מום וכו׳). אולם גם זה לא ריווה את צמאונם לדם. הם פלשו לחדרים והוציאו את כל מי שמצאו. 200 איש הובלו באותו יום אל מחוץ לעיר ושם נרצחו (ביניהם נרצחה גם אחותי רבקה).

ו. גירוש יהודי קוצק

פעולות אלו הגיעו לשיאן עם גירוש היהודים מהעיר. וגם הפעם היה ה„יודנראט״ „פעיל״ מאוד. לראשונה נתקבלה הוראה להעביר 100 משפחות לפאר־טשב. ראשונים הועברו, כמובן, הפליטים. לא עברו כמה ימים וניתנה פקודה לגרש את כל תושבי המקום לגיטו בלוקוב. בקוצק גופא הוקם ברחוב היהודי (ulica żydowska) גיטו קטן, שבו הותר להשאר ל־120 גברים (בלי המשפחות) העובדים ביערות. בהיותנו בגיטו הגיעתנו הידיעה האיומה, שמשפחותינו גורשו מלוקוב לטרבלינקה. נותרנו, איפוא, אלמנים ויתומים, ובעוד אנו מתאבלים על יקירינו ציוו גם עלינו לעבור ללוקוב. המומים ומשותקים עלו האנשים על העגלות המובילות ללוקוב, בלווית 3 גרמנים צעירים מיוצאי פולין, פולקסדויטשה. עד היום איני תופס, כיצד השלמנו עם הגזירה, חבורה של גברים צעירים ובריאים מול 3 גרמנים בלבד... בדרך הם הורידו אנשים מעגלות (ביניהם שמואל סקארבניק) ורצחום בצידי הדרך, ללא כל סיבה. גזלו את רכושנו הדל, היכו ועינו — ואנו שתקנו. הסיבה אולי, היתה נעוצה בכך, שכל אחד מאתנו נשאר בודד וגלמוד ללא קרובי משפחה, שנרצחו כולם בטרבלינקי, וניטל מאתנו כל כושר התנגדות. אף זה מדרכי הנאצים: להשמיד חלק מהמשפחה ולשתק מפחד את הנותרים. רק מעטים בלבד, ללא קשר וארגון כלשהו, החלו להסתתר ביערות עם נשק ביד, ואף אלה הסתירו זאת מהאחרים, מפחד הלשנה.

ז. האקציות

מיד למחרת בואנו ללוקוב, השכם בבוקר, נודע שהגיטו מוקף על־ידי אוקראינים — ומתחילה ה„אקציה״. בגיטו קמה בהלה שאין לתארה. התחילה התרוצצות וחיפושים אחר בונקרים. אנו, זרים בעיר ללא קרוב ומכר, חשופים היינו לאויב ללא מחסה ומסתור. בלית־ברירה מצאנו — אני ואבי — מקלט מתחת למיטה

בחדר שבו לננו. נחבאנו שם והתכסינו במטלטלים שונים. הגרמנים (בעזרת המש־טרה היהודית והפולנית, וגם מכבי־האש הפולניים) פרצו לחדרים ואספו את האנשים לשוק. הם פוצצו קירות ובתים שלמים בחיפושיהם אחר בונקרים. אנשים נורו בחדריהם וברחובות. הגוויות התגלגלו כמו בחזית. הרגשנו שיד מרצחת תרה גם מתחת למיטה, במקום מחבואנו, אך, למזלנו, לא השיגתנו. ידענו שיש מיד לשנות את מקום המחבוא, ועלינו לעליית הגג באותו בית, שממנו כבר הורידו הנאצים כמה יהודים שהסתתרו שם. סידרנו שם מקום מחבוא מכוסה בגזירי עצים, שתושביו הכינו לקראת החורף. כעבור כמה דקות הופיע פולני ממכבי־האש על העלייה וגילה את מחבואנו. ידעתי שפירוש הדבר: מוות. העזתי לפנות אליו במתת כסף בתור כופר נפש והוא הסכים. הכסף נמצא אצל אבי, משום כך נאלצתי לגלותו. בראות הפולני שאנו שניים — דרש סכום כפול. מובן שלא עמדנו על המיקח וכך פדינו את נפשותינו.

ח. שרידי קוצק בגיטו לוקוב

חלפה האקציה והגיטו בלוקוב נשאר על תילו. אלה, שיד הנאצים השיגתם הועברו לטרבלינקה, והשאר המשיכו להיות בגיטו, בתוכם — אבי ואני. גויות הנרצחים התגלגלו בחדרים וברחובות והיה הכרח לקברם. ל„עבודה" זאת „התנדבנו" כמה אנשים מיוצאי קוצק. עסקנו בחפירת קברות המוניים. יום אחד נתפרסם צוו, שעל כל תושבי הגיטו לצאת לרחוב, כדי לקבל פנקסי מזון. הגיטו לא היה מוקף חיילים והאנשים האמינו, שאין כאן מעשה־מרמה ויצאו לשוק קרוב לחמש מאות איש. מיד הוקפו על־ידי הגרמנים והוצאו לבית־הקברות (מהלך 3 ק"מ מהעיר). היה זה בחודש ינואר והקור היה גדול. שם נצטוו כולם לפשוט את בגדיהם ובקבוצות של 50 איש נשכבו על האדמה. כל גרמני (מספרם היה גם־כן 50) ירה ביהודי אחד וכך נורו כולם. הקבוצה האחרונה נאלצה לעמוד ערומים ולחזות במעשה האימים עד הסוף. בטבח נורא זה נרצחו 500 יהודים (ביניהם ישראל זקליק ומשפחתו). אנו, כעובדי בית־הקברות, נצטווינו לקבור מיד את ההרוגים. חפרנו קברות עמוקים וארוכים, בהם הוטמנו המתים 5—6 בגובה וכוסו בעפר.

גרנו חבורה של 40 איש מיוצאי קוצק בתוך חדר אחד (בינינו היו שמואל צאַלעס הנגר, מנדל ריטנר, אריה גולדמן). כמובן, שסבלנו מטיפוס ומחלות עור שונות. קשה לתאר את החיים בגיטו. אנשים גוועו מרעב ומקור, ומאידך, היו אנשים ששתו יי"ש לשכרה והשכיחו בזה את מרי גורלם.

ט. הבריחה מן הגיטו

ימים ספורים אחרי מרד גיטו ווארשה חוסל גם הגיטו בלוקוב, שבו נכלאו השרידים מיוצאי קוצק. כמו באקציות הקודמות הוקף הגיטו גם הפעם על־ידי

אוקראינים והאנשים נצטוו לצאת לשוק. הפעם יצאו גם אנשי ה„יודנראט" והמש־טרה היהודית — והנאצים החלו במלאכת הרצח. גרי החדר שלנו ירדו לבונקר, שהוכן בלילות החורף, ובו נשארנו כל אותו היום. בלילה יצאנו על־מנת להשיג ידיעות על המצב, ואז נודע לנו, כי הפעם סיסמת הנאצים היא „יודן־ריין", כלומר, חיסול הגיטו לחלוטין, לבל יישאר ממנו שריד ופליט. למחרת הציע שלמה צבֶּהס (רוזנבלאט) לראשונה את רעיון הבריחה, אך אנו דחינו את הצעתו, ביודענו שאין לאן לברוח. אולם שלמה לא הסכים לחכות עד שהגרמנים יבואו לרוצחו וברח. גם אני, אריה גולדמן וישראל משה בן בריש רוזנבלאט (שהיה להם בקוצק ביח"ר למי־סודה) החלטנו לברוח מהגיטו. איני זוכר כיום מה גרם להחלטתנו, שהרי ידוע היה שלא נוכל להחזיק מעמד בים של אויבים מסביב. העדפנו להיהרג בזמן שרודפים אחרינו, מאשר להסתכל בפרצופו של הרוצח. גם המבוגרים שבנו — בתוכם אבי — עודדו אותנו והפצירו בנו שנברח, והצטערו על שאינם יכולים להצטרף אלינו מחמת גילם.

בערב עברנו את גדר הגיטו והסתתרנו בבית יהודי הרוס למחצה. חצי שעה לאחר זה פרצו הרוצחים לגיטו והחל החיסול הממשי של כל הניצולים. כולם נרצחו עד אחד. שכבנו בבית שמחוץ לגיטו, ראינו וגם שמענו כיצד נרצחים אחינו. תעלות הביוב נתמלאו דם. הרוצחים פוצצו את כל הבתים, ביניהם את הבית בו גרנו אנו, שרידי העיר קוצק (ביניהם — אבי ז"ל).

היה זה ב־3 במאי 1943.

י. הנדידה

עם ערוב היום עזבנו את הבית שבו הסתתרנו והתחלנו בנדידה, כשפנינו מועדות לסביבת קוצק ויערותיה. בלילות היינו נודדים ובימים מסתתרים ביערות ובשדות. את המזון השגנו אצל האיכרים בשיטות „פרטיזניות". לאחר יומיים הגענו לאיכר אחד מידידי משפחתנו מקוצק. האיכר קבלנו בסבר פנים יפות, האכיל אותנו מכל טוב והציע לנו לחפור בונקר ביער הסמוך לביתו, על־מנת שנוכל לבקרו בערבים ולקבל אצלו ארוחה חמה. הוא גם נתן לנו כלי־חפירה ולוחות — ובמשך יום אחד הקימונו את הבונקר. לא אשכח לעולם את חסדו של אותו איכר — אם נשארנו, אני ואריה גולדמן, בחיים, הרי זה במידה רבה תודות לטוב לבו. בבונקר הזה שכבנו שלושתנו (אני, אריה גולדמן וישראל רוזנבלאט) חצי שנה. את לילות החושך ניצלנו להשגת מזון אצל איכרי הסביבה הן בתור „פרטיזנים" והן „במשיכה". החורף התקרב, וידענו שהבונקר אינו מקום מחבוא בטוח, מה גם שעם רדת השלג הראשון נתגלינו על־ידי שומר היער. החלטנו, איפוא, לנדוד הלאה.

במשך שהותנו בבונקר הספקנו לקשור קשרים עם עוד קבוצות יהודים שהסתתרו בסביבה (ביניהם ברוך ליבפריינד ומשפחתו, משה קליינמן ומשפחתו,

אריה ושלמה וישניה, שמואל רובצ'ק ואחותו) ועם קבוצות רוסיות מזויינות. שלושתנו התחלנו לחשוב על השגת נשק. וכאן בא שוב לעזרתנו האיכר הידיד שלי. באחת הפגישות עם יתר הקבוצות החלטנו על איחוד קבוצות הפרטיזנים. היינו כבר מזויינים כראוי ואיכרי הסביבה התחשבו בכוחנו. היה גם מקרה של הלשנה, שכתוצאה ממנה נהרגו שמחה ליבפריינד, חיים יענקל הנהג והמשפחה הפולנית, שאצלה הסתתרו. המלשין ומשפחתו שילמו על כך אח"כ בחייהם.

י"א. כפרטיזנים ביער

עז היה רצוננו לפעולות נקם בגרמנים. חלק מקבוצתנו הצטרף לפלוגת פרטיזנים רוסיים, ואנו כקבוצת פרטיזנים יהודים התחלנו יחד אתם במעשי חבלה, כגון פיצוץ רכבות, שריפת גשרים, חבלה בקשר טלפוני, מארבים על גרמנים בכבישים. הגיעו הדברים לידי כך, שהנאצים פחדו לנוע בכבישים בקבוצות קטנות.

קרוב לשיחרורנו התארגנו בכפרים, שהיו בתחום „שלטוננו", קבוצות פרטיזנים פולנים פאשיסטיים .A.K, שמטרתן היתה ללחום נגד הגרמנים וגם נגד הפרטיזנים הרוסיים והיהודים. היינו נאלצים ללחום גם בהם, למרות שהם היוו כוח חזק ומזויין היטב. באחד הקרבות עם הקבוצות האלה נהרג חברנו לבונקר ישראל משה רוזנבלט.



המחבר יעקב אבירם (משמאל) בקבוצת חיילים יהודים לפני הוציאם להורג את המפקד הנאצי של מחנה „מיידאנעק".
דער מחבר פון די שורות (לינקס) פאַר'ן אויספירן דעם טויט אורטייל איבערן נאַציסן קאָמענדאַנט פון מיידאַנעק

י"ב. השיחרור

במשך כל הזמן לא חדלנו לקבל ידיעות ממקורות שונים על המלחמה. ידענו שהתבוסה של הגרמנים קרובה לבוא. עקבנו אחרי נסיגת הגרמנים והתקדמות הרוסים. ב־22 ביוני 1944 נהדפו הגייסות הפאשיסטיים מנהר בוג על־ידי הצבא האדום וקוצק וסביבתה שוחררו, ובתוכם גם אנו.

שכולים ובודדים — ללא הורים, אחים ואחיות — נשארנו לפליטה, שרידים בודדים מקהילת יהודי קוצק.

המלחמה המרה נסתיימה. אך אנו לא היינו מסוגלים להישאר בארץ זו, שבה הושמד עמנו, למרות שיווי הזכויות שהוענק לנו על־ידי המשטר הסוציאליסטי החדש בפולין — עינינו היו נשואות לציון.

בדרך־לא־דרך, כמעפילים, חתרנו והגענו סוף־סוף למקום מקלט במולדתנו המתחדשת.

גדליה גרוסמן (תל־אביב)

אחרית ימיה של קוצק היהודית

עם פרוץ המלחמה

ביום ה׳, 31 באוגוסט 1939, בשעות הערב, בדרכי לטחנת הקמח של האחים זאקאַליק, נתעכבתי על יד קבוצת אנשים, שנתקהלה ברחוב והקשיבה במתיחות לידיעות המסעירות הבוקעות מן המקלט (בחדרה של המורה סוניה ריכטנברג, בביתו של הרשל סקארבניק), שהיה מן היחידים בעיר. צמרמורת עברה בגופי: עד אז לא האמנתי שהמלחמה תפרוץ — אך לפי הידיעות הרגשתי שאנו כבר נמצאים במצב מלחמה. למחרת, ביום ו׳, 1 בספטמבר 1939, הופצצו הערים הגדולות. בכול הרס וחרבן. בצבא הפולני ובממשלה — התפוררות גמורה. פליטים רבים, וביניהם יהודים, החלו לזרום דרך קוצק לגבול המזרחי.

תושבי קוצק הגישו מיד עזרה לפליטים, ולא פיללו כלל, שגם עירם תהיה בקרוב מטרה לפצצות גרמניות מן האויר. ביום השבת, 8 בספטמבר, הגיחו לפתע אוירונים גרמניים לעבר עירנו. פצצה אחת, מן הראשונות, פגעה פגיעה ישירה בחצרו של האדמו"ר ורוב בני משפחתו נהרגו. בהלה איומה אחזה את העיר וכל הגברים, נשים וטף ברחו מיד לכפרים הסמוכים. במוצ"ש חזרנו, ויחד עם עוד יהודים (ביניהם חיים גז׳יוואץ׳), אספנו את איבריהם המרוסקים של בני משפחת הרבי, כדי להביאם לקבורה. בינתיים המשיכו החיילים הפולנים ועל ידו האספסוף

הנוצרי בהרס ושדידת החנויות היהודיות, שבעליהן התפזרו לכל רוח, ביערות ובכפרים. זרם הפליטים והחיילים הבורחים מן החזית הלך וגבר, בעיקר זוגות צעירים יהודים הנודדים ברגל לגבולות רוסיה. כמה מהם הכנסתי לביתי והאכלתים, ביניהם אנשי רוח וסופרים מווארשה ולודז׳.

עם כיבוש הגרמנים חזרו רוב התושבים העירה. נפוצו אז שמועות שהרוסים יתקדמו עד לובלין — וליהודים היתה הרווחה, אך לא לזמן רב. הצבא הרוסי נסוג לגבולותיו והגרמנים התפשטו על כל שטח פולין. חלק מהצעירים עזב את קוצק לכיוון הגבול הרוסי, אך בין הדור המבוגר נתחלקו הדעות. היו כאלה, שטענו כי בעזרת ה׳ לא תהיה לנאצים שליטה עלינו... היו גם שחזרו לאחר זמן מרוסיה לקוצק מרוב געגועים לבני משפחתם.

לאחר ששדדו את חנותי והציגוה ככלי ריק נסעתי לראַדזין כדי להביא סחורה חדשה. רבים בקשו ממני להיוודע מיהודי ראַדזין, האם הם נוסעים לרוסיה או לאו. יצאתי בשתי עגלות סוסים ואחרי 5 ק״מ בין היערות האנובקה וטחורז׳ב יצא מתוך היער קולונל פולני וחקר אותי על תנועת הצבא הגרמני בסביבה. עניתי לו שטנקים גרמניים מסיירים בקבוצות של שלוש או ארבע והמשכתי בדרכי.

כל הסביבה היתה מלאה חיילים פולנים, פרשים, טנקים וכו׳. בהגיעי לראדזין מצאתי שם תמונה מוכרת מקוצק: חיילים פולנים משוטטים בלווית אספסוף ושודדים את החנויות. קניתי בטחנת הקמח של אקהייזר כמה שקי קמח וגריסים וחזרתי לקוצק. סמוך לקוצק ראיתי 4 טנקים גרמנים בוערים באש ועל ידם כובעי פלדה מנוקבים. בחצות הגעתי לקוצק המלאה חיילים שודדים ומשתוללים. הכנסתי איך שהוא את הסחורה למרתף שבחנות וכסיתי אותה בתפוחי־אדמה.

הצבא הפולני התבצר בגבולות העיר והביא אתו נשק כבד, כמו־כן הקימו עמדות על הבתים הגבוהים בעיר. למחרת החלה ההפגזה של הגרמנים ואנו ירדנו למרתפים. בפרוזדור הארוך שבביתי נפגשתי עם לויטננט פולני, שהודה לי בגלוי לב שהמצב קשה ושהגרמנים מביאים תגבורת לסביבות ביאלובז׳ג ונהר וייפש. לא ספרתי על השיחה לאיש, כדי לא להגדיל את הבהלה. בינתיים מתגברת ההפגזה ופורצת מהומה בין החיילים — הם רצים לחפש בגדים אזרחיים... מצאנו את עצמנו לפתע בקלחת של מלחמה כבדה, בהרס בתים, בשריפות, פצועים והרוגים...

מסורת היתה בקוצק, שכל מלחמה פוגעת בה, ולא זו בלבד, אלא שעל ידה התרחשו מאורעות חשובים בזמן המלחמות. כך היה ב־1794 בזמן מרד הפולנים, כשנהרג סמוך לקוצק ברק יוסלביץ, וכן בשנת 1920 כשמקוצק התחילה נסיגת הבולשביקים מפולין, והוא הדין בשנת 1939, כשהנאצים הכריעו על ידה אחרוני הלוחמים הפולנים. יומיים ארכה המלחמה בסביבות קוצק ולאחר שנגרמו לצבא הפולני קרבנות רבים נכנע גדודו של הגנרל קלאֶבר והפרשים של גנרל בורטנובסקי נלקחו בשבי — ובזה תמה המלחמה בפולין והתחילה המלחמה ביהודים.

גזירות ראשונות

עם כניסת חיל היטלר לקוצק החלו מיד להוציא את התושבים מהבתים ולאספם ברחוב. בזמן החיפושים (אחר יהודים ואחר נשק) ספגו היהודים מכות אכזריות וזקניהם נגזזו (כך עשו ביום הראשון לאחים זאקאליק בעלי טחנת־הקמח) והכריחו אותם לעבוד עבודת־כפייה. כששרפו את בית הכנסת חשו יהודים לכבות את האש, אך נתקלו בגרמנים שהיכום וגזזו את זקניהם. לאחר כמה ימים הוציאו את לייזר סעמאַטיצקי, גזבר העירייה, ובצליפות שוט כפו עליו לטאטא את הרחוב, לצחוקם ולהנאתם של התושבים הפולנים שהתאספו לראות במחזה.

באותו יום באה אלי אשתו של בן־דודי שלמה גרוסמן וסיפרה בבכי שגרמנים עומדים להרוג את בעלה. מצאתי בביתה 5 גרמנים מה„פולקס־דויטשה" מסביבת קוצק, שהיו לקוחותיו של סבא שלי, ואני הכרתי אותם היטב (עם כניסת הגרמנים חולק להם נשק והם שלטו במקומות מגוריהם). דיברתי על לבם לחדול ממעשה זה, אך הם התעקשו, בטענם שבעת היותם במחנה ריכוז בקרטוז־ברזה באה גרמניה צעירה לקנות בחנותי ושלמה גרוסמן שהיה באותו מעמד אמר לא למכור לה, כי „יש לתלות את כל הגרמנים". על סמך עדותה הם רוצים להרוג אותו. התחננו אני ואחותי אסתר בלומה — אך ללא הועיל. צץ רעיון במוחי ובקשתי מהם שיתנו לו כמחצית השעה להכין מזון לבני ביתו ואני ערב שיחזור. הסכימו. מיד צוויתי לשלמה להסתלק ואני סרתי לחנותי. לאחר חצי שעה באו אלי בטענה ששלמה איננו ואני ערב לשובו. התפרצתי וצעקתי אליהם ברוב כעס: הלא תמול שלשום הייתם ככל האנשים וכיצד אתם מוכנים היום להרוג אב לשלושה ילדים, ובתוך כך זלגו עיני דמעות. לאחר חילופי דברים נרגזים עזבו את החנות ובן־דודי נמלט מידיהם. מאורע זה סיפק לי חומר רב למחשבה. הבנתי את המצב לאשורו. ראיתי כיצד חברים ומכירים מאתמול, שיחד דברנו על סוציאליזם ועל עולם יותר יפה, שינו בבת אחת את עורם ונהפכו לחיות־טרף...

דער הונגער איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג גרעסער. דערצו נאָך דער קאַלטער ווינטער און עס איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע עפּידעמיע פון „פלעק טיפוס״. קאָמיסיעס זענען אַרומגעגאַנגען אונטערזוכן די וואוינונגען. מען האָט געשלעפּט דאָס בעטגעוואַנט צו דיזנפעקציע און געשוירן די קעפּ פון די יידישע טעכטער, אַפילו פון די געזונטע און ריינע. דער טיפוס האָט געבושעוועט, פיל זענען געשטאָרבן פון דער עפּידעמיע, צווישן וועלכע איך געדענק: זעלדע ראַט, ביילע שפּילבערג, איר ברודער בנימין שפּילבערג און פיל אַנדערע.

עס איז אַרויס אַ באַפעל אָפּצוגעבן די פוטער מאַנטלען. ווער עס האָט געהאַט אַ פּעלץ, אַ פוטערנעם קעלנערל, אַפילו אַ קנעפּל פון פוטער האָט געמוזט אָפּגעבן די דייטשן. אין מיטן ברען פון פוילישן ווינטער, האָט אַן אַלט פּעלצל אָדער אַ פוטער קעלנערל נאָך אַביסל געהאָלפן דערהאַלטן די נשמה. מען האָט נאָך ניט אָפּגעאָטעמט פון נעכטן, און שוין אַ פרישער באַפעל פון דעם היינט.

מען האָט אָנגעהויבן טראָגן דאָס פוטער אויפן באַצייכנטן פּלאַץ. מאַנכע האָבן באַהאַלטן אין באַהעלטענישן, די דייטשן זאָלן ניט האָבן פון דעם קיין נוצן. די דייטשן האָבן ניט געהאַט קיין צוטרוי און אין פיל ערטער אַדורכגעפירט רעוויזיעס. אויך דאָ איז ניט אַדורך אָן אַ קרבן: ביי וועלוול שפּילבערג (שטריקנ־מאַכער) אין שטוב האָבן זיי געפונען אַ קליין שטיקעלע פוטער. ער האָט אויפן פּלאַץ באַקומען די קויל.

מען איז געווען גאַנץ דערשלאָגן. קיין ראַדיאָ האָט מען ניט געהאַט; קיין שום ידיעות פון דער וועלט זענען ניט דערגאַנגען; פאַר יידן איז געווען אַ צייטונג אין דער פוילישער שפּראַך, וועלכע האָט געטראָגן דעם טיטל: גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ.

די צייטונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין קראָקע איין מאָל אין מאָנאַט און דאָרט זענען געווען שטאַרק באַגרענעצטע נאַכריכטן פון לאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז וועגן אַלץ, וואָס די דייטשן האָבן אָפּגעטאָן טאָג טעגלעך איז אין דער

צייטונג ניט געווען דערמאָנט. עס איז עפּעס אַ מאָל יאָ אַריינגעפאַלן צו אונדז אַ צעטעלע פון דער „אונטער ערד", אָבער וויייניק זענען מיר פון דעם געוואויר געוואָרן.

מיין ברודער פלעגט פון צייט צו צייט באַקומען קאַרטלען פון וואַרשעווער געטאָ. די שרייבערין פון די קאַרטלען איז געווען טאָשיאַ אַלטמאַן, די באַוואוסטע קעמפּפערין פון געטאָ, צוזאַמען מיט מרדכי אַנילעוויטש. זי האָט געשריבן, אַז דער ברודער זאָל זיך איין קורבן גרייטן צום אָפּפאָרן, מיט פאַרשיידענע דערציילונגען וועגן מומע, באָבע און אַנדערע קרובים. מיין ברודער האָט אַלץ גאַנץ דייטלעך פאַרשטאַנען, און דאָס געהאַלטן שטאַרק אין געהיים. וואַרשיינלעך האָט אין יענע שטרענגע צייט געזאָלט אָפּגיין אַן אומלעגאַלע עליה פון פוילן. אויף וואָס פאַר אַן אופן — איז געווען פאַר אונדז אומפאַרשטענדלעך.

אין זומער 1941 האָט זיך אָנגעהויבן אַ זייער גרויסע באַוועגונג אויף מזרח זייט. ביי טאָג און ביינאַכט האָט מען געזען פאָרן דייטש מיליטער. קיינער האָט ניט געקענט פאַרשטיין. די פריינדשאַפט צווישן דייטשלאַנד מיט רוסלאַנד איז דאָך אַזוי גרויס.

עס איז אָבער אַלץ קלאָר געוואָרן, ווען אין דעם באַוואוסטן פרימאָרגן 22.6 האָבן מיר דערהערט דאָס אָפּהילכן פון די שווערע קנאַלן. מיר האָבן געזען, געהערט און שוין גאַנץ דייטלעך געפילט: מלחמה.

פאַרשיידענע געדאַנקען: אפשר דאָך... מען איז געשטאַנען אויף דער וואַך, ניט געשלאָפן ביינאַכט. מיר האָבן געהאָפט, אַז אָט וועלן די קנאַלן ווערן שטאַרקער. עס דערנענטערט זיך דער פראָנט, מיר וועלן זיך מוזן באַהאַלטן — און נאָכהער... אָבער ליידער! דאָס שיסעריי האָט זיך דערווייטערט, און מיר זענען ווידער געבליבן אָן האָפנונג. מיר האָבן שוין געוווּסט אַז די דייטשן גייען פאָרויס מיט אַ בליץ שנעלקייט.

זייער פיל סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט ביי די דייטשן. די דייטשן האָבן געשאַפן פאַר די רוסישע געפאַנגענע זייער גרויסע לאַגערן אויף די פוילישע טעריטאָריעס. עס זענען אונדז דערגאַנגען קלאַנגען, אַז אין דעם לאַגער, וועלכער האָט זיך געפונען אונטער פולאַוו, איז פאָרגעקומען אַ בונט און זייער פיל פון זיי זענען זיך צעלאָפן אין די אַרומיקע וועלדער. מען האָט דערציילט אַז מען זעט פיל פון זיי אין די וועלדער מיט געווער. עס האָבן ווידער אָנגעהויבן שוועבן ברויזנדע געדאַנקען ביי זייער פיל יונגע... אָ, וואו נעמט מען געווער צו קענען אַוועק אין וואַלד...

אין דער זעלבער צייט האָבן די דייטשן דערקלערט אַז זיי מאַכן אין אונדזער ראַיאָן דריי „יודנשטעט": פּאַרטשעוו, לוקאָוו, און מיענדזירזעץ לובעלסקי.

אין די דריי שטעט וועלן זיי קאָנצענטרירן די יידן, און דאָרט וועט זיי זיין דער־לויבט צו וואוינען. פון אַלע אַנדערע שטעטלעך מוז מען אַריבערפאָרן אַהין.

מיט דעם פאָרויסמאַרש פון דער דייטשער אַרמיי אין טיף רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער פאַרניכטונג. מיר האָבן געפילט אַז די לאַגע איז אָן אַן אויסוועג. איך געדענק ווי איך בין איינמאָל אַריין אין שטוב און געטראָפן מיין פאָטער מיט פאַרוויינטע אויגן.

— וואָס טוט זיך מיט דיר פאָטער, פאַר וואָס וויינסטו?

— די לאַגע — האָט ער געענטפערט — איז זייער אָן ערנסטע. מאָניעק וועט גיין אין וואַלד מיט געווער גלייך מיט אַנדערע בחורים, און וואָס וועט זיין מיט דיר און מיט דער מוטער?

איך האָב אים באַרואיקט, אָבער גלייכצייטיק געוואוסט אַז דער פאָטער מיינער איז גערעכט.

די יוגנט, ספּעציעל די בחורים, ווען זיי פלעגן זיך צונויפטרעפן האָבן צווישן זיך געשמועסט וועגן געווער, וועגן אַ מעגלעכקייט צו נעמען נקמה. פיל פון זיי האָבן זיך טאַקע געשאַפן געווער.

פסח, 1942. עס זענען אונדז דערגאַנגען קלאַנגען וועגן לובלין. דאָרט קומט פאָר אַ טראַגישע אויסזידלונג פון דער געדיכטער יידישער באַפעלקערונג. די ערשטע ידיעות האָבן אָנגעוואָרפן אַ געפערלעכן פחד. מען שיקט זיי אַרויס — וואוהין שיקט מען זיי? מען האָט באַכגעשיקט מענטשן געוואויר צו ווערן ווי איז די לעצטע סטאַציע פון די אויסגעזידלטע, אָבער אָן אַ נוצן. די דייטשן האָבן געזאָגט, אַז מען פירט זיי איבער אין ערטער וואָס וועלן זיין באַזעצט בלויז פון יידן. די פאָלגן פון די לעצטע ידיעות האָט מען דערקענט אויף אַלעמען. מיין פאָטער האָט אַ זיפץ געטאָן... איך האָב געוואוסט אַז עס איז זייער שלעכט.

דאָס איז געווען דער לעצטער פסח פון זיין לעבן. ער האָט אונדז פאַרלאָזט אויף אייביק; מיר זענען געוואָרן גאַנץ דערשלאָגן און מוטלאָז.

ביסלעכווייז האָט מען אָנגעהויבן שמועסן וועגן טרעבלינקע און אויך וועגן אַנדערע פאַרניכטונגס פלעצער. די מענטשן האָבן ניט געוואָלט גלויבן: וואָס הייסט עס מען נעמט מענטשן און מען ברענט זיי? ווי קען דאָס מעגלעך זיין? די ידיעות האָבן זיך אָנגעהויבן באַשטעטיקן.

מען האָט דערציילט אַז נאָך מעזריטש איז אַדורך געפאָרן אַ טראַנספּאָרט מיט יידן אין פאַרשלאָסענע וואַגאָנען. זיי זענען געפאָרן פון פראַנקרייך און געפירט מיט זיך פלעשער מיט שאַמפּאַן. אָפּשטעלנדיק זיך אין שטאָט האָבן זיי געפרעגט ביי די יידן וואָס זיי האָבן באַגעגנט: איז נאָך ווייט צו דער שטאָט טרעבלינקע? אומגליקלעכע, זיי האָבן אַפילו ניט געוואוסט וואוהין מען פירט זיי.

ענדע זומער 1942, האָט מען ביי קאָצק געשאָסן אַ דייטשן סאָלדאַט. די־

בייעס האָט זיך בליץ שנעל פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט. מען האָט געוואוסט אַז עס וועט ניט אַריבער גלאַט.

מיר האָבן געמאַכט ביי אונדז אין שטוב אַ באַהעלטעניש. מיר האָבן געגראָבן אַ גאַנצע נאַכט אַ גרוב אונטער דער שאַנק אין שלאָף צימער; דער אַריינגאַנג אין גרוב איז געווען דורך אַ שופלאָד פון דער שאַנק, וועלכן מען האָט צוגערוקט און פאַרדעקט מיט אַ ברעט. אין דער זייט איז געווען אַ קליינע עפענונג פאַר לופט און אַ ביסל ליכט. די דייטשע סאָלדאַטן פלעגן קלאַפּן מיט די שטיוול איבערן גאַנצן צימער, צי מען פילט ניט עפּעס אַ הוילקייט אונטער די ברעטער פון דער פּאָל. האָבן מיר געמאַכט דערפאַר דאָס באַהעלטעניש אונטערן שראַנק.

עס איז געווען אַ שבת, סוכות צייט, אייניקע טעג נאָכן אַטענטאַט אויפן דייטש. ביי אונדז אין שטוב זענען געווען אַ פּאָר יוגנטלעכע: ברכה קרייצמן, רבקה גזשעביען, פינקל קורמאַן און יעקב קופּיעץ. מיר האָבן געשמועסט וועגן דעם וואָס איז געשען. מען האָט זיך באַמיטריידן מיט הומאָר, ווי מיר האָבן דאָס געטאָן אין די ערגסטע צייטן... נאָכער זענען זיך אַלע צעגאַנגען. באַלד האָבן זיך געלאָזט הערן שאָסן, מ׳האָט דערפילט דאָס געפאַר, מיר האָבן שנעל געעפנט די טירן מיט די פענצטער, די דייטשן זאָלן מיינען אַז מיר זענען אַנטלאָפן, און שנעל אַראָפּ אין דעם גרוב. איך, מיינע מוטער, דער ברודער און דעם ברודערס אַ חבר, יעקב.

ניט שטיין, ניט זיצן און ניט קיין לופט. די מוטער איז דאַן געווען פאַרקילט און מיר האָבן זי צוגעהאַלטן און געבעטן זי זאָל איינהאַלטן דעם הוסט. מען האָט געהערט די גאַנצע צייט אַ שטאַרקע שיסעריי. אַזוי האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג. מיר האָבן ניט געוואוסט וואָס עס קומט פאָר איבער די גאַסן פון אונדזער שטעטל.

עס איז שוין געווען נאָך מיטאָג, ווען מיר האָבן דערהערט אַ מענלעכע שטימע: מאַניע, מאַניעק, ווי זענט איר?

מיר האָבן דערקענט די שטימע פון יענקעלע גזשעביען, און גלייך אַרויס פונעם באַהעלטעניש.

— וואָס איז?

— איר האָט אפשר געזען מיין רבקהן?

— דיין רבקה איז היינט ביי אונדז געווען מיט דעם קליינעם ברודערל, ישראלקע און איז אַוועק געגאַנגען.

ער איז שנעל געגאַנגען זוכן די שוועסטער.

מיר זענען אַרויס אויף דער גאַס. וואָס פאַר אַן אומגליק! איבער 200 קרבנות! מיר האָבן זיך צוגעהערט פאַרשיידענע שוידערלעכע איינצלהייטן. גלייך האָבן מיר זיך דערוואוסט אַז רבקה גזשעביען לעבט שוין ניט מער. איך האָב אויפגעציטערט: נאָך היינט פרי איר געזען און גערעדט מיט איר. איך בין אַוועק



המקום בו נהרגו ונקברו למעלה מ־200 יהודי קוצק.
ביי דער סטאָדאָלע וואו עס זיינען געשאָסן און באַגראָבן געוואָרן איבער 200 קרבנות פון קאצקער יידן.

אויפן גרופן קבר פון דעם שוידערלעכן טאָג: אונטער אַ סטאָדאָלע אויף דער גורקער גאַס, אַ בערגל, אָנגעשיט אַ ביסל העכער מיט ערד און פאַרשמירט מיט ווייסן קאַלך. איבער דעם אַלעמען ברויזן אַרויס פלעקן פון בלוט. איך האָב אויסגעשריען און פאַרמאַכט די אויגן. עס איז ניט מעגלעך איבערצוגעבן וואָס איך האָב דאָרטן געזען. דאָס בלוט האָט געשפריצט פון דער ערד, דאָס פרישע, נאָך ניט פאַרגליווערטע, וואַרימע בלוט פון די אומשולדיקע, וועלכע האָבן נאָך היינט גאַנץ פרי געלעבט און גע׳חלומט איבערצולעבן די מלחמה און היטלערן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די „אויסזידלונג". מען האָט איינגערעדט אַז מען פירט נאָר אין די „יידנשטעט". די ערשטע אויסזידלונג איז פאָרגעקומען קיין פאַרטשעוו. די ערשטע זענען אַרויסגעפאָרן די היימלאָזע, וועלכע זענען אָנגעקומען צו אונדז פון אַנדערע שטעט אין אָנהויב פון דער מלחמה. ווייניק זענען זיי שוין פאַרבליבן אין דער צאָל. פיל פון זיי זענען פאַרכאַפּט געוואָרן אין די לאַגערן, אייניקע געפאַלן פון דער עפּידעמיע, און די רעשט — פאַרלאָזן די ערשטע דאָס שטעטל.

דער מאַרק איז אָנגעפילט געוואָרן מיט פערד און וואָגנס, וועלכע מען האָט צוגעשטעלט פאַר דער אויסזידולנג. די היימלאָזע האָבן זיך אַרויף געזעצט און מען האָט זיי געפירט אין ריכטונג פון פאַרטשעוו. אַ טרער איז געפאַלן פון די אויגן, דאָס האַרץ האָט זיך שטאַרק פאַרקלעמט... פאַר וואָס שווייגט די וועלט, וואו קען מען באַקומען אַן ענטפער?

אין אייניקע וואָכן אַרום איז פּאַרגעקומען די אויסזידלונג קיין לוקאָוו. מען האָט ווידער צוגעשטעלט פערד און וואָגנס; דאָס מאָל זענען געפאָרן קאָצקער איינוואוינער.

קיין לוקאָוו איז די אויסזידלונג פּאַרגעקומען אין אייניקע טראַנספּאָרטן. דער באַפעל איז געווען אַז קאָצק מוז זיין אין אַ קורצער צייט „יודנריין", און מען האָט געוואוסט אַז דאָס וועט אויסגעפילט ווערן. נאָך אַ טאָג, צוויי און קיין ייד טאָר זיך מער דאָ ניט געפינען. אָבער וואָס וועט זיין דאָרט אין לוקאָוו?

איך בין געשטאַנען מיט מיין מוטער ניט ווייט פון אונדזער הויז, ווען עס איז צו אונדז צוגעקומען מעכלה גזשעביען און געזאָגט:

— שרה'שי, דו פאָרסט נאָך ניט, זיי מיר געזונט און גלייכצייטיק אַרויס־גענומען פון ערגעץ אַ שטיק שאַרבן פון אַ קאָפּ באַדעקט מיט האָר. די שוואַרצע לאָק פון איר טאָכטער רבקה זענען געווען גאַנץ אויסגעווייקט מיט טרערן, וועלכע האָבן אָן אויפהער גערונען פון אירע אויגן... זי איז אָפּגעפאָרן.

די פורן האָבן פאַרלאָזט דעם מאַרק און מיט זיי די איינוואוינער פון אונדזער שטעטעלע, וועלכע האָבן דאָ לאַנג געוואוינט, געאַרבעט, געהאַנדלט, געלעבט ווי איינער האָט געקענט. עס איז נאָך פאַרבליבן אַ קליינע צאָל וועלכע האָט געדאַרפט היינט־מאָרגן אָפּפאָרן.

צומאָרגנס אין דער פרי האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט אייניקע פון די אויסגע־זידלטע און געקומען פאַרסאַפּעטע: אין לוקאָוו איז פאַרגעקומען אַן אַקציע. די גרויליקע ידיעות האָבן אויפגעטרייסלט די נשמה. די סאַדיסטישע באַרבאַרישע אויפפירונג, דאָס שלאָגן, קאָפּן, האַקן מיט די קעפּלעך פון די קליינע קינדער אין די ווענט, און נאָכהער די וואַגאָנען...

אין דער זעלבער צייט האָט זיך ביי אונדז אין שטוב באַוויזן אַ באַקאַנטער קריסט און ער האָט דערקלערט אַז ער וויל אונדז קומען צו הילף און נעמען איינעם פון אונדז צו זיך. מיר האָבן אָנגענומען דעם פאָרשלאַג און באַשטימט, אַז די מוטער וועט גיין צו אים. איך האָב נאָך ניט געהאַט באַשטימט וואָס צו טאָן.

אייניקע האָבן זיך געמאַכט פּוילישע דאָקומענטן און אָפּגעפאָרן אַלס אַריער. מיידלעך זענען אָפּגעפאָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. איך האָב זיך געפונען אין אַ געביידע אויף דער פּאַלאַצאָווע גאַס מיט נאָך פיל יונגע מיידלעך און בחורים. די געביידע איז געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט. די אַרבעט איז באַ־שטאַנען פון שאָבן קלעצער. מיר האָבן גערעכנט ווי אַמשנעלסטן פון דאָרט צו אַטנלויפן, מיר האָבן נאָר געוואָלט באַשליסן וואוהין צו גיין. מיין ברודער איז אויך דאָרטן געווען.

פאַרנאַכט, ווען עס איז פינצטער געוואָרן, אויפן צווייטן טאָג פון אונדזער געפינען זיך דאָרט, האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ קריסט, וואָס האָט געאַרבעט פריער

ביי דעם גראַף און אונדז געוואָרנט צו אַנטלויפֿן נאָך היינט, ווייל מאָרגן „זידלט" מען פֿון דאַנען אויס אין לאַגער.

אַ גרופּע בחורים: פּסח קרייצמאַן, חנוך קרייצמאַן, אברהם קופּיעץ, אהרון קאָרמאַן, יידל פייגענבלאַט און אַנדערע, פֿון וועלכע איך געדענק נישט די נעמען, זענען אַנטלאָפֿן אין וואַלד מיט געווער. זיי האָבן געהאַט פֿריער צוגעגרייט אַ בונקער. אַ צווייטע גרופּע איז געגאַנגען אין באַהעלטעניש צו מאַכצינסקין (דאָס איז געווען זייער אַ גרויסער בונקער).

מיין ברודער האָט באַשטימט צו פֿאָרן אויף אַרישע פּאַפּירן. ער האָט געוואָלט זיך קענען אַריינקריגן קיין וואַרשע און דאָרט אָנבינדן קאָנטאַקט מיט זיינע חברים.

עס איז אויף מיר אָנגעפֿאַלן אַ פּחד פֿאַרן וואַלד אין ווינטער. איך האָב געוואוסט אַז עס איז צו שווער פֿאַר מיר, איך וועל גיין צו דער מוטער.

איך האָב צוגערעדט דעם ברודער ער זאָל אויך מיט מיר גיין, אָבער ער האָט זיך ניט געוואָלט באַהאַלטן. איך האָב אים ניט געקאָנט איבערצייגן און מיין טייערער ברודער האָט מיט מיר זיך געזעגנט און איז אַוועק פֿון מיר. געווען איז דאָס די לעצטע נאַכט פֿון אָקטאָבער 1942. איך בין געבליבן שטיין מיט אַ פֿאַר־קלעמט האַרץ, איך האָב געוואָלט שרייען: מאָניעק, מאָניעק! מען האָט מיך אַ שלעפּ געטאָן ביי דער האַנט: וואָס טוסטו? וואָס שרייסטו? איך האָב געפֿילט אַז איך גיי אַראָפּ פֿון זינען. פֿאַרוואָס האָב איך אים געלאָזט אַוועק גיין פֿון מיר?

עס איז געווען 3 ביינאַכט. די פֿינצטערניש האָט אָנגעהויבן אַ ביסל נאָכלאָזן און איך האָב געפֿילט אַז אויב איך גיי ניט איצט אַרויס פֿון דאַנען, וועט נאָכהער זיין צו שפּעט. איך האָב גענומען דעם קליינעם רוקזאַק, און אין האַנט אַ קליין פּעקל מיט עסן. שטיל זיך געזעגנט מיט די וואָס זענען נאָך פֿאַרבליבן, אונטערגעהויבן די דראָטן און אַרויס אויף די פּאַלאַצאָווע גאַס.

די שטילקייט אַרום איז פֿון צייט צו צייט איבערגעריסן געוואָרן דורכן אָפּקלאַנג פֿון די טריט פֿון דער וואַך ביים שלאָס. דער שלאָס איז געווען באַלאַגערט מיט שוצפּאָליציי. דער סאָלדאַט האָט מאַרשירט מיט שווערע טריט אַהין און צוריק אויפֿן וועג, וואָס האָט געפֿירט אין שלאָס. ווען די טריט זענען געוואָרן שטילער, האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז דער דייטש געפֿינט זיך איצט טיפֿער אין שלאָס. איך בין שנעל אַריבער דעם טויער אין די פּאַלאַצאָווע. איך בין געלאָפֿן אויף די שפּיץ פֿינגער אָן אָטעם ביז צו דער קירכע און נאָכהער זיך פֿאַרקערעוועט אין דער זייט פֿון גערקער גאַס. צו דעם האָבן מיר צוגעהאָלפֿן די גומענע שטיוול וועלכע איך האָב געטראָגן. ווען איך בין אַריין אין גערקער גאַס האָבן איך דערהערט שווערע טריט פֿון דעם פּאַטראָל, וואָס האָט געהיטן די יידן זאָלן ניט אַנטלויפֿן.

איך האָב זיך באַהאַלטן אונטער אַ הויז און ווען דער פּאַטראָל איז פֿאַרביי, בין איך געלאָפֿן ביז צום קריסטלעכן בית־עלמין. דאָרט האָב איך זיך אַ ווײַלע

אָפּגערוס, אָבער גלייך האָט מיר ווידער גענומען קלאַפּן דאָס האַרץ. עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז פון יעדן בוים קומט אַרויס אַ זשאַנדאַרם, יעדער קוסט האָט מיך איבערגעשראָקן, און טראָץ דעם וואָס איך בין געווען שטאַרק מיד, האָב איך גע־מוזט גיין: אָט אָט הייבט שוין אָן צו טאָגן. איך בין צוגעקומען צום דורכגאַנג איבערן וויעפּרש. די בריק איז אָבער געווען אויפגעריסן. אַנשטאָט די בריק איז געלעגן אַ שמאָל ברעט. דער פּחד אַז נאָך אַ ביסל הייבט אָן צו טאָגן און דער געדאַנק אַז איך טאָר ניט שטיין בלייבן אַזוי אין מיטן פעלד, האָט מיר געגעבן מוט און איך בין אויף אַלע פיר געקראָכן איבערן ברעטל ביז איך בין אַריבער דאָס וואַסער. נאָכהער האָב איך נאָך געבלאָנדזשעט אויף די פעלדער און ניט געקאָנט געפינען די וועגלעך, אָבער ענדלעך בין איך אָנגעקומען אויפן באַשטימטן אָרט.

ווען איך בין אָנגעקומען צום קריסט האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן; דער הונט האָט געבילט, און באַלד האָט זיך באַוויזן דער אייגנטימער. מיין קומען איז געווען אומגעריכט, אָבער ער האָט מיך גלייך געפירט צו מיין מוטער. איך בין געווען אַזוי מיד אַז איך בין גלייך אַנידערגעפאַלן און איינגעשלאָפן אויף אַ גאַנצן מעת־לעת.

ווען איך האָב געעפנט די אויגן איז די ערשטע פראַגע פון מיין מוטער געווען, וואו איז משה (מיין ברודער). איך האָב איר דערציילט.

די מוטער האָט געוויינט: פאַר וואָס האָסטו אים ניט מיטגענומען אַהער? מיר זענען געוועןביידע זייער אָנגעווייטיקט.

דערווייל איז די לאַגע ביי אונדז געוואָרן זייער ערנסט. מיר זענען געזעסן אויפן בוידעם איבער די בהמות שטאַל, אָבער דאָס איז ניט געווען קיין רעכט באַהעלטעניש.

טאָג־טעגלעך האָט אונדז דער קריסט דערציילט נייעס, אַז מען האָט געטראָפן און דערפער באַהאַלטענע יידן, אַז מען האָט געשאָסן די אייגנטימער און פאַרברענט זייערע פאַרמעגנס. ער איז געווען זייער פאַרזאָרגט — און איך מיט מיין מוטער ניט ווייניקער. מיר האָבן אים געבעטן מאַכן אַ בעסער באַהעלטעניש.

איין מאָל, גאַנץ פרי, האָט ער אויסגעגראָבן אַ קליין גריבל באַדעקט מיט ברעטער און נאָכהער אַרויפגעשיט ערד. אַריינקריגן זיך דאָרט האָט מען געקענט נאָר דורך אַ קליינע עפענונג פון דעם חזירים שטאַל. די גרוב איז געווען זייער קליין, מיר האָבן זיך ניט געקענט אויסציען צו ליגן און ניט זיצן פריי, נאָר אַראָפּ־בייגן דעם קאָפּ.

נאָך אייניקע טעג האָבן מיר דערפילט אַז עס איז אוממעגלעך דאָס איבער־צוטראָגן. פון דעם חזיר־שטאַל האָט אַריין געריגען דאָס שמוץ און די לופט איז געווען געפערלעך: עס איז ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען.

איך האָב באַקומען שטאַרק פּחד און געפילט ווי עס זעט אויס זיין באַגראָבן ביים לעבן.

אין יאַנואַר 1943 האָט מען אין דער סביבה, וואו מיר האָבן זיך געפונען, דערהרגעט אַ דייטש. דער קריסט מיט די גאַנצע משפחה זענען אַנטלאָפן פון שטוב — זיי האָבן זיך זייער געשראָקן פאַר די פאָלגן. און איך מיט מיין מוטער, וואָס האָבן מיר געקאָנט מאַכן? ווער וועט אונדז אַריינלאָזן?

מיר זענען געזעסן; דאָס עסן האָט זיך אויסגעלאָזט און זיי זענען נאָך ניט דאָ צוריק. שוין 12 שעה ניט געגעסן, 24, שוין 48 שעה... עס איז מיר געוואָרן זייער שלעכט. די מוטער האָט מיך אַרויס געשלעפּט אויף די אויבערפלאַך — סיי ווי ניט געווען וואָס איינצושטעלן. עס איז געווען אַ פּראַסטיקע ווינטער נאַכט. איך האָב גלייך אָנגעהויבן אָטעמען די פרישע לופט און גלייכצייטיק דערפילט דעם שטאַרקן הונגער.

פּלוצלונג האָט זיך באַוויזן דער קריסט. ער האָט שוין געגוי געוואוסט די לאַגע, אָבער ער האָט זיך פאַרענטפערט: עס איז אוממעגלעך געווען צו קומען. ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז מיר וועלן שטאַרבן פון הונגער. מיר האָבן באַקומען עסן.

איך האָב געפילט אַז מיר מוזן אַרויס פונעם גרוב, ווייל מיר וועלן לאַנג ניט בלייבן לעבן. ענדע יאַנואַר זענען מיר ווידער אַרויף אויפן בוידעם איבער די בהמות. דער ווינטער איז געווען זייער אַ קאַלטער. מיר האָבן שוין בעסער געוואָלט ליידן קעלט, איידער דערשטיקט ווערן אָן לופט. קיין לייטער איז ניט געווען; עסן פלעגט אונדז ברענגען די 13 יעריקע טאָכטער פון קריסטלעכן בעל הבית. ווען זי האָט געגעבן אַ הוסט, האָבן מיר דערקענט דעם צייכן. איינע פון אונדז פלעגט צוגיין אויפהייבן אַ ביסל שטרוי און אַראָפּנעמען דאָס עסן. אַזוי זענען מיר ביידע געזעסן אָנגעטאָן אין די ווינטער מאַנטלען, וועלכע האָבן שוין ניט געהאַט קיין צורה פון קיין בגד. רעדן האָבן מיר ניט געטאָרט; אַלץ איז געגאַנגען אויף סימנים מיט די הענט...

פעברואַר 1943. אַ שניי, אַ זאַווערוכע. מען הערט ווי די ווינטן וואָיען. עס האָט געבלאָזן פון אַלע זייטן. דער בוידעם קלאַפּט און טרעשטשעט. מיר האָבן זיך ביידע איינגעטוליעט. די זאַווערוכע ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער. מיט אַ מאָל איז געוואָרן ליכטיק — דער שפּיץ פון דאַך איז אַוועק מיטן ווינד און מיר זענען געבליבן אָן אַ דאַך. עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז מען זעט אונדז פון אַלע זייטן. מיר האָבן געבעטן דעם קריסט ער זאָל פאַרריכטן דעם דאַך, ער האָט אָבער מורא געהאַט אַז עס זאָל ניט פאַלן אויף אים אַ פאַרדאַכט. ער האָט אונדז געהייסן זיך שטאַרקן ביז עס וועט ווערן וואַרעם. מיר האָבן זיך געשטאַרקט, אָבער עס איז ניט אַזוי פּשוט צו שלאָפן אונטערן בלויזן הימל אין אַזאַ טעמפּעראַטור.

ווען מיין מוטער איז געשלאָפֿן האָב איך געוואַכט, זי זאָל ניט פֿאַרפֿרוירן ווערן. ווען איך בין געשלאָפֿן, האָט מיין מוטער געוואַכט.

די נייעס וואָס מיר האָבן באַקומען זענען געווען זייער שלעכטע. עס האָט אויסגעזען אַז די לאַגע אין אָן אַן אויסוועג. אין די לאַנגע קאַלטע ווינטער נעכט זענען מיר געזעסן אין דער פֿינצטער און געטראַכט אָן אויפֿהער... דער ווינטער איז אַוועק, און דער פֿרילינג 1943 האָט זיך דערנענטערט.

אַלץ אַרום אונדז האָט אויפֿגעוואַכט צום לעבן; גאַנץ פֿרי האָבן די פּאַס־טושקעס אונטערזינגענדיק אַרויסגעטריבן די בהמות. די פּויערן זענען אַרויס אין פֿעלד אַקערן; די פֿייגעלעך האָבן געזונגען און די קינדער האָבן זיך געשפּילט... און מיר? מיר זענען געזעסן און געטראַכט...

ווען עס איז געוואָרן וואַרעם האָט מען אונדז פֿאַרמאַכט דעם דאַך. מיטן אָנקומען פֿון זומער האָבן מיר דערפֿילט געוויסע ענדערונגען. יעדן אויף דער נאַכט האָבן מיר געהערט באַוועגונגען פֿון מענטשן אַרום אונדז; געהערט בילן אַלע הינט פֿון דאָרף, מיר האָבן ניט געקאָנט פֿאַרשטיין וואָס קומט דאָ פֿאָר. נאָך אייניקע מאָל נאָכפֿרעגן, האָט מען אונדז דערציילט, אַז דאָס זענען פּאַרטיזאַנער, וועלכע פֿאַרלאָזן ביינאַכט די וועלדער און קומען צו די פּויערים נאָך פֿאַרשיידענע נייטיקע זאַכן און נעכטיקן אויך אַמאָל דאָרט איבער. איך האָב איין מאָל געהערט ווי די פּויערים האָבן צווישן זיך געשמועסט, אַז עס זענען פֿאַרהאַנען אין דער סביבה פֿיל יידישע פּאַרטיזאַנער. איך האָב געהערט וועגן פֿאַקטן ווי זיי האָבן זיך נוקם געווען אין די פּויערים, וואָס האָבן אויסגעגעבן אָדער געטאָן שלעכטס יידן. כ'האָב אָנגעהויבן קלערן אַנדערש. אין האַרץ האָט אויפֿגעטויכט אַ פֿונק פֿון האָפֿנונג...

איינמאָל נאָכמיטאָג, ענדע זומער, אין דער צייט פֿון קאָפּן קאַרטאָפֿל, ווען קיינער איז ניט געווען פֿון די פּויערים אין דער היים, האָב איך זיך שטיל צו גערוקט צו אַ ווינקל פֿון דאַך, צורוקט אַ ביסל דאָס שטרוי אויף אַזוי פֿיל, מען זאָל דאָס ניט באַמערקן פֿון דרויסן און געקוקט אויף דער וועלט. איך האָב געזען פֿון דערווייטנס ווי די פּויערים אַרבעטן אין פֿעלד. נעבן זיי זענען געשטאַנען זעק מיט אָנגעשיטע קאַרטאָפֿל. מיט אַ מאָל האָב איך אין גאַנצן אויפֿגעציטערט. נעבן דער אָבאָרע, אויף אַ שמאָל וועגל, זענען געגאַנגען אין אַ שורה אַ גרופּע בחורים מיט ביקסן. אין מיטן העלן טאָג אַזוי פֿריי! איך האָב דערקענט צווישן זיי באַ־קאַנטע: משה וואַרום און נאָך אים ישראל האַנדעלסמאַן, רויזע צירלס מאַן. עס זענען געגאַנגען נאָך אייניקע, וואָס איך האָב ניט געקענט. איך האָב געוואָלט צו זיי רעדן, אָבער גלייך זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז עס קאָן אונדז עמיצער באַמערקן און דאַן זענען מיר פֿאַרלוירן. איך האָב געשוויגן און זיי זענען פֿאַר־שוואונדן.

אין אייניקע וואָכן אַרום אין אַ געוויסן אין דער פֿרי, הערן מיר דעם צייכן

וואָס איז באַשטאַנען פון באַקאַנטן הוסט. דעם פויערס טאָכטער, איר פּנים בלאָס און די אויגן שטאַרק דערשראָקענע. שטילערהייט, אין איין אָטעם, זאָגט זי, אַז מיר זענען איצט אַלע פאַרלוירן. דאָס דאָרף איז פול מיט דייטשע זשאַנדאַמעריע. וואָס טוט מען? מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן. נאָך אַ מינוט האָט זיך באַוויזן דער פויער. ער איז אַרויף זען ווי אונדז צו באַהאַלטן. ער האָט אונדז פאַרלייגט אין אַ ווינקל מיט אייניקע סנאָפּעס שטרוי; געמאַכט אַז מען זאָל גאָרנישט דערקענען. מיר זענען ביידע געלעגן מיט גרייס שרעק. מיט אַ מאָל האָב איך געפילט דאָס מיין האַרץ ווערט מיר צעשפּרונגען פאַר שרעק: איך האָב דערהערט די שפּראַך וואָס איך האָב שוין אַ לענגערע צייט ניט געהערט... ניט ווייט פון אונדז זענען געווען דייטשן. איך האָב גענוי געהערט זייער שרייען און די באַפעלערישע טענער... כ׳האָב איינגעהאַלטן דעם אָטעם און זיך שוין פאַרגע־שטעלט אין געדאַנק ווי מען נעמט אונדז אַראָפּ פון דאַנען.

אַזוי האָט געדויערט אַ געוויסע צייט און נאַכהער איז געוואָרן שטיל. מיר האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז אַרויפגעקומען די טאָכטער און אונדז דערציילט, אַז די דייטשן זענען געקומען נעמען תבואה.

דאָס גאַנצע הויז איז געווען זייער פאַרביטערט נאָכן שווערן טאָג, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט. מען האָט זיי געהערט כסדר זיפצן.

עס איז אָנגעקומען דער ווינטער און ווידער איז געוואָרן שווער. מיר האָבן געהאַט שוין ווייניקער כוח ווי מיט אַ יאָר צוריק. ווידער די לאַנגע ווינטער נעכט, די קעלט און פינצטערניש... גאַנצע נעכט האָבן געבילט די הינט — מיר האָבן געוואוסט אַז דאָס באַוועגן זיך מענטשן. מען האָט גערעדט, געשאָסן... גאַנץ אָפט פלעגן קומען אַנטלאָפענע פון אַנדערע דערפער, וואו עס האָט עפּעס פּאַסירט. דאַן האָבן מיר געמוזט הונגערן. עס איז אוממעגלעך געווען צוברענגען עסן...

אונדזערע קליידער זענען געוואָרן שטאַרק צוריסן. וועגן וואַשן זיך האָבן מיר נאָר געטרוימט... דער פויער האָט כסדר געברומט — ווער האָט עס געוואוסט אַז דאָס וועט אַזוי לאַנג דויערן? ווי קען מען אויסהאַלטן אין שרעק אַזוי לאַנג? ווער ווייסט וואָס וועט זיין? מיר וועלן אַלע אומקומען. ער האָט אונדז דערציילט אַז די יידן פון קאָצק זענען שוין אַלע אומגעקומען; זייער פיל פויערים האָבן דערהרגעט יידן, וואָס זענען געווען באַהאַלטן ביי זיי, און די קערפּערס אַריין געוואָרפן אין וואַסער. מען האָט זייער פיל יידן געפונען אין די טישמיענציע מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ — מיר האָבן שוין אויפגעהערט פרעגן נייעס...

אַזוי איז אַדורך אַ וואָך נאָך אַ וואָך און עס האָט זיך אָנגעהויבן דערנענ־טערן דער פרילינג, וועלכער האָט אויך ניט אָנגעזאָגט קיין פאַרבעסערונג.

עס איז געוואָרן וואַרעמער. מיין מוטער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן גע־דאַנק, זי מוז אַראָפּ פון בוידעם און געוואויר ווערן די לאַגע. געווען איז דאָס

אָנפּאַנג זומער, אַ זונטיק אין דער פרי; דער פּויער מיט דער פרוי זענען אַוועק אין דער קירכע; די מוטער האָט באַשטימט אַז איצט גייט זי אַרויס געוואויר ווערן... איך האָב איר אָפּגערעדט — זי האָט אָבער ניט געוואָלט הערן. זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף אַ דיקן שטעקן וואָס איז געשטאַנען אין דער אָבאָרע, און איז אַוועק געגאַנגען. איך בין געזעסן אַ גאַנצן טאָג אַליין. עס זענען מיר אַדורך פאַרשיידענע געדאַנקען און איך האָב געהאַט זייער גרויס צער וואָס איך האָב געלאָזט די מוטער גיין; איך האָב געוואַרט אויף איר צוריק קומען מיט גרויס אומגעדולד. די פּויערים זענען צוריק געקומען פון שטאָט און ניט געוואוסט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. עס איז געוואָרן פינצטער און די מוטער איז נאָך ניטאָ. עס איז שוין געווען זייער שפּעט ווען איך האָב געהערט שטיל זיך עפענען די טיר פון דער אָבאָרע.

די מוטער האָט געשעפּטשעט איך זאָל איר העלפן צוריק אַרויף. כ׳האָב איר אַראָפּגעוואָרפן דאָס אָנטון און זי האָט דאָס צוגעבונדן צום דראָנג, און אַזוי איז זי נאָך גרויס מאַטערן צוריק אַרויף אויפן בוידעם — איך האָב אָפּ־געאָטעמט פריי...

די מוטער איז געווען זייער דערשראָקן און שטאַרק באַדויערט וואָס זי האָט געטאָן. גלייך ווי זי איז אַרויס אויפן וועג מיט איר צוריסענעם אָנטאָן, האָט מען איר דערקענט אַז זי איז אַ „זשידוווקע״. מען האָט איר אָנגעהויבן נאָכגיין און נאָכקוקן. זי האָט געטראָפן עפּעס אַ פּויער וועלכער האָט איר געזאָגט: — וואו גייסטו! מען דערקענט דאָך אַז דו ביזט אַ יידישע? אפשר ביזטו הונגעריק, וועל איך דיר געבן עסן — אָבער דו מוזט גלייך אַוועק און זיך באַהאַלטן! ער האָט איר דערציילט דאָס זעלבע וואָס דער פּויער האָט אונדז איבערגעגעבן. זי האָט אויך געטראָפן אַ יונג מיידל, אַ קריסטין, וועלכע האָט איר געוואָרנט פאַר איר דרייסטקייט זיך צו באַווייזן אין ריכטונג פון שטאָט. זי האָט דערציילט אַז אין שטאָט זענען פאַראַנען פיל דייטשן. די מוטער איז אַוועק אין אַ זייט, זיך באַהאַלטן און געווען דאָרט ביזן אָוונט.

עס זענען ווידער אַדורך אייניקע וואָכן.

מיט אַ מאָל זענען פאָרגעקומען געשעענישן אויף וועלכע מען האָט זיך גאָר־נישט געריכט. מיר האָבן אַליין אויסגעפילט די בייעס — די לופט האָט זיי געבראַכט. עס האָבן זיך געלאָזט הערן באָמבאַרדירונגען, עקספּלאָזיעס, שיסערייען. די ערד האָט זיך געטרייסלט, די אָבאָרע האָט אונטערגעטאַנצט מיט אונדז צוזאַמען, מיר האָבן זיך דערוואוסט וועגן די גרויסע אָפענסיווע פון די רוסישע אַרמיי און וועגן איר פאָרויסמאַרש. די שיסערייען זענען געוואָרן נענטער און נענטער. מען האָט באָמבאַרדירט אַלע אַרומיקע גרעסערע שטעט אַרום אונדז. אַזוי האָט דאָס געדויערט גאַנצע נעכט.

איך האָב צורוקט אַביסל דאָס שטרוי און אַרויסגעקוקט. אַרום און אַרום

פלאַמען, — איין גרויס פייער! אויפן הימל צענדליקער גרויסע שטערן אין פאַר־שיידענע פאַרבן. דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט. די פויערים האָבן זיך צוגע־גרייט גריבער, פלעצער זיך צו באַשיצן. מיר זענען געווען אָבער אָן פחד, ניט געשראָקן זיך פאַרן פייער, — מיר האָבן געוואוסט, עס דערנענטערט זיך די ענדע.
עס איז אַדורך אַ קורצע צייט און מיר האָבן זיך דערוואוסט אַז לובלין איז געפאַלן, און דאַן איז געקומען אונדזער באַפרייאונג. איך האָב אַרויסגעקוקט און געזען פורן מיט רוסיש מיליטער. ווי שווער איז דאָס געווען צו באַגרייפן! צי איז דאָס די ווירקלעכקייט? איך בין געבליבן אין גאַנצן אַ צעמישטע... צי איז דאָס מעגלעך אַז מיר זאָלן נאָך קאָנען זיין אויף דער פריי, גלייך מיט מענטשן זיך באַוועגן...

מיר האָבן פאַרלאָזט דעם פלאַץ מיט די מענטשן, וועלכע האָבן אונדז געגעבן דאָס לעבן.

טראָץ דעם וואָס מיר זענען געווען אָפּגעוואוינט פון גיין, זענען מיר נאָך גרויסע מאַטערניש אָנגעקומען אין אונדזער שטעטל. מיר זענען אַריין צו אונדז אין וואוינונג און געבליבן שטיין. מיר זענען געזעסן און געקוקט איינע אויף די צווייטע: פוסט, לער, ניטאָ קיינער. ניטאָ קיין יידן. אַלע אונטערגעבראַכט, אויס־


נאָך אייניקע טעג זענען אָנגעקומען איינצלנע, וועלכע האָבן אויף פאַר־שיידענע אופנים איבערגעלעבט די מלחמה. מיר האָבן זיך געפונען אין קאָצק אייניקע מאָנאַטן. עס האָבן זיך געהערט קלאַנגען, אַז אין פאַרשיידענע שטעטלעך זענען אויסגעהרגעט געוואָרן יידן, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די קריג, דורך די באַנדעס פון א. ק. דער יידישער קאָמיטעט אין לובלין האָט געפאָדערט די יידן זאָלן אַרויספאָרן פון די קליינע שטעטלעך. איך מיט מיין מוטער זענען נאָך געבליבן די לעצטע. מיר האָבן זיך אויך שוין געגרייט פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

עס איז געווען אַפּריל 1945, 12 ביינאַכט. איך בין געזעסן, געשריבן בריף צו מיינע קרובים. די מוטער איז שוין געשלאָפן. איך האָב געהערט עס איז צו־געפאָרן אַ פור און זיך אָפּגעשטעלט ביי אונדזער הויז. עמעצער איז צוגעגאַנגען און אָנגעהויבן רייסן די טיר פון פאַרקאַן, און ווען די האָט זיך געעפנט, האָבן זיי מיט כוח געוואָלט עפענען די טיר פון דער ווערענדע און זיך אַריינקריגן אין שטוב. גלייכצייטיק האָבן מיר געהערט שרייען און שעלטן: פשיאַ קרעוו יאַק זשידזי שיען זאַמקנעלי! איך האָב געזען אַז מיר זענען אויפסניי פאַרלוירן. איך האָב אויפגעוועקט די מוטער. זי האָט געזאָגט: מאַניע, בייג זיך אַראָפּ, זיי וועלן נאָך אַריינשיסן... עס איז מיר געפאַלן אַ געדאַנק. מיר הבן זיך אויסגעטאָן די שיך. איך האָב געעפנט די טיר פון פראָנט און מיר זענען אין איין אָטעם געלאָפן. איך האָב זיך באַהאַלטן ביי די ראָזענבלאַטס אויפן בוידעם, די מוטער איז געלאָפן אויף אַ צווייטן פלאַץ. גאַנץ פרי האָבן מיר זיך אָפּגעזוכט. אַריין אויף אַ וויילע אין שטוב און נאַכהער שנעל פאַרלאָזט דאָס שטעטל.

יעקב ערליך (תל־אביב)

אונטער די נאַציס

די ערשטע יאָרן פון דער מלחמה



שבת, דעם 2־טן סעפּטעמבער 1939, האָבן זיך באַוויזן אין קאָצק די ערשטע ייִדישע היימלאָזע, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון דעם שטאַרקן באָמבאַרדירטן דעמבלין. האָפנדיק געפינען אין קאָצק אַ מקום מקלט. אַ גאַנצן וואָך נאָכאַנאַנד האָט זיך געצויגן דער שטראָם פון די אַנטלויפנדע: מיליטער, ציווילע, פרויען און קינדער. פרייטיק, דעם 8־טן סעפּטעמבער, זענען דערשינען דייטשע אַעראָפּלאַנען; מורא האָבנדיק פאַר דער נאָענטער באָמבאַרדירונג האָב איך שבת פרי אַוועקגעפירט מיינע 3 קינדער צו אַ קריסט אין וואָלע סקראַמאַוואָסקע (אַ דאָרף נאָענט פון קאָצק) און צוריק געקומען קיין קאָצק. באַלד האָבן אָנגעהויבן פאַלן באָמבעס איבערן שטעטל. און איך מיט מיין פרוי אסתר בלימה ז"ל, זענען אַנטלאָפן צו די קינדער. ווען אין אָוונט איז שטילער געוואָרן, זענען מיר צוריקגעפאָרן קיין קאָצק, כדי צו ראַטעווען אַ ביסל סחורה פון פייער; צוליב די באָמבעס האָבן זיך צעשפּרייט שריפות אין שטעטל. דאָרט האָבן מיר זיך דערוואוסט אַז אין רבינ'ס הויף זענען געפאַלן 15 ייִדן, די ערשטע קרבנות פון דער מערדערלעכער באָמבאַרדירונג.

די ערשטע טעג סוכות האָט דאָס פּוילישע מיליטער נאָך אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד, און קאָצק איז געשטאַנען אין פלאַמען. הושענא־רבה האָבן די דייטשן אָקופּירט דאָס שטעטל און באַלד צוזאַמענגענומען אַלע איינוואוינער, כדי זיי אונטערזוכן. די דייטשן האָבן באַלד אָפּגעטיילט די ייִדן פון די קריסטן; צוגענומען אַלע פּערזענלעכע זאַכן ביי די ייִדן און זיי אַוועקגעגעבן די קריסטן. אַזוי האָט מען געהאַלטן אַלע ייִדן (מענער) ביי דער שולע אויפן נאָמען פון בערעק יאָסעלעוויטש אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט. צומאָרגנס ערשט האָט מען זיי באַפרייט.

נאָך אַזאַ „ברוך הבא" האָט די ייִדישע באַפעלקערונג גלייך דערפילט אַז עס קומען אָן שווערע, ביטערע צייטן. צעשראָקענע און פאַרזאָרגטע האָבן מיר זיך

אומגעקערט אין אונדזערע היימען. באַלד האָבן די קריסטלעכע איינוואוינער, צוזאַמען מיט די דייטשן, אָנגעהויבן ראַבירן די געשעפטן און הייזער. אין גאַס פלעגט מען כאַפּן יידן צו קערן די גאַסן. דעם זעלבן טאָג האָבן די דייטשן פאַרברענט די שול מיטן בית המדרש.



מקום בו עמד ביהכ"נ בקוצק שנשרף ע"י הנאצים, כעת הוקמה שם נפחיה.
דער פּלאַץ פון די פאַרברענטע שול אין קאָצק, יעצט שטייט דאָרט אַ קוזשניע.

באַלד נאָך דער אָקופּאַציע האָבן די דייטשן נאָמינירט אַ יודנראַט, און אים געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר צוזאַמענקלייבן די קאָנטריבוציע פון 25 טויזנט זלאָטיס, וועלכע זיי האָבן געפאָדערט פון די קאָצקער יידן. מען האָט גלייך צונויפגעזאַמלט די דערמאָנטע סומע, און געהאָפט אַז דערמיט איז מען פטור געוואָרן פון אַלע צרות.

דעם צווייטן שבת האָט די דייטשע קאָמענדאַנטור באַפוילן אַלע יידן טראָגן אַ ווייסן באַנד מיט אַ בלאָען מגן־דוד אויפן אַרבל; פאַרבאָטן אַרויספאָרן פון שטעטל און נאָך אַנדערע שיקאַנעס און דערנידערונגען (ווי זיך אויסלייגן אויפן מאַרק מיטן פנים אין בלאָטע).

אין יאָר 1940, חנוכה־צייט, זענען אָנגעקומען קיין קאָצק ביי 1.100 היימלאָזע פון סוואַלק, סעראָצק און נאַשעלסק, אַלע אָרים און בחוסר־כל; מער ווי 20 זלאָטעס איז ניט ערלויבט געווען צו האָבן מיט זיך. אין קאָצק האָט זיך גליי

געשאַפן אַ ועד, וועלכער האָט איינגעאָרדענט די היימלאָזע ביי די איינוואוינער. איך האָב אויפגענומען אַ פאַמיליע פון 5 פערזאָן און זיי אויסגעהאַלטן צוזאַמען מיט מיין הויז־געזינט.

פורים יענעם יאָר האָט מען נאָך געמאַכט אַביסל פורים׳דיק; פסח האָט מען געבאַקט מצות און געפרואווט מאַכן אַ יום־טוב׳דיקע שטימונג, טראָצדעם וואָס מען האָט גוט געפילט די סכנה וואָס שוועבט איבער אונדזערע קעפּ. אין דעם זעלבן יאָר האָט מען אַוועקגעפירט פיל יונגעלייט קיין ביאַלע־פּאָדלאַסקי אויף שווערע אַרבעט. אַ סך יידן האָט מען אַריבערגעפירט אויף אַרבעט אין לאַגער „אסאבוי" ביי ראדזין.

1942 — קאָצק ווערט „יודנריין"

אין מאָנאַט יולי 1942 האָט זיך געפילט אין קאָצק אַ געוויסע אָנטשפּאַנונג. די אָפטע שיסערייען פון די דייטשן האָבן אויפגעהערט. אייניקע האָבן אָנגעהויבן האָפן, אַז מען וועט דעם קריג איבערלעבן... ליידער, איז דאָס געווען אַן אילוזיע. אינגיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פויזע אין דער נאַצישער פאַרניכטונגס־פּאָליטיק איז נאָר אַ צייטווייליקע: טרעבלינקע איז געווען דאַן איבערפולט מיט יידן — האָבן די נאַציס איבערגעריסן אויף אַ געוויסע צייט די אַקציעס.

צו יענער צייט האָבן זיך פיל קאָצקער יידן געפונען אין דעם לאַגער „אסאבוי" ביי ראדזין. דער יודנראַט האָט געוואָלט שיקן שפּייז אַהין, איז אָבער ניט געווען ווער זאָל דאָס אַריבערפירן. אַרויספאָרן פון שטאָט איז געווען פאַרבאָטן. גרשון בראנשטיין, אַ מיטגליד פון יודנראַט, האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן איבערפירן דאָס שפּייז אין „אסאבוי". פאָרנדיק צוריק פון לאַגער, וואו ער האָט דאָס שליחות אויסגעפירט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין מעזריטש דאָרט האָט אים די געסטאַפּאָ געכאַפּט און דערמאָרדעט.

פון טאָג צו טאָג איז די לאַגע געוואָרן ערגער. עס זענען דערשינען נייע גזירות (צווישן אַנדערע האָבן די יידן געמוזט אָפּגעבן זייערע פוטערס). עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז מען פירט אַרויס יידן פון לובלין און פון אַנדערע שטעט — און מען דערשיסט זיי. מיר האָבן געפילט, אַז קאָצק וועט ניט זיין קיין אויסנאַם. באַלד האָבן זיך באַוויזן יידן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון מיעכאוו (אויך פון ליסאביקי); די אַרומיקע שטעטלעך זענען שוין געווען „יודנריין". די אַנטלאָפענע האָבן מיר באַהאַלטן אין אונדזערע הייזער, טראָץ דעם לעבנס־געפאַר (עס האָט געדראָט מיט דערשאָסן ווערן).

פאַר סוכות האָבן די דייטשן באַפוילן, אַז אין קאָצק דאַרפן בלייבן נאָר 2000 יידן, און די איבעריקע וועלן אַריבערגעשיקט ווערן קיין פּ אַ ר ט ש ע װ. אין ערשטן טאָג סוכות האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אין טאַלטשין (6 קילאָ־

מעטער פון קאָצק) האָט מען דערשאָסן 2 דייטשע זשאַנדאַרן. עס איז אונדז באַפאַלן אַ גרויס שרעק, ווייל אין סאראקאמלע (אַ שטעטל ביי קאָצק) האָט מען אויסגעשאָסן אַלע יידן נאָך אַן ענלעכן אַטענטאַט איבער דייטשע זשאַנדאַרן.

חול־המועד סוכות זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ טייל יידן קיין פּארטשעוו, און אין קאָצק זענען פאַרבליבן ביי אַ צוויי טויזנט יידן. אין אַ קורצע צייט שפּעטער, איז דערשינען אַ באַפעל, אַז קאָצק מוז ווערן „יודנריין", און אַלע יידן מוזן פאַרלאָזן די שטאָט.

די יידן האָט מען געשיקט קיין לוקאָוו. אין איינעם אַ טראַנספּאָרט זענען געפאָרן צווישן אַנדערע שרה'קע זאקאליק און יחזקאל בלומענפעלד. קומענדיק קיין לוקאוו, האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז אַלע יידן ווערן דערשאָסן — זענען זיי אַנטלאָפן צוריק קיין קאָצק. דאָרט האָבן זיי פּאָליאַקן געכאַפּט און איבערגעגעבן צו די דייטשן, וועלכע האָבן זיי דערשאָסן אויפן אָרט. איך האָב דאַן מיין פרוי מיט מיינע 3 קינדער באַהאַלטן ביי אַ קריסטין. אין לעצטן טאָג פון די טראַנספּאָרטן בין איך אויך אַוועק זיך באַהאַלטן.

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז ווען קאָצק איז שוין געווען „יודנריין", איז דאָרט נאָך פאַרבליבן איין ייד, אברהם זאקאליק, ווייל דער קריסט וואָס האָט צוגענומען ביי אים די מיל, האָט אויסגעפּועלט ביי די דייטשן אַז אברהם זאָל פאַרבלייבן אין קאָצק אַלס פאַכמאַן אין דער מיל. אברהם האָט געאַרבעט אַ לענגערע צייט אין קאָצק, ביז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיינע טעג זענען געציילטע — מען וועט אים אינגיכן דערשיסן. ער האָט באַלד זיך צוגעגרייט אַרישע פאַפּירן און אָפּגעמאַכט מיטן אַפּטייקערס זון יאש גאנשיראווסקי ער זאָל אים איבערפירן קיין דעמבלין; פון דאָרט האָט ער געהאָפט זיך איבערכאַפּן קיין וואַרשע און דאָרט איבערלעבן דעם קריג. איין איינעם אַן אָוונט האָט דעם אפּטייקערס זון אים גענומען אין זיין טאַקסי מכלומרשט צו פירן קיין דעמבלין; ער האָט אים אָבער אַוועקגעפירט קיין ראדזין און איבערגעגעבן צו דער „געסטאַפּאָ".

אין באהעלטעניש

ווען איך בין געקומען צום קריסט וואו מיין פאַמיליע האָט זיך אויסבאַהאַלטן, האָב איך שוין ניט געטראָפן מיין פרוי אסתר בלימה ז"ל, נאָר בלויז מיין יינגסטע טאָכטער מלכה'לע מיט גדליה גראסמאנען. פון זיי האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מיין פרוי איז געגאַנגען צו אַ באַקאַנטן קריסט, און שרה'לע מיט לאה'לע געפינען זיך ביי אַ צווייטע קריסטין. אין מיטן נאַכט איז געקומען שרה'לע מיט אַ געוויין און דערציילט, אַז זשאַנדאַרן האָבן געכאַפּט אסתר בלימה'ן און איר דערשאָסן.

2 מאָנאַטן זענען מיר געווען פאַרבאַהאַלטן ביי דעם קריסט — מער האָט ער ניט געוואָלט; ער האָט מורא געהאַט פאַר די דייטשן. מיר זענען זיך צוגאַנגען:

איך מיט מלכה׳לען, לאה׳לע מיט גדליה גראסמאַן און שרהלע מיט משה זוסמאַן. מיר האָבן אַ גאַנצע נאַכט געזוכט אַן אָרט וואו אַריינצוגיין, אָבער די קריסטן האָבן ניט געוואָלט אונז אַריינלאָזן צו זיך. ענדליך האָט איינער מסכים געווען פאַר געלט אונז אויסבאַהאַלטן. נאָך אַ געוויסער צייט האָט ער אָנגעהויבן דראָען, אַז אויב מיר וועלן ניט אַוועקגיין, וועט ער אונז איבערגעבן די דייטשן. עס האָט ניט געהאָלפן אונזער געלט, געוויין און געבעטן — מיר האָבן געמוזט פאַרלאָזן. אין אונזער פאַרצווייפלטער לאַגע האָבן מיר זיך פּרובירט ביי אַ צווייטן קריסט, וועלכער האָט אונז אַריינגעלאָזן און עסן געגעבן. נאָכדעם האָט ער אָבער געפאָדערט מיר זאָלן פאַרלאָזן זיין הויז — ווייל ער האָט מורא פאַר דער דינסט. מיר האָבן געענטפערט, אַז מיר האָבן ניט וואו צו גיין — סיידן זיך טרינקען אין וויעפּש. דאַן האָט ער זיך פאַרשטענדיקט מיט אַ שכן, מיינער אַ באַקאַנטער (יאש שידלאווסקי), וועלכער האָט באַלד מסכים געווען אונז אויפנעמען.

דער גוטער קריסט האָט אונז אויסבאַהאַלטן אויפן בוידעם, געבראַכט אונז שפּייז, און מיר זענען געווען ביי אים 10 מאָנאַטן. ער האָט אונז אויך געבראַכט, צו אונדזער גרויסער פרייד, מיין טאָכטער לאה׳לע.

אין יולי 1944 האָט אונז דער קריסט אָנגעזאָגט, אַז די רוסן זענען אָנגעקומען און מיר זענען שוין פריי! דאַן האָט ער אונדז ניט געראַטן באַלד אַרויסגיין אויף דער פריי, ווייל עס איז אַ סכנה דערשאָסן צו ווערן פון די פּאָליאַקן. ערשט נאָך עטלעכע וואָכן האָבן מיר געוואַגט אַרייסגיין אויף דער פרייער וועלט.

רחל וויינשטיין (תל-אביב)

מיינע איבערלעבענישן אין די היטלער צייט



עס ציטערן מיר די הענט ווען איך הויב אָן שרייבן מיינע דערינערונגען און איבערלעבענישן אין קאָצק בעת דער גרויזאַמער וועלט מלחמה. פאַר מיינע אויגן גייט פאַרביי אַ קאַליידעסקאָפּ פון טיפן און געשטאַלטן פון דער נאָבעלער יידישער קהילה פון קאָצק.

כ׳בין געקומען קיין קאָצק אין יאָר 1935 אַלס כלה פון מ ע נ ד ל ו ו י ש נ י ע, מיין שפּעטערדיקער מאַן. שנעל זענען פאַר־פלאָסן מיינע רואיקע שיינע יוגנט יאָרן אין קאָצק, וואו עס האָט דאַן געשפּרודלט אַן אימפּולסיוו געזעלשאַפטלעך יידיש לעבן, סיי אין די רעליגיעז־חסידישע קרייזן, סיי אין די וועלטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, מיט זייערע איבערגעגעבענע טרייע עסקנים. אין קאָצק האָט זיך דאַן שטאַרק אָנגעזען די לעבהאַפטע ציוניסטיש־חלוצישע טעטיקייט. אין מיין זכרון איז פאַרבליבן י ו נ ה ז י ג ע ל מ אַ ן ז״ל, אַ געטרייער און מסירות־נפש־דיקער געזעלשאַפטלעכער טוער, פאָרשטייער אין שטאָט־ראַט, מיטגליד פון דער לייטונג פון דער ליי־קאַסע א.אַ.וו.

שווער זיך צוגעוואוינען צו דעם געדאַנק, אַז די טייערע יידישע משפחות, קרובים, פריינד און באַקאַנטע זענען אומגעקומען און פאַרפייניקט געוואָרן דורך די בלוט־דורשטיקע נאַציס, ימח שמם וזכרם.

די ערשטע באָמבעס אין קאָצק

דער זומער 1939 איז געווען אַ שווערער. מען האָט געפילט ממש אין דער שטיקנדיקער לופט דעם אָנקומענדיקן קריג. די אַטמאָספערע איז געווען פול מיט פולווער, און שווערע בלייערנע כמאַרעס האָבן פאַרדעקט דעם בלויען הימל... גרופּעס מענטשן האָבן כסדר דיסקוטירט וועגן מלחמה. מען האָט געמאַכט פאַר־גלייכן מיט דער ערשטער וועלט מלחמה, זיך געטרייסט אַז די סכנה איז ניט אַזוי

נאָענט אין געפלאַנט ווי זיך צו באַהאַלטן און אויסהיטן זיך. עס האָט זיך קיינעם ניט פאַרגעשטעלט, אַז עס קומט אָן אַ שוידערלעכע קאַטאַסטראָפע, וואָס וועט פאַרניכטן דעם יידישן לעבן אין פוילן און אין אייראָפּע בכלל.

קאָצק האָט דערפילט די מלחמה גלייך אין די ערשטע טעג פון איר אויסברוך. שבת דעם 8־טן סעפטעמבער 1939 פאַרטאָג, איז די קאָצקער באַפעלקערונג דער־שיטערט געוואָרן פון די אויפרייס באָמבעס פון דער היטלערישער מערדערלעכער אויאַציע. די ערשטע קרבנות זענען געפאַלן אין קאָצקער רבינ׳ס הויף, וואו עס האָבן זיך דאַן געפונען אַ סך חסידים פון די אַרומיקע שטעטלעך, פון וועלכע דאָס רוב איז אומגעקומען צוזאַמען מיט דעם קאָצקער רבינס משפחה. די באַפעלקערונג האָט פון גרויס שרעק איבערגעלאָזן די ברענענדיקע שטאָט און אַנטלאָפן אין די אַרומיקע וועלדער. 2 וואָכן האָבן געדויערט די קאַמפן ביז די דייטשן האָבן איינ־גענומען קאָצק, און דאַן האָבן זיך די יידן צוריקגעקערט צו זייערע חרובע היימען, ניט אַנעענדיק וואָס דערוואַרט זיי ביי דער נאַצי אָקופּאַציע.

די דייטשע ווערמאַכט האָט באַלד אַרויסגעגעבן פאַרשיידענע פאַראָרדענונ־גען, ווי בלאָקירן די באַנק־קאָנטעס און די פאַרמעגנס אין די סייפן, רעקווירירן די יידישע וואוינונגען. עס ווערן אויפגעריסן באַלד די יידישע געשעפטן, די סחורות רעקווירירט, און מיט דער הילף פון דער פוילישער באַפעלקערונג ווערט אַלץ צעראַבירט. די מענער פון שטעטל, יונג און אַלט, ווערן אויפגעפאָדערט דורך די דייטשן זיך פאַרזאַמלען אויפן מאַרק. די היטלעריסטן האָבן באַלד אָנגעהויבן פייניקן די פאַרזאַמלטע, ווי צום ביישפּיל: מיט שער מאַשינקעס האָבן זיי אויס־געשאָרן אויף די יידישע קעפּ די פאָרם פון אַ האַקנקרייץ, און דערביי געשלאָגן און געזידלט. ביי די פרומע יידן האָבן זיי אָפּגעשוירן באָרד און פּיאות. צום סוף האָבן זיי געצוואונגען דורך קלעפּ צו שפּייען איינער דעם אַנדערן אין פּנים און שרייען אַז די מלחמה איז אויסגעבראָכן צוליב יידן. אַזוי האָבן זיי אָפּגעהאַלטן די פאַרזאַמלטע יידן אויפן מאַרק אַ גאַנצן טאָג אָן עסן און טרינקען.

די „אקציעס"

די לאַגע אין קאָצק ווערט פון טאָג צו טאָג ערגער. אין שטאָט זענען אָנגע־קומען די ס.ס.־טרופּען, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט די „אַקציעס" פון אַרויסשיקן יידן אין די גאַז־קאַמערן. די דייטשן פאָדערן פון יודנראַט אַלץ גרעסערע קאָנטי־גענטן און קאָנטריבוציעס, און דערביי פירן זיי אויס אויך אינדיווידועלע מאָרדן ווי שיסן דורך די פענצטער.

די ערשטע עטאַפּן וואו מען האָט צרויסגעשיקט די אומגליקלעכע זענען געווען: ראַדזין, אָסאַוואַ און אַנדערע ערטער, וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן אין געהיים

די ערשטע צייטן פלעגן אָנקומען ידיעות דורך אומוועגן פון די קאַצעטני־קעס. שפּעטער איז פאַרלוירן געוואָרן יעדער שפּור פון זיי. מיין מאַן, וועלכן איז געלונגען דאַן צו אַנטלויפן פון אַזאַ עטאַפּ, האָט דערציילט ווי מען האָט צונויפ־געזאַמלט די אומגליקלעכע יידן אין ראַדזינער שול און זיי אַריינגעשפּאַרט ווי בהמות אין אַ געפערלעכער ענגשאַפט. דאָרט האָט מען זיי געהאַלטן אָן לעבנס־מיטל און וואַסער, שטייענדיק, ווייל עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ וואו צו זיצן אָדער ליגן. עס האָבן זיך דאָרט אָפּגעשפּילט האַרצרייסנדע סצענעס.

אָט שטייט פאַר מיינע אויגן דער זאַמל־פּונקט פון די געפייניקטע קאָצקער יידן, וועלכע זענען נאָכהער אויסגעמאָרדעט געוואָרן אויפן בית־עולם. איך וויל דאָ דערמאָנען די מאַסן־קברים פון קאָצקער יידן אין וועלכע מען האָט אַריינגע־וואָרפן דערמאָרדעטע קינדער, פרויען און מענער.

די לאַגע פון די לעבעדיקע יידן אין קאָצק איז אויך ניט געווען בעסער. מענטשן האָבן זיך באַוועגט ווי שאָטנס, מיט געלע אויסגעהונגערטע פּנימער און פלאַמענדיקע צעשראָקענע אויגן. עס האָט געהערשט אַ פולקאָמע דעפּרעסיע. מאַכטלאָז און מוטלאָז — האָט זיך ניט דערוועקט ביי זיי דער מינדסטער ווילן צו קעמפן. אָן ווידערשטאַנד האָבן זיי געוואַרט אויף זייער ריי, און פּאַסיוו זיך אונטער־געגעבן זייער גורל. די נאַציס האָבן גוט געקאָנט די מעטאָדע פון דערפירן מענטשן צו אַ פיזישן און פסיכישן צוזאַמענברוך. עס איז געווען גענוג אַז עטלעכע דייטשן זאָלן שפּאַצירנדיק מיט אַ שיכנדיקן אויטאָמאַט זייען טויט צווישן טויזנטער יידן, וואָס האָבן ניט געוואַגט זיך קעגנשטעלן.

מיט אַרישע פּאַפּירן

אין סעפּטעמבער 1942 האָבן די דייטשן באַשלאָסן צו מאַכן די שטאָט קאָצק „יודן־ריין". די לעבנגעבליבענע זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין לוקאָוו, און נאָר אַ קליינע גרופּע יוגנטלעכע זענען פאַראָרדנט געוואָרן צו בלייבן אין קאָצק. עס איז מיר דאַן געלונגען צו באַקומען, ביים וואויט פון טאָלטשין, אַ מעטריקע אַלס אַ קריסטין מיטן נאָמען יאַנינאַ יעראָשימיוק און איך בין אָפּגעפאָרן, צוזאַמען מיט אַ קליין קינד פון 14 מאָנאַטן, קיין וואַרשע.

מיין וועג קיין וואַרשע איז אַדורך מיט טרויעריקע איבערלעבונגען. אין צוג דעמבלין—וואַרשע בין איך דערקענט געוואָרן דורך די קריסטלעכע פּאַסאַזשירן אַלס אַ יידישע. באַלד האָבן זיי מיך אָנגעהויבן טעראָריזירן. פון גרויס פאַרצווייפ־לונג האָט איך זיך געוואָלט וואַרפן דורכן באַן פענסטער. דאַן האָט אַן עלטערער קריסט זיך אַריינגעמישט. אמת, זאָגט ער, קיין יידן פאַרטראָגט ער ניט, אָבער אַ מוטער מיט אַ קינד וויל ער ראַטעווען. איך בין געפאַלן אין חלשות. מען האָט מיך אָפּגעראַטעוועט און פאַרשיידענע שאַנטאַזשיסטן האָבן ביי מיר אויסגעפּרעסט

געלט. איך האָב אַפילו דעם באַן־קאָנדוקטאָר געמוזט אָפּגעבן אַ מתנה פון מיין מאן: אַ גאָלדענע בראָשקע מיט בריליאַנטן.

אַזוי בין איך ווי אַ פאַרפאָלגטע חיה, אויסגעמאַטערט און רעזיגנירט, אָנגע־קומען אין וואַרשע.

אין וואַרשע

אין יאָר 1942 האָב איך געוואוינט צוזאַמען מיט מיין יונגע טעכטערל אין פּראַגע אויף טאַרגאָווע גאַס 78 ביי אַ קריסטלעכע פרוי מיטן נאָמען עווא קעלישעק, פאַר אַ געוויסן חודש־אָפּצאָל און מתנות.

מיין טאָג־טעגלעכער לעבן האָט אויסגעזען אַזוי: די קריסטן פלעגט מיך פאַרשליסן אין הויז אין דער פרי ביי איר אַוועקגיין צו דער אַרבעט, און אַזוי בין איך געזעסן אַ גאַנצן טאָג ווי אין אַ תפיסה, מיד און דערשעפּט פון לאַנגוויי־ליקייט, פול מיט שרעק און דריקנדע געדאַנקען. ביי יעדן שאָרך אויף די שטיגן בין איך געווען גרייט זיך איבערצוגעבן אין די הענט פון געסטאַפּאָ. נאָך די שלאָפלאָזע נעכט און די קאָשמאַרנע אָפּגעריסענע חלומות, פלעג איך קוקן אומעטיק אין דער פרי ווי די זון גייט אויף און ניט געהאַט קיין מוט אויפצושטיין פון בעט. יעדער טאָג האָט מיר אויסגעזען ווי דער לעצטער. איך האָב איבערהויפּט פאַרלאָרן דעם באַגריף פון צייט. ווען איך פלעג דערהערן דעם באַקאַנטן סקריפּן פון שליסל, האָב איך זיך דערמאָנט אַז עס איז שוין פאַרנאַכט. באַלד פלעגט די קריסטן קומען און ברענגען פיל נייעס, וואָס פלעגן מיר צערודערן. זי פלעגט דערציילן וועגן שרעקלעכע סצענעס און בילדער, ווי די דייטשן ברענגען אום יידן, וועלכע באַ־האַלטן זיך אויף דער אַרישער זייט, און איר כוונה איז געווען, אַז עס איז כדאי איך זאָל פאַרלאָזן איר דירה. איך האָב שוין דאַן געוואוינט ביי איר 3 חדשים (דעצעמבער 1942—פעברואַר 1943). די אַטמאָספערע ביי אונדז איז געוואָרן זייער דריקנד. איך האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די דירה. איך האָב איר געבעטן אַז זי זאָל ערגעץ איינאָרדענען מיין קינד.

ווען זי האָט ניט געוואָלט דאָס אויספירן, האָב איך איר דערקלערט, אַז איך וועל דאָס הויז ניט פאַרלאָזן ביז זי וועט ניט איינאָרדענען דאָס קינד. דאַן האָט זי געבראַכט איר קוזין פון מעזריטש, וועלכער האָט ביי מיר גענומען 300 זלאָטעס, צוזאָגנדיק איינאָרדענען דאָס קינד, בתנאי אַז דער אַדרעס פון קינד מוז בלייבן אין געהיים פאַר מיר. דאָס צושיידן זיך מיט מיין פּיצל קינד איז געווען אַזוי האַרצרייסנד, אַז אַפילו די קריסטן זענען געווען גערירט ביז טרערן.

אַלס אַ דינסט אין גראָכאָוו

נאָכן אַוועקגעבן דאָס קינד בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ האַלב באַוואוסטלאָזן צושטאַנד. ווידער בין איך געווען גלייכגילטיק און גרייט אַריינצופאַלן אין די

הענט פון געסטאַפּאָ: זאָלן זיי אַן ענדע מאַכן צו מיינע יסורים. נאָר אַ קליינע האָפענונג האָט געצאַנקט אין מיין באַוואוסטזיין: אפשר וועל איך נאָך איבערלעבן און זען מיין קינד (ערשט נאָך דער באַפרייאונג האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דעם קינד האָט דער קריסט דאַן אונטערגעוואָרפן אויף זאַמקאָווסקאַ גאַס מיט אַ צלם אויפן העלדזל. די דאָרטיקע איינוואוינעריז, יאַדזשאַ ניעפּאָגאָדאַ, האָט דעם קינד גענומען צו זיך, געטויפט און אַ נאָמען געגעבן באַרבאַראַ ניעפּאָגאָדאַ, און געהאַלטן עס ביי זיך ביז 1945).

אַרויסציענדיק זיך פון דער דירה אין פּראַגע, האָט מיר די פרוי קעלישעק איינגעאָרדנט אַלס דינסט אויף גראָכאָוו ביי דער פאַמיליע ווזשעסינסקי. דער בעל־הבית איז געווען אַ הומאַניטאַרער מענטש, אַן אינהאַבער פון אַ פאַבריק פון מעבל מיט עטלעכע צענדליק אַרבעטער. אָפּזייענדיק ביי זיי 3 חדשים האָט ער מורא געקריגן, די אַרבעטער זאָלן ניט אויסגעבן די דייטשן אַז אַ יידישע פרוי אַרבעט ביי אים, און מיר געמאָלדן אַז איך קען ווייטער ביי אים ניט בלייבן. ער האָט אויסגעדריקט זיין באַדויערן, צוגעזאָגט מיר העלפן, און אויסצאָלנדיק מיר עטלעכע טויזנט זלאָטעס (מער ווי עס האָט מיר געקומען) האָט ער זיך מיט מיר געזעגנט. גלייך נאָכדעם האָב איך זיך צוריקגעקערט צו דער קריסטין קעלישעק.

ביי מיין שוועסטער אין שעדלעץ

ביי דער פרוי קעלישעק האָב איך געפונען אַ בריוו, אין וועלכן מען האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז מיין שוועסטער און מוטער געפינען זיך אין אַ בונקער נעבן שעדלעץ. מיין מוטער איז פון צרות בלינד געוואָרן. איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן צו מיין פאַמיליע כדי צו שטאַרבן צוזאַמען. אין שעדלעץ האָט מיר מיין פאַמיליע צוגערעדט, איך זאָל גלייך פאָרן קיין וואַרשע כדי לעבן צו בלייבן צוליבן קינד. אויף דער אַרישער זייט אין וואַרשע זענען דאָך פאַראַן מער שאַנסן איבערצולעבן ווי אין אַ בונקער ביי שעדלעץ. איך בין טאַקע צוריק געפאָרן קיין וואַרשע, און אויפן צוג זיך באַקענט מיט אַ מאַסאַזשיסטקע, וועלכע האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס אַ פאָלקס־דייטשקע. זי האָט מיר גלייך דערקענט אַלס יידין און האָט מיר צו־געזאָגט צו ראַטעווען (זי האָט, ווייזט אויס, געהערט צו אַ אונטערערדישער אָרגאַ־ניזאַציע און געהאַט פיל פאַרבינדונגען). זי האָט ווירקלעך מיר געמאַכט א דאָקומענט מיטן נאָמען יאַנינאַ פלימעצקאַ און באַקומען פאַר מיר באַשעפטיקונג ביי איינעם ליטמאַנאָוויטש, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אַ ריי פאַבריקן און געהאַט פיל אַרבעטער. איך האָב געאַרבעט זייער שווער אין זיין פריוואַטער ווילע און מיינע נערוון זענען געווען זייער געשפּאַנט. די בענקשאַפט נאָכן קינד האָט מיר פאַרפאָלגט טאָג און נאַכט. פון מיין אַרבעטס פּלאַץ בין איך געווען אַן עדות צום וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד און געזען ווי יידן אָנגעטאָן אין טליתים

שפרינגען אין פייער, כדי ניט אַריינפאַלן אין די נאַצישע הענט. נאָך דעם פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע בין איך צוזאַמען מיט אַנדערע „וואַרשעווער באַנדיטן" אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. דאָרט בין איך געווען באַשעפטיקט אין אַ ריי אַמוניציע פאַבריקן, און שפּעטער אין אַ האָטעל אין מאַקלענבורגער געגנט, ביז אָנפאַנג מאַי 1945, ווען די רוסן און אַמעריקאַנער האָבן אונדז באַפרייט פון די נאַצישע נעגל.

✶

20 יאָר זענען פאַרביי פון יענער צייט. אין מיינע חלומות דערשיינען נאָך עד היום די געשפּענסטער פון דער דאָזיקער גרויזאַמער עפּאָכע. די דאָ באַשריבענע פראַגמענטן זענען נאָר אַ טייל פון די שוידערלעכע איבערלעבענישן, וואָס איך האָב אַדורכגעמאַכט אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט מלחמה אונטער דער נאַצי אָקופּאַציע.

ישראל רויטאַפּעל (תל־אביב)

אין לאגער „אסאוואי"

ענדע אַפּריל 1942, האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט פיל קאָצקער יידן (און צווישן זיי דעם שרייבער פון די שורות) אין לאַגער „אָסאָוואָי" (ביי ראַדזין). דער שטח פון לאַגער איז געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכעדיקן דראָט און איז געווען זייער שטרענג געהיט דורך די דייטשן. די מענטשן זענען איינגעטיילט געוואָרן אין 2 סטאָדאָלעס, וווּ עס זענען געווען נאָרעס צום שלאָפן, 60 צענטימעטער די הויך. דאָרט האָט יעדער באַקומען אַן אָרט צווישן 2 שכנים, אין אַ ריי פון 20 מענטשן. דאָ איז געווען דער אַפּרו־פּלאַץ נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, וועלכער איז באַשטאַנען פון אויסטריקענען זומפּיקע פעלדער. מיט פיל יאָרן צוריק איז דאָרט געווען אַ טייכל מיטן נאָמען ביאַלקע, וועלכער אָבער איז שוין שטאַרק פאַרוואַקסן געוואָרן מיט זומפּ־פלאַנצן. צו דער אַרבעט פלעגן מיר גיין 7 ק"מ אין זומפּן ביז 1 מעטער טיף. קומענדיק אויפן אָרט, מידע פון שלעפּן זיך אין די בלאָטעס. פלעגט יעדער איינער פון אונדז באַקומען אַ שטח פון 20 קוואַדראַט מעטער — זיין אַרבעטס־נאָרמע אויפן טאָג. אויף יעדער 10 מענטשן איז געווען אַן אויפזעער. ווער עס האָט ניט געמאַכט די נאָרמע דורכן טאָג, האָט באַקומען ביז 50 שמיץ מיט אַ קאַנטשיק. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער וואָס האָט ניט געענדיקט דעם טאָג — האָט אויך צומאָרגנס ניט געענדיקט.



[illegible] — אין לאַגער [illegible]

נאָך אַזאַ טאָג קאַטאָרזשנע אַרבעט, צוריקקומענדיק ווידער דורך די בלאָטעס אין לאַגער, האָט יעדער באַקומען ביז 200 גראַם ברויט מיט אַ האַלבן ליטער זופּ, אין וועלכע עס האָט זעלטן אַרומגעשווימען אַ קאַרטאָפל. דער הונגער איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געלעקט די אויסגעגאָסענע זופּ אויף דער ערד.

פון טאָג צו טאָג האָט זיך פאַרקלענערט דער צאָל מענטשן. ניט אַלע האָבן געקענט אויסהאַלטן די שרעקלעכע באַדינגונגען. די אַרבעט איז אָבער געגאַנגען ווייטער — און סוף 1942 האָט מען געענדיקט טריקענען די פעלדער.

אַ רואיק שיין טייכל איז זיך געפלאָסן וואו עס זענען אַמאָל געוועזן זומפּן — אַ טייכל וואָס האָט איינגעשלונגען פיל יידישע בלוט אין זיך.

מאָטל סעמיאַטיצקי (קאַנאַדע)

אויסזידלונג פון די יידן אין קאצק דורך די דייטשן אין יולי 1942

לזכרון עולם אבינו הקדוש ר׳ אליעזר סעמיאַטיצקי פאַרפייניקט אין טרעבלינקע דורך די דייטשן ימח שמם, מיט זיין פרוי פעסיה מיין שטיפמוטער און די צוויי ליכטיקע קינדער, גיטעלע גוטקאַ און בן ציון ע״ה, מיין עלטערער ברודער יעקב, אומ־געבראַכט אין קאָברין.

וואָס איז דאָס פאַר אַ געדרודער היינט
אויפן אַלטןברייטן קאָצקער מאַרק?
ס׳איז דאָך אַ פּראָסטער מיטוואָך באַר
ניט קיין יריד טאָג, ניט קיין טאַרג.

וואָס פאָרן זיך צונויף פון אַלע עקן
פאָדוואָדעס, פערד, וואָגן און געשפאַן?
יאָגן פויערים אַזוי זיכער אַזוי ברייט.
וואָס ווערט דאָ געגרייט? וואָס איז דאָ פאַראַן?

וואָס באַוועגן זיך שאָטנס אין מורא און שרעק,
שאַרן זיך פינצטער צוזאַמען און באַזונדער?
ס׳איז דאָך מיין פאָלק, מיינע שוועסטער און ברידער,
דריי דורות, טאַטעס, מאַמעס און קינדער!

ס׳האָט אַ באַפעל דער יודענראַט באַקומען
אַז קאָצק, אַלט־קאָצק, מוז „יודענריין" זיין.
ווי מיט אַ האַק אָפּגעהאַקט, און שוין!
אַ שאָד אַ וואָרט: אַ העלפט מוז היינט גיין!

יאָמערן פענצטער — בליקן זוכן באַשייד:
אוי וואוהין פירן וועגן אויף פיין און לייד?
שטום איז דער ענטפער פון אַלעם אַרום,
דער באַפעל איז אין איין וואָרט: זיין גרייט!

אָט קומען שוין אַ ריי פּאָליציאַנטן — געסטאַפּאָ
מיט רויטע מאָרדעס, ווי חיות פרעך.
מישן זיך צונויף אין דעם לעצטן אַקט
מערדער גזלנים און קרבן אין שרעק.

טוליען זיך צוזאַמען משפּחות גאַנצע,
דריי דורות קאָצקער — צום לעצטן פאַרלענד.
וועקן זיך אויף דראַנגען, בוילן זיך פויסטן
און אַרום וואַקסן אין רייען באַגנעטן ווענט.

און עס ווערט ניט שוואַרץ דער הימל.
אַרום אַ ליכטיגער העלער יולי־טאָג...
פעלדער מיט זעטיקייט און פרייד
טראָגן ווייטער גאָטס־ברכה און גאָב.

האָט דער אַשמדאי מיטן שוואַרצן קרייץ
ווי אַן אָפּמאַך מיט דער וועלט שטיל און איידל:
איך וועל רויבן, מאָרדן, שעכטן —
און דו שוויַיג! אָדער דריי מיט דער צונג ווי אַ דריידל...

*

קאָצק, ווער קען דיך פאַרגעסן, אָ קאָצק!
שטאָט פון מיין געבוירן ,פון רבין ר׳ מענדעלע.
פאַרפולט דאָס בית החיים האָבן באָבעס און זיידעס,
ווי ליב און הייליק איז מיר דיין יעדער זעמדעלע!

שוין יאָרן אויף יאָרן
ווי יידיש קאָצק זיך מערט און וואַקסט.
פורמאַנעס, בעלי־מלאכהס, קצבים, גראָבע יונגען
און צדיקים, רבנים, למדנים ווי ס׳פּאַסט.

געלעבט האָט זיך פון פאַרצייטן אַן עדה
צוזאַמענגעקנעטן פון פסולת און שמן.
געהאַלטן שטאַט האָבן אַפילו די גרעבסטע,
יראת שמים אויף יעדנס בערד און פּיאות און ברעמען...

אברהם שוחט דער הויכער, אַ בליק פון אַן אָדלער,
וואָס פלעגט טאָגן און נעכטיקן ביי יעדן קראַנקען.
פלעגט נאָר דער חולה זיין האַנט מילד דערשפּירן —
זענען אין אים באַלד אַריין די הייל̃נדע געטראַנקען.

משה'לע דער יונגער רב, קאָצקער רבינס איידעם,
דער עילוי מ־ט פאַרשטענדעניש פאַר אָרעם און רייך,
וואָס האָט אין די הייסע זומער־טעג
אַזוי שטאַטיש געשפּאַנט צום שטעטלדיקן טייך...

שלמה טאָפּעל, דער גרויסער סוחר,
אַ ייד אַ גבור, אַ הדרת פּנים,
וואָס אָן אים וואָלט דאָס שטעטלדיקע בילד
געוועזן אַ שטייגער ווי כעלם אָן נאַראָנים...

ברידער ישראל און לייבל זאַקאַליק,
פּשוטע יידן און אונטערנעמערס גרויס,
געבויט מילן, שטאָט־עלעקטראָווניע,
אַוועקגערוקט דאָס שטעטל אויף יאָרן פאָרויס.

און דאַן לייזער איטשעס — אַ ייד אַ פּיקח,
פול תורה און חכמה — אַ האַרץ פון אַ טויב.
דער שטאָלצער נאַציאָנאַלער ר' לייזער ע"ה,
ווען סיי ייד סיי קריסט האָבן געזונגען אַ לויב.

און דאַן, און דאַן און דאַן...
ווער קען זיי ציילן, ווער קען זיי מעסטן.
אַ יידיש דורותדיק שטעטל פאַרוואָרצלט
טיפן — געשטאַלטן פון שענסטן און בעסטן.

יונה זייגערמאַכער, דער באַנק בוכהאַלטער
שטאָטישער קולטור־טוער, פון ערשטער מדרגה,
אַלץ האָט געשטימט: וויסן און פּינקטלעכקייט
ווי אויף זיין טיש דאָס ווערק פון אַ זייגער.

איצט יוגנט! גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ יוגנט!
אַן אַלט יידיש שטעטל מיט שטרויענע דעכער
און אַזאַ דראַנג נאָך קולטור:
אַזאַ דראַנג נאָך „אויב נישט נאָך העכער"...

ציוניסטן, בונדיסטן, לינקע, רעוויזיאָניסטן —
אַלץ שאַרפע מוחות פאַר געפעכטן.
פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, קומט זיך אַלץ צוזאַמען
אין י. ל. פרץ ביבליאָטעק הערן באַריכטן.

און דאָס בעסטע — „השומר הצעיר"
געפלאַקערט מיטן ריינעם יוגנט־שיין
און מיט געזאַנג און פרייד
עולה געווען אויף אַרבעט און פיין.

אָט דאָס אַלץ איז געווען יידיש שטעטל
ביז הערבסט ניינצן ניין און דרייסיק,
ווען מיט אַמאָל, אין אַ הייסן סעפּטעמבער טאָג
איז אַלץ שטיין געבליבן ווי געקרייציקט.

קיין ווינטל — קיין לופט אָטעם:
די היץ פון דער הויך פאַרעט אַראָפּ. פון אונטן אַרויף,
און אין מיטן: העלמען, געקאָוועטע שטיוול —
היטלער איז אַריין אין וויסטן געלויף!

אריה גאָלדמאַן (תל־אביב)

דאס אומשולדיקע פארגאסענע בלוט



קאָצק איז זיך געלעגן רואיק און שטיל צווישן טייך און וואַלד, ווייט פון דער גרויסער וועלט און האָט צומאָל ניט געהערט אַ פּיין פון אַ באַן. דאָך איז דער נאָמען קאָצק געווען פּאָפּולער אומע־טום. עס איז פאַראַן אַפילו אַ ווערטל: קיין קאָצק פאָרט מען ניט — קיין קאָצק גייט מען... מען האָט טאַקע אַהין עולה־רגל געווען, ווי פאַרצייטן קיין ירושלים.

אַ מזל האָט קאָצק געהאַטט צו מלח־מות: וואו נאָר אַ שלאַכט איז אונדזער שטעטל קאָצק געווען אין דערמיט. אַזוי ביי די צייטן פון בערעק יאָסעלעוויטש, אין 1914 און אויך אין 1939.

די ערשטע באָמבעס

געוועזן איז דאָס שבת אין דער פרי, אין איינעם פון די ערשטע טעג נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה. צופעליק בין איך דאַן געווען ביים קאָצקער רבין. פאַרן דאַווענען האָט דער עולם אַ סך געשמועסט וועגן דער מלחמה. ווען איינער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז די דייטשן וועלן אַוודאי פאַרנעמען גאַנץ פוילן — האָט דער רבי זיך אָפּגערופן:

— איידער אַריינפאַלן אין די דייטשע הענט — זאָל מיך בעסער טרעפן אַ באָמבע!

אין אַ שעה אַרום, נאָכן דאַווענען, איז טאַקע געפאַלן די ערשטע באָמבע אין הויף פון רבין — אַ גרויסער טייל פון זיין משפחה זענען צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך. אַ גאַנצן טאָג האָט געדויערט די באָמבאַרדירונג. ערשט מוצאי־שבת איז אונדז געלונגען, נאָך שווערער מי, צונויפזאַמלען די איברים פון די הרוגים. חברה־קדישא האָט זיי געוואָלט מקבר זיין ביים אוהל פון ר' מענדעלע, ווי עס פאַסט פאַר קאָצקער אייניקלעך; דער וולאָדאַווער רבי, זייער זיידע, וועלכער איז ניצול געוואָרן, האָט אָבער געפסקנט אַז מען זאָל זיי באַגראָבן ביים פאַרקאַן. אַזוי האָט מען געלייגט די קדושים וטהורים באַזונדער — דין בלייבט דין!

קאָצק אין פּלאַמען

די שטאָט האָט אויסגעזען נאָך דער באָמבאַרדירונג ווי נאָך אַ חורבן. די געשעפטן צעפּראַלט און אויפגעריסן דורך פּויליש מיליטער און סתם גנבים. די איינוואוינער זענען זיך צעלאָפן אין די דערבייאיקע דערפער, און זיך אומגעקערט נאָר שפּעטער, ווען עס האָט אויפגעהערט די באָמבאַרדירונג.

די ערשטע טעג סוכות האָבן זיך ווידער באַוויזן אין קאָצק פּוילישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן, ווייזט אויס, ניט געוואוסט אַז וואַרשע איז שוין געפאַלן. זיי האָבן געפּאָדערט אַפּראָוויזאַציע פּאַר אַ גרויסע מחנה מיליטער, וואָס גייט שטעלן אַ ווידערשטאַנד די דייטשן. ד״ר לאַנקיעוויטש, דער דאַמאָלסדיקער בירגערמייסטער פון קאָצק, האָט זיי אויפגעקלערט די אמתע לאַגע, און אַז זייער קאַמף האָט קיין תכלית ניט. מען האָט אים אָבער אָנגענומען פּאַר אַ פאַררעטער און שיער ניט דערשאָסן. זיי האָבן זיך דווקא געגרייט מלחמה האַלטן! במשך פון דער נאַכט זענען פיל איינוואוינער ווידער אַנטלאָפן, מורא האָבנדיק פאַר די שלאַכטן. ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט קיין קאָצק האָבן זיי ניט געוואוסט פון די פּוילישע מיליטערישע הכנות, און עס זענען טאַקע געפאַלן פיל דייטשן. צומאָרגנס זענען זיי געקומען מיט אַ פאַרשטאַרקטן כוח און שווערע ארטילעריע. קאָצק איז דערווייל געשטאַנען אין פּלאַמען. עס האָבן אויסגעבראָכן גרויסע שריפות און דער קאָשציאָל איז אויפגעריסן געוואָרן.

מיר אַנטלויפן קיין טשעמערניק

מורא האָבנדיק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג האָבן מיר פאַרלאָזט קאָצק און אַוועק קיין טשעמערניק, מיטנעמענדיק בלויז די פרויען מיט די קינדער. די נאַכט איז געווען שטאָקפינסטער; די וועג האָבן מיר געמאַכט ביים ליכט פון די שטערנס און ביים שיין פון די אויפרייסנדע ראַקעטעס. ערשט פאַרטאָג, הושענא־רבה, זענען מיר אָנגעקומען קיין טשעמערניק. אין שטעטל איז געווען שטיל און רואיק ווי פאַרן מבול. יידענעס זענען געגאַנגען מיט עופות צום שוחט; מענער האָבן זיך געאיילט אין מקווה אַריין — ערב יום־טוב! מען האָט זיך אָבער באַלד פאַראינטערעסירט מיט אונדז און איטלעכן איינגעאָרדנט אַן אָרט אויף יום־טוב.

באַלד נאָך יום־טוב האָבן מיר פאַרלאָזן טשעמערניק צוריק קיין קאָצק.

די דייטשן פאַרברענען קאָצקער שול

נאָענט פאַר קאָצק האָט מען אונדז מודיע געווען, אַז דער דייטשער פּאַטראָל אונטערזוכט אַלע יידן און רעקווירירט אַלץ וואָס מען פאַרמאָגט (געלט, צירונג און מלבושים). די מענער האָבן גלייך איבערגעגעבן די טאַשן צו די פרויען, מיינענדיק אַז די דייטשן וועלן ניט וואַגן אונטערזוכן די פרויען. די אילוזיעס זענען אָבער באַלד צערונען ביים ערשטן „ברוך הבא״ פון דייטשן פּאַטראָל. זיי

האָבן ברוטאַל אונטערזוכט די פרויען און אָפּגעגעבן אַ טייל פון די ווערטפולע זאַכן צו די אַרטיקע קריסטן, וועלכע האָבן שוין געוואַרט אויף דעם. מיר האָבן דאָס אויך אַראָפּגעשלונגען, אַבי וואָס גיכער זיין אין דער היים. קומענדיק אין קאָצק און זעענדיק די הייזער ליידיק, אויפגעריסן, טיר און פענצטער אָפן — האָבן מיר שוין אויף קיין גרויסע גליקן ניט געוואַרט. די גאַסן זענען געווען באַלאַגערט פון דייטשע מיליטער און דער מאַרק איז געווען פול מיט אויטאָס און טאַנקען ווי אויף אַ יריד.

באַלד האָבן די דייטשן באַפוילן, אַז אַלע יידן מוזן גיין צו צוואַנגס־אַרבעט. אין דער פרי פלעגט מען כאַפּן יידן (אַפילו 70 יעריקע, ווי לייבל יאַנקעלס, ישראל ברוך א.אַ.) און געהייסן זיי שלעפּן קוישן מיט שווערע שטיינער; דערביי האָבן די דייטשן זיי אונטערגעיאָגט: יודע, שנעלער, שנעלער... די יוגנט האָט אַנגעהויבן לויפן קיין רוסלאַנד. מען האָט געגנבעט דעם בוג און אַריבער קיין בריסק און סאַרני.

אין שטאָט איז דערווייל געוואַקסן די נויט. יידן איז פאַרבאָטן געוואָרן צו האַלטן געשעפטן — אַלץ איז אַריבער אין קריסטלעכע הענט. דורך דער איניציאַטיוו פון די אָרטיקע קריסטן האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן די שול און דעם בית המדרש. יידן האָבן געוואָלט שפּרינגען אין פייער און ראַטעווען די ספר־תורה׳ס. האָבן אָבער די דייטשן ניט געלאָזט צוגיין און געשלאָגן מכות רצח.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן די פלאַמען פון דער ברענענדיקער שול און פון דעם בית־המדרש העל באַלויכטן די קאָצקער געסלעך. אַ טיפע פינצטערניש און טרויער האָבן אונדז איינגעהילט — כמעט ווי ביים חורבן בית המקדש.

דער בלוטיקער טאָג

דעם ערשטן טאָג סוכות 1942 זענען שוידערלעך אומגעקומען אין קאָצק 250 יידן דורך די דייטשע רוצחים.

באַלד אין דער פרי האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז מען האָט דערהרגעט אַ דייטשן זשאַנדאַרם נעבן דאָרף טאָלטשין, 5 קילאָמעטער פון קאָצק. אַ גרויסע שרעק האָט אַרומגענומען די יידישע איינוואוינער, ווייל מען האָט געוואוסט אַז די דייטשן וועלן זיך נוקם זיין אין די קאָצקער יידן. אַ טייל יידן האָבן גלייך אָנגעהויבן פאַרלאָזן די שטאָט; מען איז געלאָפן אין פעלדער און וועלדער, וואו די אויגן טראָגן, אַבי זיך צו פאַרבאַהאַלטן; די פּאַניק איז געוואַקסן. אַרום 11 אַזייגער איז אָנגעקומען אַ גרויסער אויטאָ מיט דייטשע זשאַנדאַרמעריע און פאַרפאָרן גלייך צום „יודענראַט"; די שטאָט איז גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן מיט דייטשע פּאָליציי. מען האָט זיך באַלד דערוואוסט, אַז זיי פאַרלאַנגען ניט קיין געלט (דאָס האָבן זיי שוין פון לאַנג צעראַבירט) נאָר 600 יידן צום שיסן

אַלס נקמה פאַרן געהרג׳טן דייטש. אויב דער יודענראַט וועט ניט צושטעלן די קרבנות, וועלן זיי אַליין כאַפּן די מענטשן צום שיסן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מיאוסע טראַנזאַקציע: דער יודענראַט האָט פאַר־געשלאָגן 50. נאָך אַ שעה אונטערהאַנדלונגען איז מען געקומען צו אַ פשרה: דער יודענראַט מוז צושטעלן ביז 3 אַזייגער נאָך מיטאָג 200 יידן! דער יודענראַט האָט רעכט אויסצוקלייבן צו דעם צוועק אַלטע, קאַליקעס און היימלאָזע...

אַזוי איז עס געשען. די יידישע פּאָליציי צוזאַמען מיט די דייטשע זשאַנדאַרן האָבן אָנגעהויבן די אַרבעט. מען האָט געקליבן מענטשן ווי פאַרפוילטע קאַרטאָפל... איך וויל נאָר דערמאָנען אַ פּאָר קרבנות: דער לאָמער שמאי קאַשעמאַכער, דער לאָמער וועלוול בלעכער מיט זיין פרוי און נאָך. מען האָט אַלע אויסגעזעצט אין מיטן מאַרק ביים סקווער. עס האָט געהערשט אַ מוראדיקע שטילקייט. מען האָט שוין אַפילו ניט געוויינט. עס איז שוין קיין כוח צו דעם ניט געווען. אַלע האָבן געוואוסט וואָס עס דערוואַרט זיי... יאסל גזשיוואַטשעס צוויי יונגע שיינע טעכטער האָבן זיך ניט געוואָלט שיידן פון די עלטערן און צוזאַמען מיט זיי געגאַנגען צום טויט: הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו!

די 200 יידן (נאָך 50 יידן זענען געפאַלן ביים פּרובן זיך אַרויסרייסן פון שטאָט) האָט מען אַרויסגעפירט אונטערן שטאָט, אויפן וועג צום קריסטלעכן בית־עולם, נעבן אָליווניאַקס סטאַדאָלע און דאָרט האָט מען זיי אַלע אויסגעשאָסן. מיר האָבן געהערט אין שטאָט די געשיסעריי, וואָס האָט געדויערט בערך אַ שעה.

נאָך דער ברוטאַלער רציחה האָבן די דייטשן פאַרלאַנגט אַז מען זאָל זיי גלייך באַגראָבן. איך בין געווען פון די וואָס זענען אַרויס צו דער אַרבעט. מיר זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג, פון וואַנען עס האָבן זיך געהערט די שאָסן, דאָרט האָבן מיר געטראָפן די יידישע פּאָליציי.

מיר ברענגען צו קבורה די קאָצקער קדושים

עס איז געווען שוין טונקל, און מיר האָבן אָנגעהויבן צו ברענגען צו קבורה — — —

צומאָרגנס, נאָך אַ שלאָפלאָזע נאַכט, האָט מען געהערט פון כמעט יעדן הויז געשרייען און געוויינען: דאָ האָבן געפעלט עלטערן, און דאָרט שוועסטער און ברידער. מיר זענען נאָך געווען באַשעפטיקט מיט ברענגען צו קבורה די וועלכע זענען געפאַלן אַנטלויפנדיק פון שטאָט.

פיל צייט זענען מיר שוין ניט געבליבן אין קאָצק נאָך דעם בלוטיקן טאָג. אַלע טאָג פלעגן מיר גיין באַזוכן דעם גרויסן בית־הקברות. פיל טרערן האָבן מיר פאַרגאָסן אויף זייער בלוט, וואָס די ערד האָט ניט געקענט איינזאַפּן.

אינגיכן איז געקומען אַ באַפעל, אַז אַלע יידן מוזן אַריבערפאָרן קיין לוקאָוו.

אין לוקאָווער געטאָ

ווען עס איז אַרויס דער באַפעל, אַז קאָצק מוז ווערן „יודנריין" — זענען אַ טייל אַנטלאָפן אין די אַרומיקע וועלדער, אָדער צו באַקאַנטע קריסטן. אָבער דאָס איז געווען אַ קליינע מינדערהייט. די איבעריקע האָבן ניט געהאַט קיין ברירה און געוואַרט איבערגעשיקט צו ווערן אין לוקאָווער געטאָ.

פרייטיק, דעם לעצטן טאָג פון איבערפירן קיין לוקאָוו, זענען אָנגעקומען אין קאָצק פיל קריסטלעכע פורן. עס האָט געהערשט ביי זיי אַ גרויסע שמחה — אַ קליינינקייט, מען באַגלייט די לעצטע יידן פון קאָצק...

שוין פאַרן אַרויספאָרן האָבן די דייטשן דערשאָסן שלמה טאפעלן, דעם פּרעזעס פון יודענראַט און דעם סעקרעטאַר מיט זיין מוטער און 2 שוועסטער. די אָנפירונג איבער דעם צוג פון די פורן איז געווען ביי 3 ס. ס. לייט. דער צאָל פון די אַרויסגעשיקטע יידן — 700. דער טאָג איז געווען אַ כמורנער, פון צייט צו צייט האָבן געקאַפּעט טראָפּנס, ווי די הימלען וואָלטן אויך געוויינט אויף אונדזער חורבן. די ס. ס. לייט האָבן געשלאָגן מיט שטעקנס אויף די קעפּ. ווען מען האָט אויסגעשפּאַנט די פערד אויף פּאַשע ביים זאַקרעגנט ראדזין—לוקאוו האָט זיך אָנגעהויבן די אמת'ע מערדערלעכע אַרבעט. זיי האָבן אַראָפּגענומען שמואל סקארבניקן פון פור און דערשאָסן אויפן אָרט, און אויך אַ יונג מיידל — דבורה טריף.

פאַר לוקאָוו איז אָנגעקומען פּוילישע פּאָליציי אונדז צו בעגלייטן אין שטאָט. די נאַכט איז צוגעפאַלן און עס איז באַלד פינסטער געוואָרן. מיר זענען געפאָרן דורך אַ וואַלד און די רוצחים זענען אַוועק פאָרויס, מורא האָבנדיק פאַר נקמה.

אין געטאָ זענען מיר אָנגעקומען פרייטיק צו נאַכט, און גלייך האָבן אונדז ווידער מקבל־פּנים געווען שטעקנס פון דייטשע זשאַנדאַרן און געסטאַפּאָ רוצחים. מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ קליין און מיאוס געסל אין לוקאָוו — קאַנאַלאָווע — וואו עס זענען שוין געווען קאָנצענטרירט ביי 40.000 יידן פון פוילן און אויך פון אויסלאַנד. אין צימער וואו מען האָט אונדז אַריינגעפירט, איז געווען אַזוי ענג, אַז מען האָט געמוזט שטיין אויף די פיס אַ גאַנצע נאַכט.

די אַקציע אין לוקאָווער געטאָ

צומאָרגנס אין דער פרי, שבת, האָט זיך דערהערט אַ געוויש פון פרישע אָנגעקומענע. מען האָט דערציילט, אַז דער געטאָ איז אַרומגערינגלט מיט אוקראַינער. די פּאַניק איז געוואָרן זייער גרויס; מענטשן האָבן זיך געלאָזט לויפן וואו די אויגן טראָגן, אַבי זיך אַרויסרייסן פון געטאָ. באַלד איז געוואָרן אַ געשיסעריי און שוין זענען געפאַלן טויטע אין די גאַסן. די געשרייען און געוויינען זענען געגאַנגען עד לב השמים. מיר, אַ גרופּע קאָצקער (שמואל לייב אייזנמאַן,

פעסיא, איטשע חיים ברוך מלמד׳ס זון מיט די גאַנצע פאַמיליע, מיין שוועסטער און איר מאַן לייבל רובינשטיין, חיה זיסל און אַנדערע *), זענען געלאָפן צו אַ בונקער. די מענטשן אינעווייניק האָבן אונדז ניט געוואָלט אַריינלאָזן, ווייל ער איז געווען פיל געפּאַקט. נאָר ווען מיר האָבן געדראָט, אַז מיר וועלן זיך פון אָרט ניט רירן — האָט מען אונדז אַריינגעלאָזן. עס איז באמת ניט געווען דאָרט וואו זיך צו רירן מיט די פיס אָדער מיט די הענט. אַזוי זענען מיר געזעסן־געשטאַנען ביז אויף דער נאַכט.

די שיסערייען אין די גאַסן האָבן ניט אויפגעהערט אַ גאַנצן טאָג. מיר האָבן געהערט די געוויינען און געשרייען פון אונדזערע נאָענטע, עלטערע און קינדער. די נאַצישע רוצחים האָבן זיך דערמיט ניט באַגנוגענט — זיי האָבן אויך געזוכט אין די בונקערס. ניט ווייט פון אונדז האָט אויפגעריסן אַ בונקער, און מיר האָבן געוואַרט, אַז אַ ליאַדע מינוט וועט מען ענדיקן אויך מיט אונדז. פלוצעם האָט זיך דערהערט אין דער ענגשאַפט פון בונקער אַ קרעכצן פון אַ קראַנק קינד. פאַר גרויס שרעק ניט אַנדעקט צו ווערן האָט מען געפאָדערט ביי דער מוטער זי זאָל דערשטיקן איר קליין קינד — — —

ביינאַכט, ווען די מערדער האָבן פאַרלאָזן דעם געטאָ, איז געוואָרן שטילער און מיר זענען אַרויס פון בונקער אויסגלייכן די פאַרשטייפטע איברים. אויף די גאַסן האָבן זיך געוואַלגערט טויטע קערפּערס פון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע. צווישן אַנדערע האָבן מיר דאָרט דערקענט די קערפּערס פון אברהם שוחט, יצחק פּיעפּשאָוניק (אוליארזש) א. אַ.

די מאַסן קברים

צומאָרגנס נאָך דער אַקציע, האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די גאַסן נאָר די יידישע פּאָליציי און סאַניטאַרן. די איבערגעבליבענע יידן האָבן זיך באַהאַלטן אין די הייזער־באַהעלטענישן און בונקערס. דערווייל איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אַ באַפעל פון יודנראַט, אַז אַלע מוזן זיך צושטעלן אין גאַס, כדי צו באַקומען קאַרטן. די וועלכע וועלן ניט האָבן קיין קאַרטן וועלן דערשאָסן ווערן, 700 יידן (צווישן זיי פיל קאָצקער) האָבן זיך צוגעשטעלט, זענען אַרומגערינגלט געוואָרן דורך זשאַנדאַרן און אָפּגעפירט געוואָרן אין מאַגיסטראַט. דאָרט האָט מען זיי אויפגע־האַלטן אַ גאַנצע נאַכט, און צומאָרגנס געפירט אויפן בית הקברות, וואו מען האָט זיי נאַקעטערהייט דערשאָסן ליגנדיק אין רייעס פון 50 מאַן. דעם זעלבן טאָג האָט מען אויך דערשאָסן די באַגרעבער פון בית הקברות. לויטן פאָרשלאַג פון

---

* מיין ברודער ישראל איז דערמאָרדעט געוואָרן אין אַ פריערדיקער אַקציע.

יודנראַט האָבן די איבערגעבליבענע קאָצקער זיך אונטערגענומען צו באַגראָבן די הרוגים. עס האָבן געאַרבעט ביי דעם: דער שרייבער פון די שורות, אברהם גזשעב־יען מיט זיין זון יעקב (איצט אין ישראל), נחום קרייצמאַן, אַלתר זאקאליק, מנדל ריטנער, שלמה יאָסקעס, משה ליבפריינד, שמואל צאלעס און ישראל משה ראַזענבלאַט (בעריש סאָדא־וואַסער׳ס זון). ווען מיר זענען געקומען אויפן בית־הקברות איז אונדז פינסטער געוואָרן אין די אויגן. הונדערטער מענטשן אין די בלויזע העמדער, מיט צעריסענע גופים, זענען געלעגן אויסגעלייגט אין גלייכע שורות ווי סאָלדאַטן. פאַר שרעק און גרויל האָבן מיר קיין מוט ניט געהאַט צו דער אַרבעט. מיר האָבן מיט די לעצטע כוחות געגראָבן גריבער פון 30 מעטער די לענג און 3 מעטער טיף און דאָרט מקבר געווען אונדזערע ברידער און שוועסטער.

אַזוי האָבן זיך איבערגע׳חזר׳ט די שחיטות. דעם צווייטן פרייטיק האָט דער יידנראַט ווידער באַפוילן זיך צושטעלן אין גאַס. דאָס וואָס איז געווען — האָבן זיי פאַרזיכערט — וועט שוין ניט פאָרקומען. אדרבא, די דייטשן זענען פאַראינטערע־סירט אַז די איבערגעבליבענע זאָלן בלייבן לעבן... צום באַשטימטן טערמין האָבן זיך צוגעשטעלט נאָך מער ווי פריער (פון זיי אַ העלפט קאָצקער). ביינאַכט האָט מען זיי ווידער געהאַלטן אין מאַגיסטראַט. עס האָט זיי געהיט בלויז איין שומר, אַ קריסט. דאָך האָט קיינער דעם מוט ניט געהאַט זיך אַנטקעגן צו שטעלן. צווישן



עצמותיהם של קדושי קוצק לאחר חיסול גיטו לוקוב.
ביינער פון די אומגעקומענע קאצקער יידן נאכן ליקווידירן דעם לוקאווער געטאָ.

די קרבנות נאָך דעם טאָג איז אויך געווען מיין שוועסטער זיסל מיט מיין ברודערס אַ קינד.

די נאַצישע רוצחים האָבן צוגעגרייט אַ נייעם גרויסן מאַסן־קבר אין מאלצאנאוו (3 קילאָמעטער פון לוקאוו אויפן וועג קיין קאָצק). הונדערטער מענטשן זענען דאָרט באַגראָבן געוואָרן, 5 מאַן איינער אויפן צווייטן. די ערד פון אויבן איז געווען נאַס פון בלוט. ווען מיר פלעגן באַשיטן מיט ערד די קברים, פלעגט צומאָרגנס די ערד ווידער זיין אָנגעזאַפּט מיט בלוט.

אפשר איז דאָס געווען אַ פּראָטעסט פון דער ערד און אַ רוף צו נקמה פאַר די אומשולדיקע קרבנות, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצישע חיות.

שמעון רובצ׳ק (עין המפרין)

ביערות קוצק

(מפי פארטיזנים קוצקאים)



עם גבור הרעב בגיטו וארשה, גמ־רה משפחתנו אומר באביב 1941 לחזור לקוצק, כור מחצבתנו. לפי השמועה עדיין היה שבר בעיירות הקטנות. באותו זמן טרם היה גיטו בקוצק, אך גזירות לא חסרו: בערבים היה אסור ליהודים לצאת לרחוב וכל הגברים עבדו ביערות עבודת כפייה. מפעם לפעם היו מוציאים להורג על כל עבירה קלה. יצאתי את קוצק והת־גוררתי אצל פולני במרחק 10 ק״מ מהעיירה (אחותי ואמי נשארו בקוצק) ועבדתי אצ־לו. באותו חוה התגוררו עוד 3 משפחות יהודיות ומצבנו היה „עדין״, הואיל ואַ־סור היה ליהודים להימצא בכפרים. כך המשכתי לעבוד אצל הפולני עד גירוש היהודים מקוצק, בקיץ 1942, ללוקוב (ובחלקם לפרצ׳ב). אמי, יחד עם עוד 15 איש, ירדה למחבוא בתוך העיר, שכניסתו

הסוותה יפה והוכן בו לחם לזמן־מה (אצל שלמה טופל). אחותי ירדה לבונקר אצל מחצינסקי. נתפסתי אז ע"י הגרמנים וסודרתי לקבוצת 15 הבחורים שעסקו בקבורת ההרוגים. בימים עסקנו בעבודה זו ובלילות סגרו אותנו בבית־הספר תחת משמר. לאחר שהוזהרנו שעומדים ל„חסלנו" התפזרנו למחבואים שונים. אני נצטרפתי לאמי במחבואו של שלמה טופל (11 בנובמבר 1942). המקלט היה מלא וגדוש זקנים וצעירים, הלחם אזל והאנשים סבלו רעב. הואיל ואני לא הייתי מוכר לתושבים הפולנים הייתי מצליח לקנות בלילות כמה ככרות לחם. אך הבעייה העיקרית היתה השגת מים: נשיאת דליי־מים בלילות עוררה מיד השדות, וביחוד כשירד השלג והעקבות הובילו ישר למקלט. המצב במחבוא היה ללא־נשוא ויהודי זקן אחד, ישעיהו בלכרז, לא החזיק מעמד ויצא בגלוי לרחוב. הגרמנים תפסו אותו, עינוהו קשות ודרשו ממנו שיראה את מקום המחבוא. בפחד רב שמענו את צעדי הגרמנים המובילים את הזקן סמוך למקלטנו, אך הוא הראה על מרתף אחר ולא גילה אותנו. לאחר שהמרתף ההוא היה ריק מאדם ירו בו הגרמנים והרגוהו.

עזבתי את המחבוא הזה ונצטרפתי לבונקר של מחצינסקי (יחד עם יעקב טופל), שבו היתה אחותי. ליהודים היה שם נשק ובלילות היו יוצאים להביא מזון. היו שם כ־40 איש. המקלט היה מתחת לרצפה של חדר, שבו גרו פולנים. באותו זמן הסתובב בכפרים על יד קוצק פולני אחד, סטשק גוז, שהגרמנים הרגו את כל משפחתו על שנתן מקלט בביתו לשבויים רוסיים. בודד, מזויין, עזר לקבוצות יהודים להסתתר תמורת כסף. החלטתי לעבור יחד עם אחותי לכפר אנפול הסמוך, שבתיו מפוזרים זה מזה ונוח היה להסתתר בהם בין ערימות הקש. לאחר כמה ימים נודע לנו שהגרמנים גילו את המחבואים אצל מחצינסקי וטופל. ממחבואו של מחצינסקי ניצלו רק שנים, ואחד (מאיר זקליק) נתפס חי על ידי הגרמנים, שהכריחו אותו להובילם למחבואים בכפרנו כשהוא ערום ויחף. אנו ישבנו בבית בודדים (גם הפולנים ברחו) ושמענו איך הגרמנים מגיעים במזחילות לא הרחק מאתנו, אך זקליק לא הראה על ביתנו. אחד מניצולי מחצינסקי, בחור מראדזין, שהיה אתנו, יצא החוצה וכיוון את רובהו (שלא ירה) מול הגרמנים במזחלת. הללו ירדו מהמזחלת ושכבו על הארץ מפחד — וכך ניצלנו.

החלטנו ללכת לראדזין. בדרך היה מחבוא ביער ובו יהודים מזוינים, שקבלו אותנו יפה והציעו לנו להצטרף אליהם ו„להשיג" נשק. כששכבנו לישון הקיפו הגרמנים את היער וברחנו משם.

חזרתי עם טופל לסביבות קוצק. באנו לעיירה ונכנסנו למחבוא הפרוץ ושהינו שם כמה ימים. בלילות היינו „סוחבים" קליפות תפוחי־אדמה מהבליל שהאכרים הכינו לחזירים.

לאחר כמה ימים נפגשנו שוב באכר סטשק גוז, שעסק בארגון פלוגות בודדות מזויינות מאלה שהסתובבו ללא מקלט. הצטרפנו אליו ואף קבלנו נשק

ממנו (היינו בקבוצה אני ואחותי, יצחק „נותן התורה" ועוד גוי אחד).

היינו ידועים בסביבה כפארטיזנים פולנים (לא כיהודים). סטשק היה לבוש במדי קצין פולני עטור מדליות. אחותי כתבה על מכונת־כתיבה כרוזים ופקודות ובזכותם השגנו בקלות אוכל ובגדים. באותו זמן פעלו בסביבה גם קבוצות שבויים רוסיים מזויינים, שעסקו בהתנפלויות על גרמנים, שריפת תבואותיהם, השגת נשק וכו'. הם ביקשו להיפגש אתנו.

באחד הערבים באביב 1943 כשיצאנו להשיג מיצרכי מזון אצל האכרים, הבחנו בבית אחד אש בוערת על הכירים — ודאי מתבשל שם איזה תבשיל. נכנסנו ודרשנו אוכל, אך האכר הודיע שהאוכל מיועד לפארטיזנים רוסים, העומדים להגיע כל רגע. יצאנו לאפלת הלילה לחכות לפארטיזנים. לפתע נשמעו קריאות „הרימו ידיכם!" ואחד הפארטיזנים ניגש לזהותנו. לגודל תדהמתנו ושמחתנו הכרנו בפארטיזן את חברנו הטוב ינק *).

בקיץ זה עצבנו את המחבוא ביער ועברנו לסביבת אֲגמים ובריכות־דגים, שהיתה מוסתרת יפה בקני־סוף. במרכז אחד האגמים, על אי צף הקימונו אוהל מקני־סוף ושם קבענו את משכננו. בלילות היינו יוצאים להשיג מזון. כן עסקנו במציאת מקלטים בעבור היהודים שנמלטו מגיטו לוקוב. היינו מוסרים אותם לידי אכרים פולנים ומזהירים את מאַרחיהם בלשון תקיפה ובנשק ביד, שהם אחראים להם. באופן זה ניצלו כמה קבוצות יהודים (ביניהם ברוך ליבפריינד ומשפחתו — כעת באורוגוויי). נמצאו אכרים שמסרו את היהודים לגרמנים (מהם זכורים לי: האחיות גולדפינגר, חיים יענקל הנהג עם שני בניו, פייבל „קאַשע־מאַכער"), ואלה באו על ענשם.

כשנתארגנה אז המחתרת הפולנית A. K. היו ראשית מעשיה, כידוע, רציחת יהודים ורוסים. כשהם החלו לפעול בסביבה שלנו הורע מצבנו והחלטנו לעבור את הבוג כדי להצטרף לפארטיזנים הרוסים ה„סדירים". בסיס A. K. היה מעבר לנהר וויעפשׁ, מזרחית־דרומית לקוצק (הכפרים ווליה, טרגוביצה, פיאסק) והקבוצות הרוסיות שפעלו שם הושמדו על ידי אנשי A. K. ערב אחד, בהיותנו בכפר פויזדוב, יצאנו את הבית ובו בזמן יצאה קבוצה מזויינת מהבית השכן. תחילה חשבנו שהם רוסים, אך כשהתקרבנו אליהם הבחנתי ביניהם את בן דודי, משה וואַרום, איש קוצק. נתברר שאחותו גרה בכפר פיאסק עוד מלפני המלחמה (במקום בסיס A. K.). בתחילת המלחמה גרשו אותה (עם בעלה ותינוקת) לקוצק. הם הצליחו לברוח והסתתרו כל הזמן ביערות, ושם הצטרף לקבוצת רוסים.

---

* יעקב אבירם — היה בין אלה שהובלו ללוקוב עם חיסול הגיטו בקוצק. גוייס שם כ„קברן" ונשאר עד האקציה האחרונה. הצליח להימלט ערב החיסול, הסתתר ביערות ופעל כפארטיזן. כעת חבר קיבוץ „עין המפרץ".

אחותו עם התינוקת נשארו אצל אכר פולני. מובן שמשה וואַרום הצטרף מיד אלינו, ופעולתנו הראשונה היתה לחדור לקן ה־.A. K, כדי להציל את אחותו וילדתה משם ולהעבירם למקום אחר.



קבוצת פרטיזנים ביערות קוצק, ביניהם: שמעון רובצ׳ק (כותב המאמר), משה וארום ויצחק גלבך.

אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער אין די קאָצקער וועלדער, צווישן וועלכע עס געפינען זיך שמעון רובאצ׳עק (דער מחבר פון דאָזיקן אַרטיקל), משה און יצחק געלבאך.

מאז לא זזה ידו מתחת ידי (וואַרום כעת בארץ). בדרכנו פגשנו את קבוצת הפארטיזנים המפורסמת מפארצ׳ב „חיל" (נזכרת ב„ספר הפארטיזנים") ואף נפגשנו עם מפקדם יחיאל. לכתחילה חשבני שהם אנשי .A. K וכך נראינו אנו בעיניהם. הקפנו את המזחלות שלהם ודרשנו מהם שייכנעו. רק כאשר שמעו שאנו משוחחים בינינו אידיש הותר הסבך. לקבוצה זו היה נשק רוסי שהוצנח אליהם מטעם מפקח הפארטיזנים הפולנים הקומוניסטים שהיו כפופים למוסקבה. שמם יצא לתהילה והרוסים העריצו אותם. בחורים אלה היו גם אחראים על מחנה יהודים זקנים, נשים וילדים שהיה בקירבה. בדרך למפקדה הרוסית התקיפו אותנו גרמנים ופרץ קרב שבו השתתפנו גם אנו. לאחר שיצאנו מהכיתור הובלנו למפקדת הפארטיזנים הריסים.

בחורף 1943 נצטרפתי איפוא לפלוגת פארטיזנים רוסים שהיתה שייכת לבריגאדה ע"ש דזרז'ינסקי שמנתה קרוב לאלף איש, בעיקר שבויים רוסים שהוצנחו ע"י המפקדה. הואיל ואנו הכרנו יפה את סביבות קוצק הוטל עלינו לחזור ולפעול שם (פעולת הפארטיזנים הרוסים הצטמצמה רק עד הבוג). חזרנו איפוא לגוב האריות — לבסיסי ה־A. K. תפקידנו היה לפוצץ רכבות, לרשום תנועת המכוניות של הגרמנים, תפיסת שבויים והובלתם למטה, מארבים על קבוצות גרמנים בכבישים, מיקוש ועוד. בפעולות אלה השתתף גם משה וארום. קיימנו קשר עם הקבוצה של יצחק „נותן התורה" (12 איש) שהוטלו עליהם תפקידים מיוחדים. בחור זה מקוצק, בעל הכינוי המוזר, היה מפורסם בסביבה בגבורותיו ובאומץ לבו. פעם רכב בלילה על סוסו ואכר אחד תפס את רובהו. יצחק לא איבד עשתונותיו וירה מהרובה שהיה נתון בידי האכר. הלה ברח ויצחק ביצע את תפקידו. הוא הצטיין בפלוגה כסייר. באחד הימים התקפנו מכונית שבה נסעו מודדים גרמנים. לאחר שהגרמנים נהרגו התיישבו הפארטיזנים במכונית והתחילו לנסוע בכביש לאור היום. בינתיים הגיע ג'יפ עם גרמנים. יצחק שרכב על סוסו כסייר סמוך לכביש רצה להודיע לנו על כך, אך סוסו התעקש ולא רצה לעבור את התעלה. הגרמנים ריכזו את האש על יצחק אך לא פגעו בו. בשמענו את היריות יצאנו מן המכונית. באותו רגע חלף הג'יפ על פנינו. פתחנו עליהם באש. שנים נהרגו והנהג נפצע. העלינו את הג'יפ באש.

פעם הפלנו אוירון גרמני ביער. הגרמנים חשבו שקרתה להם תקלה, וכי המטוס נחת נחיתת־אונס. לאחר שהוברר להם מה המצב, פתחו עלינו באש מאקדוחים. ענינו באש ואחד הגרמנים הרים ידיו וזרק את האקדח. בינתיים הופיע יצחק „נותן התורה" על סוסו. הגרמני הרים את האקדח בחזרה וירה ברוכב. יצחק ירד מסוסו והמשיך לירות בגרמנים.

בחור אמיץ־לב זה נפצע מכדור שנפלט מרובהו ומחמת חוסר תרופות מת ביער.

*

על הפלוגה שלנו הוטל להעביר דיפלומט רוסי ממוסקבה שנשלח לשם משא ומתן עם ה־A. K. רכבנו כל הלילה עד שהגענו לכפר אחד. הסתדרנו ב־3 בתים ושכבנו לנוח. תושבי הכפר מסרו לגרמנים על בואנו והם הקיפו את הבתים הקיצוניים שבהם לנו. כשהרגשנו בהם כבר נתקרבו הגרמנים על יד החלונות, מוכנים להטיל בנו את רימוניהם. נכנסנו לקרב עם הגרמנים שארך כל הלילה ולמחרתו עד הערב. פרצנו את המצור והתחלנו לסגת. בינתיים הגיעה אלינו תגבורת ואז החלטנו לחזור ולאסוף את ההרוגים. יחד עם התגבורת מנינו כ־200 איש. גם הגרמנים ריכזו תגבורת והלכו בעקבותינו. 3 ימים הלכנו ללא אוכל ושתיה, כשהגרמנים הולכים אחרינו, מבלי שנבוא לכלל מגע קרבי. ביצענו את תפקידנו ולווינו את השליח עד מפקדת ה־A. K.

כשהצבא הרוסי הלך והתקרב לבוג, ריכזה הבריגדה את הפלוגות וחילקה להן תפקידים חדשים. עלינו הוטל ללכת לסביבות צ'נסטוכובה. עברנו שוב את סביבות קוצק. בדרך נכנסנו בקרב שנמשך יומיים עם הגרמנים (בסביבות קוז'ניץ). בהיותנו בעיירה זו נפגשתי שוב עם בן־דודי משה ווארום שנקלע לפלוגה אחרת. שימשתי אז ביחידה של רובה אנטי־טנקי ובקרב זה נהרג מספר 1 והצטרכתי לסחוב את הרובה לבדי. התבצרנו בחורשה, התחפרנו וחכינו לבוא הגרמנים. ובאמת אחרי שעה קלה התקרבו אלינו טנקים. לתמהוננו הרב ראינו שאלה הם טנקים של הצבא הרוסי...

*

בצבא הרוסי נחשבנו כחטיבה מיוחדת בפני עצמה. הוטל עלינו אז לעבור את הבוג. לבסוף פיזרו אותנו וצירפונו באופן סדיר לצבא הרוסי. פולנים יוצאי השטחים המזרחיים ורוסים שידעו לדבר פולנית הועברו לצבא הפולני.

נשלחתי לקורס קצינים ושם נפגשתי עם קוצקאי אחד (קופל), שסיפר לי שבלובלין נתאספו שרידי היהודים שהיו בקבוצות פארטיזניות והם משמשים שם עכשיו במשטרה. מפיו נודע לי שגם אחותי נמצאת בלובלין. שוחררתי מהצבא והועברתי למשטרה (וכן גם ווארום). בלובלין הייתי עד דצמבר 1945 ובקרתי גם בקוצק כמה פעמים.

גראסמאן גדליהו (תל־אביב)

קאצקער יידן אונטער דער נאצי אקופאציע

(פונקן פון העראאישן ווידערשטאַנד)

ווי נאָר די דייטשן זענען אַריין אין קאָצק, האָבן די יידן אין שטעטל גאַנץ גוט געוואוּסט וואָס דאָס באַדייט פאַר זייער גורל. מען האָט דאָס מיט די ליפּן נישט געוואָלט אַרויסזאָגן, אָבער אין האַרצן האָט יעדער געפילט דעם גרויזאַמען צוקונפט. יידן וואָס האָבן שטענדיק געלעבט מיט בטחון, אמונה און האָפנונג האָבן געהאָפט אויף סייעתא דשמיא. מען האָט געפילט אַזאַ מצב וועט לאַנג נישט אַנהאַלטן: אָדער מען וועט די נאַציס אַדורכלעבן, אָדער זיי וועלן אונדז בייקומען, און מען האָט דאָך געגלויבט אַז מען וועט אויסהאַלטן די יסורים. יידן מיט שאַרפע גמרא קעפּ האָבן אויפגעוויזן מיט כל׳ערליי טעאָריעס און סטראַטעגיעס אַז היטלער׳ס סוף איז נאָענט. אָבער טיף אין האַרצן האָט מען אַנדערש געטראַכט...

היטלערס פאַרניכטונגס מאַשין האָט דערווייל געטאָן איר אַרבעט. די נאַציס האָבן זיך באַמיט אַראָפּרייסן ביים ייד און מענטש דעם צלם אלהים. אָבער קאָצקער יידן האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן. ווען די נאַציס האָבן געטריבן, איז מען געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. מען האָט אויסגעמידן דעם בליק פון דייטש — און מען איז ווייטער געווען ביי זיך ייד און מענטש. מען האָט אַנגענומען די יסורים ווי אַן אָפּקומעניש פאַר זינד. דער גוף האָט זיך געלייטערט אין ליידן, כדי די נשמה זאָל ווערן ריינער און געלייטערטער. דער מאָראַל ביי די קאָצקער יידן איז נישט געפאַלן.

*

אָט געדיינק איך ווי אין מיטן אַ העלן פרילינגס־טאָג אין יאָר 1942 האָבן קאָצקער יידן באַצאָלט מיט 17 קרבנות, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט אַרויסגעבן יידן פּליטים פון אַנדערע שטעט, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביי זיי. פאַר נישט אויספילן דעם נאַצישן באַפעל זענען דאַן דערמאָרדעט געוואָרן יעקב וויינריב, וועלכן די נאַציס האָבן אַוועקגענומען פון דער גמרא אַן איינגעהילט אין אַ טלית, יעקב רעכטמאַן, וועלוול טאשעמקא א. אַ. — —

און אָט נאָך אַ ביישפּיל פון פּאַסיוון ווידערשטאַנד, וואָס האָט געקאָסט בלוטיקע קרבנות. ווי באַוואוּסט האָבן די דייטשן אויסגעמאָרדעט אַלע יידישע זעלנער פון דער רוסישער אַרמיי, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן צו זיי אַלס געפאַנ־גענע. 4 יידישע זעלנער זענען אַנטלאָפן פון אַ געפאַנגען־לאַגער און האָבן זיך באַהאַלטן אין קאָצק. מען האָט גלייך זיי איבערגעטאָן אין ציווילע בגדים, באַקומען פאַר זיי דאָקומענטן אַלס קאָצקער בירגער, און אין אַ צייט נאָכדעם

זענען זיי צוזאַמען מיט אַנדערע יידן, אַװעקגעשיקט געװאָרן אין אַרבייטסלאַגער אין טוראװו ביי מעזריטש. דאָרט האָט אַ פּױלישער אױפזעער דערהערט װי יידן רעדן צװישן זיך רוסיש. ער האָט װעגן דעם גלייך געמאָלדן דעם „געסטאַפּאָ”. דער לאַגער איז באַלד אָפּגעשלאָסן געװאָרן און די דייטשן האָבן געפּאָדערט, אַז די יידן זאָלן אַרױסגעבן די װעלכע רעדן רוסיש, אױב נישט — װעט מען אַלע אױסשיסן .קײנער האָט נישט פאַראָטן די רוסישע יידן, און דערפאַר טאַקי האָבן די דייטשן געשאָסן אױפן אָרט 12 קאָצקער יוגנטלעכע. — —

און אָט אַ ביישפּיל װי קאָצקער יידן האָבן פאַרטיידיקט זייער כבוד אַלס ייד. געװען איז דאָס גלייך נאָך דער אָקופּאַציע, װען דער בלוטיקער פּרצוף פון נאַצי איז נאָך נישט געװען אַזױ בולט. װי באַװאוסט געפינט זיך ביי קאָצק דער דײנקמאָל אױפן קבר פון בערעק יאָסעלעװיטש. ביי אַ טייל פון דער פּױלישער באַפעלקערונג איז דער קבר געװען שטענדיק װי אַ דאָרן אין אױג. װי קומט עס אַז אַ יידישער פּולקאָװניק זאָל קעמפן פאַר פּױלנס באַפרייאונג? זיי האָבן, אַלזאָ, מיט דער הילף פון די דייטשן געפּלאַנט צושטערן דעם דײנקמאָל. יידן האָבן אײנגעריסן װעלטן, מיט מתנות און געלט געפּועלט אַז מען זאָל מבטל מאַכן די גזירה. דער קבר און די מצבה זענען געבליבן ביזן היינטיקן טאָג — אָבער אין קאָצק איז היינט נישטאָ קיין איין ייד. — —

דער נאַצי הױבט אָן באַװײזן זײנע נעגל. רציחות, הונגער, טיפוס, טױט־לאַגערן. אָבער דייטשע אָפיצירן װילן זיך װײלן. די פּאַליאַקן אָרדנען אײן פאַר זיי אװנטן און פאַרװײלונגען, בראָנפן גיסט זיך װי װאַסער, פרױען, טענץ... ביי פּײװול זאַקאַליק אױף גאַרבאַרסקי גאַס איז פאַראַן אַ בילד־שײנע טאָכטער, דאָבע. א דייטשער אָפיציר װאַרפט אױף איר אַן אױג, און אַז עס גײט נישט מיט גוטן, פּרובירט ער מיט געװאַלד. דער אַלטער פּײװול פאַרטיידיקט דער טאָכטער און דער דייטש צעשנײט מיטן באַגנעט דעם אַלטן פאָטערס האַנט. — —

פון זון אונטערגאַנג ביז זון אױפגאַנג טאָר זיך אַ ייד נישט געפינען אין גאַס. טרעפט מען װעמען אין די שעה׳ן — װערט ער דערשאָסן אױפן אָרט. אָבער װען מען באַקומט אַ ידיעה פון אַן אונטערגרונט־צייטונג אָדער פון אַ געהײמער ראַדיאָ־סטאַציע אַז היטלערס חיילות פאַרשפּילן אױפן פראָנט — װערט די נײעס בליץ־שנעל פאַרשפּרייט פון שטוב צו שטוב. מוטיקע יונגעלײט באַזוכן פון שטאָט צו שטאָט און גיבן איבער ידיעות פון געהײמע קװעלן. — —

עלטערע יידן זיצן און לערנען תורה. מען זוכט רמזים און גימטריות. לױט אַלע סימנים, באַװײזן זיי אַז עס מוז קומען אַ שנעלער סוף אױף היטלערן. מיט געװאַלד װילן זיי ברענגען די ישועה װאָס גיכער.

היטלערס סוף איז טאַקי געקומען, אָבער צו שפּעט.

משה קליינבױן (תל־אביב)

וואו געטאגט דארט ניט גענעכטיקט

(עפּיזאָדן און זכרונות)



דעם 22־טן מערץ 1939 בין איך מאָ־ביליזירט געוואָרן אין דער פּוילישע׳ אַרמיי און געווען דאָרט (צוזאַמען מיט אַלטער זאקאליק) 7 מאָנאַטן. מיטן אויסברוך פון דער מלחמה בין איז געווען 6 וואָכן אזי אַ געפאַנגען־לאַגער אין טאָרן. דאַן האָט מען מיך באַפרייט און איך בין געקומען אין קאָצק.

קומענדיק אין קאָצק האָב איך געט־ראָפן די יידישע באַפעלקערונג דערשלאָגן און מוטלאָז. ד ידייטשן פלעגן דאַן כאַפּן די יידן און זיי אָפּשערן די בערד, האָבן פיל יידן אַליין אָפּגעשאָרן די בערד. ס׳איז געווען זייער טרויעריק צו זען פרומע קאָצקער יידן אין אַזאַ מצב. אָבער דאָס איז ניט געווען די ערגסטע צרה. די דייטשן האָבן אויך געכאַפּט צו דער אַרבעט, און דערביי געשלאָגן מכות־רצח. דער „יודנראַט" האָט גלייך צוגעשטעלט מענטשן צו די דייטשן, כדי זיי זאָלן זיי ניט שלאָגן — אָבער עס האָט ווייניק געהאָלפן: זיי פלעגן אויסגעפונען פרישע פיינעגונגען ווי, צום ביישפּיל, נויטן די יידן זיי זאָלן וואַשן איינער דעם צווייטן מיט קאַלט וואַסער פון אונטערן פלומפּ, א. אַ. וו. אַ טייל מענטשן זענען אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, אָבער נאָכער האָבן זיך אייניקע אומגעקערט. אין 1940 זענען צוריק געקומען פון רוסלאַנד שמאי קליינמאַן, יוסף בראַט און שלום מיט זיין פרוי.

אין 1941 האָט מען אַרויסגעשיקט פיל יידן קיין ראדזין (אויך די וואָס האָבן געהאַט אַרבעטס־שיינען). אָנקומענדיק קיין ראַדזין, האָט מען אונדז אַריינגעטריבן אין שול. ראַדזינער יידן האָבן אונדז געבראַכט טיי מיט ברויט. די דייטשן האָבן אָבער באַלד אונז אָנגעהויבן פייניקן. מען האָט אונז געהייסן לויפן הין און צוריק, פון איין וואַנט צו דער צווייטער. מיר זענען געווען ביי 300 יידן, און לויפנדיק זענען מיר געפאַלן איינער אויפן אַנדערן. דאַן האָבן אונז די דייטשן נאָך באַוואָרפן מיט שטיינער און ביר פלעשער. צומאָרגנס האָט מען אונז אַוועקגעפירט קיין ביאַלי־פּאָדלאַסקי אין אַ לאַגער.

אין 1942 (ראש חודש תמוז) זענען געקומען „געסטאַפּאָ" לייט אין קאָצק, געכאַפּט 21 יידן (צווישן זיי חיים קליינמאַן, שלמה קליינמאַן, יאַנקל יואלס, יאַנקל רעכטמאַן, הערשל רעכטמאַן) און אַוועקגעפירט אויפן בית־עולם. דאָרט האָט מען זיי אַריינגעפירט אין אַ אוהל אַריין, און זיי איינציקווייז אויסגעשאָסן. דאַן האָבן זיי אויך גענומען 2 יידן פון די אַרבעטערס אין וואַלד (שלום בראט און נאָך איינעם).

אַ וואָך פאַר סוכות האָט מען אָנגעהויבן אַרויסשיקן יידן קיין פּאַרטשעוו. נאָך סוכות האָט מען אונז געמאָלדן אַז קאָצק דאַרף ווערן „יודנריין". יעדע נאַכט האָט מען אַרויסגעשיקט פון אַ אַנדער גאַס. ווען אונזער גאַס האָט געדאַרפט ווערן „יודנריין", זענען מיר אַוועק קיין פאגיזדאוו, דורך זייטיקע וועגן. דאָרט זענען מיר געווען 8 טאָג.

דערוויסנדיק זיך אַז אין קאָצק איז דערלויבט צו בלייבן נאָר 120 אַרבעטער, האָב איך באַשלאָסן זיך צוריקקערן קיין קאָצק. די שטאָט איז געווען ליידיק פון יידן. אַלץ איז געווען פאַרמאַכט. די פּוילישע איינוואוינער האָבן אַרויסגעפירט די מעבל פון די יידישע הייזער. איך האָב דאָרט געטראָפן שלום גאלדפאַרב (וועלכער האָט מיר דערציילט אַז זיין פאָטער חיים דוד איז דערמאָרדעט געוואָרן מיט נאָך יידן אויפן וועג פון לוקאוו קיין קאָצק) און יצחק זאַלץ. לאַנג בלייבן אין קאָצק האָב איך ניט געקענט, ווייל מען האָט מורא געהאַט דאָרט מיך אויפצוהאַלטן. איך ביז געוואָרן אַ וואַלד־מענטש, זיך אויסבאַהאַלטן ביי קריסטן, און געמוזט פון צייט צו צייט בייטן די פּלעצער צוליב מסירות.

זומער 1943 האָב איך זיך געטראָפן מיט 2 קאָצקער יידן: פסח ראזענבלאַט און פייבל גדליה׳ס, באַוואָפנטע מיט געווער. צומאָרגנס זענען זיי געפאַלן אין סערקאמלער וואַלד. ענדע 1943 האָט מען אונדז געמסר׳ט. די זעלבע נאַכט, איידער מיר זענען אַנטלאָפן, זענען געקומען צו אונזער קריסט 2 רוסן. אין דער פרי זענען דערשינען 25 געסטאַפּאָוצעס און געפרעגט דעם בעל־הבית, ווער געפינט זיך ביי אים אין שטוב. ווען ער האָט געזאָגט אַז 2 רוסן זענען געקומען ביינאַכט האָבן די דייטשן גלייך געשאָסן און איין רוס איז געפאַלן באַלד. דער צווייטער איז אַרויף אויפן בוידעם און אַראָפּגעוואָרפן אַ האַנט־גראַנאַט. איין דייטש איז פאַרוואונדעט געוואָרן. די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן דאָס הויז און דער רוס איז אַראָפּ פון בוידעם און אַנטלאָפן. ווען די דייטשן זענען געלאָפן נאָכן רוס — זענען אַנטלאָפן פון הויז דער קריסט מיט זיין פרוי און קינדער. אָבער די דייטשן האָבן זיך צוריקגעקערט און געזוכט נאָך מענטשן אין הויז. ביינאַכט זענען מיר אַוועק פון דעם באַהעלטעניש, וואו מיר זענען געווען 14 מאָנאַטן. דאַן זענען מיר אַוועק צו אַנדערע קריסטן. אָבער די לאַגע איז געוואָרן ערגער: מען האָט אונז ניט געלאָזט נעכטיקן אין די סטאָדאָלעס. ס׳איז געווען אַ קאַלטער ווינטער און עס

פלעגט שנייען געדיכט אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד. אַזוי זענען מיר אַריבער די לעצטע חידשים פון דער מלחמה באַפרייאונג. וואו מיר האָבן געטאָגט דאָרט האָבן מיר ניט גענעכטיקט...

מסיפורי השואה

(מעשים שהיו)

טוב לי כי עוניתי...

כשכבשו הנאצים את קוצק, התחילו מיד פושטים ברחובותיה, תופסים את היהודים, מכים אותם, מגלחים זקניהם ומענים בכל מיני עינויים קשים. באותה שעה ברחו כל היהודים מן השוק כדי להימלט מידי הרוצחים. פגשו בדרך את ר' דוד לאַק, אמרו לו:

— חזור בך, הרחוב מלא נאצים משתוללים.

ענה ר' דוד: כל ימי השתוקקתי לעזור לאחי ועכשיו שמצווה זו באה לידי, אחמיצנה? אלך לשוק והם יכוני, וממילא לא יכו יהודי אחר במקומי...

למחרת פגשו את ר' דוד ופניו מכוסים פצעים וחבורות, זקנו מגולח וכולו אין בו מתום. שאלוהו:

— מה ראית שנתת גווך למכים?

ענה ר' דוד:

— אדרבה, טוב לי כי עוניתי, שכן לולא היו מתעללים בי, היו מכלים זעמם ביהודי אחר, נמצא שעזרתי לאחד מאַחי.

לא אמר „קדיש"...

כשהגרמנים כבשו את קוצק חלה ר' ראובן בר' חיים ברוך ושכב על ערש דווי. ביום א' דסוכות תש"ב אספו הנאצים 250 יהודים מתושבי קוצק ופליטי העיירות הסמוכות ורצחום נפש בּיריות. באותה שעה שכב ר' ראובן בביתו, והיה אומר פרקי תהלים. כיוון שהגיע לפרק כ' ופתח: „למנצח מזמור לדוד יענך ה' ביום צרה", נכנסו הנאצים לביתו ומצאוהו שוכב. שאלוהו הרוצחים למה הוא שוכב. אמר להם: חולה אני. ציוו עליו לפתוח פיו, כדי לבדוק אם אמנם חולה הוא. כשפתח ר' ראובן את פיו, ירו הנאצים לתוכו ויצאה נשמתו בטהרה.

למחרת הובל למנוחות. היה שם באותו מעמד בנו חיים אברהם. מירר חיים אברהם בבכי וצעק מקירות לבו: רבונו של עולם, הבט משמים וראה, כי היינו ללעג ולקלס — לא, לא אומר „קדיש"!

וחיים אברהם, שירא שמים היה, לא אמר קדיש!

בכל אשר ילכו — נלך...

כשנכנסו הנאצים לביתו של ר׳ יוסף גז׳יואץ׳ בקוצק להוציא אותו ואת אשתו להורג, ביקשו שתי בנותיהם ללכת אתם. חסו הנאצים על הבנות, שיפות היו, ואמרו:

— חבל שבנות יפות כאלה יוצאו להורג.

ענו הבנות:

— בכל אשר ילכו הורינו — נלך גם אנו.


שילבו כל ארבעתם את זרועותיהם זה בזה ויצאו לדרכם האחרונה.

וכך, חבוקים ושלובים איש ברעהו, נורו האב והאם על הבנות.

(נמסר מפי **יעקב ארליך**)

משה אבירם גז׳בין (תל־אביב)

צרור מכתבים מימי השואה



חבילת עלים ובלים, מכתבים וגלו־יות שהצהיבו, שנשלחו מקוצק בראשית ימי השואה — נשמרה אצל אחד הניצו־לים (משה גז׳בין — ת״א), שעבר בתקופה ההיא מקוצק ל„ריכוז״ השוה״צ בוילנה. כידוע שימשה אז וילנה הליטאית מקום ריכוז לנוער חלוצי, שצפוי היה להשמדה פיזית בשטחי הכיבוש הגרמני. הנוער הלך בדרכים משובשות, עבר גבולות והתרכז בוילנה על מנת לעלות משם לארץ — אחדים אף הספיקו לצאת לדרכם לפני כיבוש הרוסים.

במכתבים אלה, הכתובים פולנית במ־קורם, ניכרת היטב אוירת טרם ההשמדה, כשנדמה היה, שעדיין לא כלו כל הקצין והתקווה לעלייה עוד נצנצה באופק... שפת הרמזים (האדון „לא טוב״, הדודה „נחמה״ ו„עלייה״) מגלה טפח מפרפוריהם, רגשותיהם ומעשיהם של הצעירים במאמץ עליון להינצל מהמלכודת המתהדקת...

קוצק, יולי 1940

משה!

את מכתבך קבלנו ומודה אני לך, אחי, שהנך זוכר איתנו. כן, משה, לא פעם הנני נזכרת בדודה נחמה שלנו, שהיתה אומרת עליך: עוד תמול שלשום היה ילדון — וכבר בגר! מהללת אני אותך על כתיבתך: אפשר להבין הכל מה שאתה כותב... האם זה כבר הסוף? הנני יושבת וחושבת שעות על גבי שעות אודות הכל. מרגישה אני בזמן האחרון כאבים נוראים. אני כבר מזדקנת ואתה רק מתחיל את חייך... אך אסור להיות סנטימנטלי, ההגיון והשכל אומרים שיש לחפש את החיים — והחיים הם לא בקוצק.

בפעם הראשונה ערכנו את ה„סדר" בלעדיכם (ידיעה בעקיפין, שגם אחותי עברה לצד הרוסי — מ. ג.). לך היה בוודאי נעים בוילנה — אבל לנו היה קשה. הסתובבתי כמי שנטרפה עליו דעתו, למרות שהכל היה כרגיל בכל פסח — גם מצות לא חסרו; רק אתם חסרתם. כל אחד מאתנו זכר עליכם ונאבק עם עצמו בגבורה שלא להעלות את שמכם על דל שפתיו — אחרת היינו פורצים מיד בבכי — — (כאן חתך הצנזור את המכתב — אולם מעבר השני של הגליון נשאר הקטע דלקמן — מ. ג.) לפני רבע שעה ביקר אצלנו מנדל ברונשטין והראה לנו מכתב ממך ובו חדשה חשובה ומשמחת. אסתר נישאה לאיש... אבא בכה שלא זכה להיות „בחופת" בתו. על אמא מוטב שלא תשאל — — — (ושוב חתך הצנזור — מ. ג.).

רבקה גז'בין

קוצק, 22.VI

(גלוייה מחבר פעיל ב„השומר הצעיר")

שלום משה!

בקבלי את גלוייתך התפלאתי קצת שהתקיימה מועצה. מה שנוגע לי — הרי בדרך כלל, מצבי לא רע בזמנים הללו. האדון קן מרגיש את עצמו טוב והוא מתחיל לעבוד, ייתכן שנקבל עבודה אצל האדון לא טוב — אך בוודאות טרם נדע.

אצלנו כבר החל החום... בזמן החופש אנו מטיילים... אנו מדברים הרבה על אודותיכם. הנני מתגעגע מאד ל„חברה" (כך בפולנית — והכוונה לחברי קיבוצו „הבוקע" שהגיע ל„ריכוז" בוילנה). ד"ש לכל המכרים. תראה שהמשפחה שלנו תכתוב גם כן.

מנדל

טרני, 16.VII.40

(לאחר שהרוסים כבשו את וילנה גברה ההרדה ב„ריכוז" קבוצי השוה"צ ואנשיו, שלא ייחשבו בעיני הרוסים כ„ציונים אנטי־מהפכניים" — בקשתי עצה מגיסי דוד ליבפריינד לאן לברוח ועל כך הוא עונה לי — מ.ג.).

בסרני התרכזה מושבה של קוצקאים, אני ואסתר (אחותי — מ. ג.), הרשל קרייצמן, באשה, דוד מילטייך ואשתו, דוד איידלמן ואשתו, יעקב צובעק, יהושע גלייכגעוויכט ועוד. היו עוד „חברה", כמו שמחה מדנס, לוציה, מרדכי ועוד. הם רצו לחזור לקוצק — אך לא הצליחו. מה שידוע הוא, ששמחה, מרדכי, לוציה, שלום גולדפרב, אברהם הנדלסמן, חיים קופרשלאג, מרדכי וארטובניק ועוד הרבה נמצאים כבר אצל הדובים הלבנים (מלים אלה נמחקו מגוף המכתב, אך ניתנות עדיין לקריאה, מעליהן רשום בכתב־ידה של אחותי אסתר „איננו יודעים את מקום הימצאם". באמת נשלחו הצעירים הללו למחנות עבודה בצפון הרחוק). הרבה לכתוב אינני יודע, בפרט היום, כאשר אני לא מרוצה כלל מכל התתונה... (הכוונה לשינוי שחל בוילנה עם כניסת הרוסים). אמנם יש לי אשה — אך היא לא נותנת לי לדבר מלה... הנני מוכרח להיות אלם, עוור וחרש, היא נותנת לי פקודות ואומרת לי זה אסור וזה מותר... חס אני על אסתר, לולא זאת הייתי מתגרש... משה, אתה עודך נער — אל תתחתן... יותר טוב אב חורג מאשר אשה כזאת (שורות אלה מוסרות ברמז על ההלך־רוח בין הפליטים בשטח הכיבוש הסובייטי)...

דוד

(למכתב זה הוסיפה אחותי „אלינו הגיע אדון „לא טוב". הידיעות מקוצק אומרות ששם „יותר שקט" אך בוודאות אי־אפשר לדעת, שכן משם לא מגיע כבר אף אחד).

קוצק, 12.8.40

שלום משה!

תסלח שלא כתבתי לך מיד, כי האדון חאַפּע מגיע כל פעם אלינו. אצלנו ללא שנוי. חיים טוב, אני עובד בגן־ירק והולך מדי פעם אל הנחל. מה אצלך? האם תחסלו את הריכוז בוילנה.

דודה „עליה" איננה כבר. אין לי מה לכתוב, כי לא הבנתי את הגלויה הקודמת. אם אתה יודע משהו על אדון חדש, כתוב!

מנדל

ד"ש לכל החברה

קוצק, 12.1.41

(לאחר שהודעתי להורי על עלייתי ארצה)

אחי ובן יקר!

סוף־סוף אחרי תקופת סבל קשה וארוכה ואחרי שזלגו הרבה דמעות מעינינו, והרבה דאגות כרסמו לבנו — הגיע מכתבך, משה. למה שתקת עד כה מאז החגים — אתה יכול לשער לך מה יכול היה לקרות מאז. כבר שנה שעזבת אותנו — כיצד

יכולת להיות בלעדינו. ועכשיו שוב עם דודה עליה ונחמה — למה אינך מודיע הכל באופן מפורט, אינך משער כמה זה משפיע עלינו. מי יתן וכל מחשבותיך ומעשיך יהיו מכוונים בדרך האמת. מי יתן ומכתבי אחותך והוריך ייחרתו צזכרונך, כדי שבדרך למטרה יוקל על לבך, בהיזכרך שאנו איננו עוזבים אותך בזכרוננו אף לרגע — הנך מבין אותי, אחי. הננו שמחים שיכולת להגיע ולהגשים את חלומותיך. כל העיירה מדברת אדותיך. אנו כמו מטורפים, ספק משמחה ספק מצער... קשה לגמור את המכתב, אין הלב נותן. איני רוצה לגרום לך צער בסנטימנטים חביבי, בראש מורם תקח מהחיים מה שניתן, כיאה לגבר אמתי, תתגבר על כל הקשיים אפילו לחרוש בין קוצים — האם אתה מבין אותי?.. בינתים הנני גאה שיש לי אח כזה.

אחותך **רבקה**

שמחה מדנס (תל־אביב)

מן הפח אל הפחת

(במחנה עבודה בצפון הרחוק)

היה זה באחד מימי שלהי הקיץ, שכמותו רבים בחודשי אוגוסט—ספטמבר בקוצק. השמים תכולים־בהירים; ריחות השדה נישאים מרחוק ומגיעים לעיירה; בסביבות ה„ארמון" מצייצות הצפורים, בנתרן מעץ לעץ; מפעם לפעם פולחת את האויר קריאתם־צריחתם של הטווסים המתהדרים.

לכאורה זרמו החיים כרגיל בקוצק השקטה והרומנטית. אך משום־מה הורגשה אוירה מחושמלת בכול; עצב היה נסוך על פני האנשים, הנצמדים למקלטי־הרדיו המעטים בעיירה, שמהם נשמעות קריאות גיוס והוראות הג"א. פה ושם נראו כבר מגוייסים במדי צבא, המתייצבים בתחנות האיסוף.

אולם בטרם כבשה האוירה המלחמתית את העיירה — כבר באה ההפצצה הראשונה, המביאה אתה הרס וחורבן לקוצק. נפלו הקרבנות הראשונים בחצר הרבי.

*

עם כניסת החיילים הגרמנים החלו הרדיפות והגיוסים לעבודה בזוייה בלווי מכות. זכור לי יום אחד כשהסיבונו לארוחת בוקר, והנה מתפרצים לביתנו שני חיילים גרמנים ובצווחות סוחבים אותי החוצה. ברחוב כבר עמדה קבוצת יהודים עם כלי עבודה בידיהם. הובלנו לבית המרחץ העירוני, כדי לנקות ולהכין את האמבטיות בשביל הגרמנים. היה זה יום מפרך, רצוף גידופים ומכות אכזריות.

בלבי גמלה ההחלטה: לברוח ויהי מה! באותם הימים החלו להתארגן קבוצות קטנות של בני נוער קוצקאי במטרה לברוח לצד הרוסי, שממנו הגיעו ידיעות מעודדות על חיים יותר חופשיים ויחס אוהד מצד הרוסים.

מתקופה זו ואלך נשארו אצלי כמה רשימות לפי התאריכים, והנני להעלותם כהווייתם.

23.10.1939. החברים בורחים לצד המזרחי של הבוג. בבוקר ניגשתי למ. ג. אבא עטוף טלית ותפילין מציץ בפחד מעליית הגג. עדיין אין הם יודעים מה צפוי לנו וקשה ההחלטה. גם אני מתלבט אם לעזוב את אבא ורייזלה (אחותי). סוף־סוף אני ה„בוגר" והמפרנס.

24.10. התייעצתי עם אבי. לדעתי עלי ללכת ולהמתין שם עד יעבור זעם. א. ב. מוכן להצטרף. בערב אנו אורזים קצת חפצים וצידה לדרך — אנו מוכנים.

25.10. הבוקר קמתי מוקדם. בלילה לא עצמתי עין. כולי שקוע בהרהורים על העתיד הבלתי ידוע... הדבר הקשה ביותר — הפרידה. לא יכולתי לעצור בפני דמעותי החונקות... כלום זוהי פרידה לנצח?

בין הסימטאות פילסנו לנו דרך לעבר לוברטוב. בשעה מוקדמת זו הדבר כרוך בסכנה. הגענו לגשר על נהר טישמניצה, העפנו מבט אחרון על עיירתנו, בה נולדנו, חונכנו, גדלנו, חלמנו על עתיד טוב יותר...

26.10. לננו בלובלין אצל בן־דוד. למחרת יצאנו לדרך לחפש תחבורה הצטרפנו לעגלה הנוסעת לפארצ׳ב, בה יהודים המובילים מזון מלובלין לפארצ׳ב. בהתקרב העגלה לשערי לוברטוב, נודע לנו מפי הגויים על גירוש יהודי לוברטוב, חיפושים והחרמות. בגלל פרצופי ה„טוב" נפל עלי הגורל להעביר את העגלה דרך העיר. נוסעי העגלה ממשיכים דרכם ברגל. על מנת לחזק את סימני ה„אריות" שלי, הריני מחווה קידה כלפי הכנסיה, כיאה לנוצרי אדוק...

יודה?! — עוצר אותי חייל גרמני. אני מעמיד פני תם. פולנים מתקהלים סביבנו. לבי הולם בחוזקה ואני ממשיך לשחק. הצלחתי לשכנע גם את הפולנים, והם המליצו על „כשרותי" בפני שומרי החוק החדשים. לעת ערב נתקבצו כל נוסעי העגלה, סחוטים ומרוטים — ואנו המשכנו בדרכנו.

27.10. הגענו לסלבטיץ׳ בערב שבת. עיירה קטנה. משמרות הגרמנים מאיצים בתושבים להיכנס לבתיהם — עוצר! פה ושם נדלקים נרות שבת. אנה נפנה? משפחה יהודית מקבלת אותנו בסבר פנים יפות. נרדמנו מיד על מצע קש מרוב עייפות.

28.10. מארחינו המליצו להתקשר עם פולני, אשר יעבירנו, תמורת תשלום הגון, בסירה את הנהר בוג. רבים כאן הזרים, אשר פניהם מועדות לעבר הנהר, העובר כמעט בתוך העיירה. רק פסיעה מפרידה בין התהום והחופש!

הלילה אנו עוברים את הגבול! נתאספנו בביתו של הגוי ומצפים, חרש,

חרש אנו מתקרבים לחוף הנהר. ברעדה קפצנו לתוך הסירה. הצטופפנו, עצרנו נשימה... כל רשרוש עלול להסגירנו לידי שומרי הגבול שמשני עברי הנהר. והנה הגענו לקצה השני של הנהר. התפזרנו בשדות. אני ואברהם צמודים זה לזה, יד ביד, למען לא נאבד אחד את רעהו בחשכת הלילה. בזחילה עברנו דרך ארוכה בשדות חרושים. מרחוק נשמע טרטור המכוניות העוברות על הכביש הקרוב. עם עלות השחר התקרבנו לעיירת הגבול שבצד הסובייטי — דומצ׳בו. אברהם מצא שם מכרים והם קבלונו בחמימות. אחרי מנוחה קצרה והחלפת רשמים הגענו ל„תכלית״: מה לעשות עכשו? תחילה עלינו להתערב בין הבריות, פן יכירונו וישלחונו למאורת הנחשים. גמרנו אומר לנסוע מיד לבריסק. יצאנו לתחנת הרכבת. ברחובות שוררת עליזות. מנגינות רוסיות בוקעות מהרמקולים ומעיני האנשים מנצנצת תקוה...

29.10. לפנות ערב הגענו לבריסק. תחנת הרכבת הומה מאדם; אי אפשר לעבור בין הרובצים על ריצפת התחנה. הבקענו לעצמנו דרך. פגשנו מכרים מראדזין, מביאלה ומיתר העיירות הסמוכות: חבריב מימים עברו, מכרים מ„מושבות קיץ״, מכינוסים, מתקופה הנראית כבר רחוקה וזרה... אין איש יודע לאן לפנות ומה לעשות הלאה. בינתיים אוזלות פרוטותינו האחרונות — הרעב מתחיל להציק. הסתדרנו איכשהו ללינת לילה.

30.10. הגיעו לאזנינו שמועות על אפשרות להירשם לעבודה במפעלים ברוסיה. ללא היסוסים נרשמנו. אנו מצפים להתארגנות השיירה, בבריסק אין אפ־שרות להסתדר מרוב פליטים.

כעבור כמה ימי נסיעה ברכבת־משא ללא מים הגענו למקום המיועד לנו בעיירה בביאלורוסיה. כאן פגשנו אנשי קוצק רבים, שהגיעו לפנינו וסודרו למ־קימות עבודה שונים. בבתי אוכל המיועדים לפועלים פגשנו את יוסף ברוט, יצחק קרייצמן, יצחק הרש אוברקליד, משה יעקב הסנדלר, מאיר צובעק ועוד. ביום בהיר אחד, בבואנו למסעדה, לא מצאנו יותר את אנשי קוצק (לאחר זמן נודע לנו, כי הם חזרו לקוצק ונספו ע״י הגרמנים. גם במוחנו החלה לכרסם מחשבה על שיבה לקוצק.

תנאי העבודה היו קשים. עבדנו במכרות מלט, וה„נורמות״ אשר הוטלו עלינו בוצעו בקושי גם ע״י רוסים מבוגרים הרגילים לעבודה קשה, והרי אנו היינו עלמים רכים, בני 17, שמעולם לא החזקנו מכוש בידינו... אצבעותינו מלאו אבעבועות, בגדינו (היחידים לעורינו) נתרפטו ונקרעו, ולקנות חדשים לא השיגה ידנו.

עמדתי בקשר הדוק עם חברים במקומות אחרים, ונודע לי על אפשרות לעבור לליטא, ומשם להגיע לארץ־ישראל (ליטא עדיין היתה אז חופשית). התחנה הרא־שונה בשובי מרוסיה היתה סארנו. בלכתי ברחוב לפנות ערב, הופתעתי לפגוש את דוד ליבפריינד עם אסתר גז׳ביין כשהם מטיילים שלובי־זרוע... לשמחתנו לא היה גבול. מפיהם נודע לי על קוצקאים רבים הנמצאים בעיירה. השתקעו בה דוד־

איידלמן, דוד מילכטייך, הרשל קרייצמן ובאשה בורנשטיין. כולם קיבלוני בלבביות רבה.

מפיהם נודע לי על נסיונות־נפל של כמה חברים לעבור לליטא. משה זיגלמן, מנדל ברונשטיין, הרשל רכטמן ומשה גז׳ביין ניסו לעבור כמה פעמים ולא הצליחו (מלבד משה גז׳ביין). בכל זאת החלטתי לנסות מזלי ויהי מה. בהגיעי לבריסק נודע לי על שובם של יתר החברים לקוצק, לאחר שלא הצליחו לעבור לליטא ובבריסק לא יכלו להשתקע.

15.6.40. יום חם ונעים, התרחצתי בנהר בוג ונהניתי מהמראה היפה מסביב. מצבי לא היה משופר: מכרתי בשוק את כל חפצי על מנת לקיים את עצמי. בשכבי שם בלילה, מוכן ל„פעולה״ — והנה חיילי נ.ק.וו.ד. מולי, המצווים עלי להתלבש וללכת אחריהם. מסך הברזל נפל — ברגע שהמטרה היתה כה קרובה. כעבור זמן קצר אני מוצא את עצמי בין כותלי הכלא בבריסק, סגור ומסוגר מאחורי בריח. החלו חקירות על גבי חקירות.

בתאי „דרים״ ארבעים וכמה אנשים. אין אפשרות לצעוד כמה צעדים. האשנב הקטן פתוח בצמצום והמחנק גדול. הרעב מציק. הכנים רומשות על הגוף עדרים, עדרים. זה שבועות לא התרחצתי ולא החלפתי בגד. חום הקיץ מדכא.

ובעיקר מעיקה השאלה: מה חטאי, ומה פשעי? קירות בית הסוהר סגרו עלי מכל צד ואי־אפשר להיחלץ מחיבוקם. לילות ללא שינה, ימים של פחד מתנהלים בעצלתיים, ללא סוף. יום־יום אותה מנת־לחם דלה ומרק דליל. בזהירות אנו מקבלים אותם שלא להפיל פירור או לאבד טפה...

דרך האשנב הצר של תאי ניתן לי להשקיף על השמים בלבד. תחת שמים אלה חיים אנשים חופשיים, לא כפותים, יוצרים ובונים. והרי אנו נחוצים להם... בתאי אין יושבים פושעים — כולם אנשים אשר רצו להציל נפשם מצפורני הנאצים ונפלו מהפח אל הפחת. האומנם צעירים אלה, ללא עוול בכפם, דינם להיות רתוקים לכבלים? דלתות הברזל אילמות וחרשות. הלנצח?

באחד הלילות האפלים נשמעו חריקות הבריח ודלתות התא נפתחו לרווחה. אני נמצא ברחבת בית הסוהר ומביט על הכתלים מבחוץ. האין זה חלום? אילו יכולתי לגעת בכוכבים ולשתפם בשמחתי...

החל המסע בקרונות חתומים, ללא מזון ומים, בצפיפות ובקור. מנקרת המח־שבה במוחי, לאן מובילים אותנו? אנו נעים צפונה, צפונה. הכפור חודר לעצמות. טייגה אינסופית מגלה את מקום הימצאותנו. איזו בהירות קודרת! משני צידי המסילה עצי אורן וליבנה בערבות שלג נצחי. עד מהרה התבררה תכלית נסיעתנו: עבודת כפייה. עלינו לחפש נפט, לגרש דובים לבנים, לכרות יערות עד.

החלה העבודה ביערות. קבוצות קבוצות סודרו ל„בריגדות״ ועלינו למלא „נורמות״, ולא — לא נקבל תשלום. ומהו? — מנת אוכל זעומה, הנקבעת לפי

ה„נורמה". והיה אם מלאת את המכסה — קבלת מנה מלאה, הרחוקה מלהיות משביעה. מי שלא מילא — קיבל פחות מן המעט...

באחד הערבים הגיעה משלחת מטעם מינהלת המחנה ובראשם רופא. לאחר שבדקו את אנשי המחנה, הוקראו שמות של כחמישים איש (ביניהם משה ניסנבוים מרדזין וכותב השורות הללו), ניתן להם ציוד ובגדים, ועד מהרה נתברר לנו, כי נבחרנו לאכספדיציה לטייגה, במקום שם טרם דרכה רגל אנוש, על מנת לעבוד בקידוחי נפט. לתפקיד „נכבד" כזה זכינו הודות לכושר בריאותנו הטוב.

יצאנו ופילסנו לנו דרך בתוך הטייגה. סללנו „כביש" מעצים, ואחרינו החל להגיע הציוד. בדרך „נשרו" מקבוצתנו אנשים, שלא יכלו לעמוד בתנאים כה קשים. בגלל חוסר מיבנים של ממש (הואיל ומדי כמה ימים התקדמנו בתוך היער העבות), נאלצנו להתגורר באהלים (בטמפרטורה של 40—50 מעלות מתחת לאפס!). כאן היינו „חופשים" — כי לאן יכולנו לברוח?

21.12.40. סוף־סוף הגענו למקום המיועד, ועלינו להקים כאן מחנה קבוע. על שאלתנו איפה נגור? נשמעה התשובה הנצחת: „כפי שתסתדרו כך תחיו"... קראנו למקום הזה צ׳וץ׳, על שם הנהר בקרבת המקום. החלה המלחמה בין האדם ובין איתני הטבע. שלגים, כפור יערות־עד, אספקה בלתי־תקינה, חוסר תחבורה, מרחקים עצומים... אט אט נידלדל המחנה. מחלת הצפדת הפילה קרבנות רבים, האנשים נתמעטו — ובמקומם הגיעו הדשים. „המתים לקבורה והחיים לעבודה" — היתה הסיסמה. עד מהרה נתפרסם צ׳וץ׳ כמחנה מוות. היו שהעדיפו לקצץ אצבעות מרגליהם ובלבד לא להישלח לצ׳וץ׳.

28.8.41. האמנה הפולנית־סובייטית (בין שיקורסקי לסטאלין) באה לנו כנס מן השמים, ברגע האחרון ממש יצאנו מנבכי הטייגה. מקבוצת הראשונים, 80—90 איש, נשארו פחות מ„מנין". חברים יקרים רבים, שציפו להינצל בבורחם מהגרמנים, מצאו את מותם ביערות ובערבות. במערב נשרפו אחינו בכבשנים הנאציים על עוון היותם יהודים, וכאן הם גוועו מרעב ומקור.

יזכרו השרידים שזכו להגיע לחוף מיבטחים במולדת, את אשר עוללו לנו. הבה נעשה כמיטב יכולתנו לבל יאונה זאת לעולמים.

הערשל קרייצמאַן (קאַנאַדע)

א באזוך אין קאצק באלד נאך דער באפרייאונג



אין די ערשטע טעג פון דער צווייטער וועלט מלחמה, בין איך ניט געווען אין קאָצק. דאָרט בין איך אָנגעקומען אין זעלבן טאָג, ווען די דייטשן האָבן אַריינ־מאַרשירט אין קאָצק מיט זייערע שוואַרצע שטיוול און טויטע שאַרבן אויף זייערע היטלען.

ווען מען האָט עס געקענט איינפאַלן, אַז דאָס איז דער מאַרש פון טויט, פאַר־ניכטונג און פאַרטיליגונג פון אונדזער ליבן שטעטל און פון פוילישן יידנטום בכלל.

אין צוויי וואָכן אַרום האָבן מיר — איך און מיין ברודער יצחק — פאַרלאָזט קאָצק און אַוועק קיין בריסק. מיין ברו־דער יצחק האָט שטאַרק געבענקט נאָך דער מוטער, האָט ער זיך אומגעקערט קיין קאָצק און, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אומגעקומען דאָרט און באַגראָבן געוואָרן אין אַ מאַסן־קבר.

ווען איך האָב פאַרלאָזן קאָצק, איז דאָרט געווען מיין גאַנצע משפחה, אויסער מיין ברודער שמואל (שפּעטער האָט מען מיר דערציילט, אַז אין יאָר 1940 האָט מען אים געזען אין לעמבערג). מיין שוועסטער צירל האָב איך געטראָפן אין סאַרנע אין יאָר 1941 ווען זי איז צוריקגעקומען פון רוסלאַנד. מיר זענען דאָרט געווען צוזאַמען ביי 3 מאָנאַטן.

צוויי מאָנאַטן פאַר דעם קריגס אויסברוך צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד, האָט מען מיך אַריינגעצויגן אין רוסישן מיליטער, כדי דורכצומאַכן די מאַנעוורעס. אַזוי בין איך שוין געבליבן אין מיליטער אין דער גרויסער וועלט־מלחמה.

✶

זייענדיק אין יאָר 1945 אין דעם פּולק וועלכער האָט פאַרנומען די געגנטן לובלין און וואַרשע, האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו באַזוכן קאָצק צוויי טעג נאָך דער באַפרייאונג. מיין באַטאַליאָן איז געשטאַנען 10 קילאָמעטער אונטער לעוווערטאָוו און איך האָב דאָרט באַזוכט עטלעכע מאָל.

פון קרוב 5.000 יידן, וועלכע קאַצק האָט געציילט פאַר דער מלחמה, האָב איך דאָרט געטראָפן נאָר אַ פּאָר יידן — שרה זיגעלמאַן מיט איר טאָכטער, יעקב ערליך מיט זיין טאָכטער און גדליה גראסמאַן. דאַגעגן האָב איך געפינען אַלע גויים גאַנצע און צעפרידענע, אָנגעפּאַקט מיט יידיש האָב און גוטס.

דער קריסט פּיאָנטעק, אונזער אַ שכן, האָט מיר דערציילט אַז מיין ברודער יצחק מיט נאָך יינגלעך זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך דעם גאַיאָוועץ אין ביאַלאַבזשעגער וואַלד אין טאָג פון דער באַפרייאונג פון קאַצק. ער האָט מיך אויך געוויזן זייער קבר. מיר האָבן אויפגעגראָבן און נאָך געפונען זייערע קערפּערס גאַנצערהייט. איך האָב דערקענט מיין ברודער יצחק, הענעכן, און דעם דריטן דעם יינגסטן, האָב איך ניט דערקענט.

מיין עלטערנס הויז האָב איך שוין ניט געטראָפן. דער פּלאַץ איז געווען ליידיק, און די ציגל זענען געווען אויף ראָוואצקעס הויף.

ביי מיין אָנקומען אין קאַצק, זענען פיל קריסטלעכע שכנים אַרויסגעקומען מיך אַנקוקן, אָבער מערסטנטייל זיך אַפילו ניט באַגריסט צו מיר. פיל האָבן זיך געקרימט און געברומט אונטערן נאָז... עס האָט זיך געמערקט קלאָר זייער אַנטוישונג: האָט מען דאָך געזאָגט אַז די דייטשן האָבן אויסגעראָטן אַלע יידן... איך האָב געפרעגט מאַניעק ראַוואצקי (אַ שכן, מיט וועלכן איך האָב זיך צוזאַמען געהאָדעוועט), אויב ער ווייס וואו זענען אונדזערע מענטשן און וואָס האָט מיט זיי פּאַסירט, האָט ער מיר געענטפערט: איך בין ניט געווען זייער היטער און דאָס איז ניט געווען מיין פליכט. קיינער פון אונדזערע אַמאָליקע גוטע פריינט האָט מיך ניט פאַרבעטן צו זיך אויף אַ טרונק וואַסער... אייניקע מינוטן בין איך געבליבן שטיין אַליין מיט מיין פערד, אויף וועלכן איך בין געריטן. אַזוי האָט אויסגעזען מיין צוריקקער קיין קאַצק און די אויפנאַמע פון די קריסטלעכע שכנים!

אויף צוריקוועגס האָב איך געטראָפן אַ באַקאַנטן, פּיאָטער שטשעפּאַנסקי. ער האָט מיר געזאָגט, מעשה גוטער ברודער, אַז איך דאַרף טרינקען לחיים אויב איך בין אַרויס לעבעדיק פון קאַצק, און אַ צווייט מאָל זאָל איך ניט ריזיקירן דאָס לעבן... איך האָב באַלד דערפילט, אַז די דייטשן האָבן געהאַט וואונדערבאַרע שותפים און העלפער צו זייער בלוטיקער אַרבעט.

*

איך האָב ניט געטראָפן קיינעם, וואָס זאָל מיר דערציילן גענויע פאַקטן וועגן אומקום פון די קאַצקער יידן. איך האָב געהערט אַז מען האָט אַלע יידן אַרויסגעשיקט קיין לוקאָוו אָדער פּאַרטשעוו, וואו מען האָט זיי דערמאָרדעט, אונטער דער ביי מיל האָב איך געפונען אַן אָרט, וואו מען האָט נאָך דערקענט בלוט פלעקן. דאָרטן האָבן די נאַצישע מערדער אויסגעשאָסן אַלטע מענטשן, קינדער, קראַנקע און קאַליקעס — און אויך די היימלאָזע.

זייענדיק אין לעווערטאוו האָב איך געטראָפן משה רימארזש מיט זיין פרוי. משה׳לע קויפמאנען האָבן ערמאָרדעט די .A. K אויף אַן אכזריות׳דיקן אופן.

איך האָב אויך געטראָפן אונדזער קוזין שמואל׳ן אין קאָצק. וועלכער איז געווען אין פוילישן מיליטער, און אונדזער קוזינע אסתר רחל קרייצמאן.

זייענדיק אין ס אַ ר נ ע האָב איך דאָרט געטראָפן פיל קאָצקער איינוואוינער, צווישן זיי מיין קוזין משה יצחק קרייצמאן מיט זיין פרוי, אונדזער קוזין דוווטשע מילכטייך מיט זיין פרוי. אברהם גזשעביענס טאָכטער אסתר מיט איר מאַן און שיע איידעלמאַנס זון דוד מיט זיין פרוי, און באַשע בארנשטיין, ישראל ברוכ׳ס אייניקל (זיי האָבן געוואוינט אין הויז פון קאָצקער שטיבל).

אברהם ראזענבלום (תל־אביב)

א חלום

געווען בין איך אין שטעטל קאָצק,
און צוריקגעקומען פון דאָרט בשלום.
געזען דאָרט אַלץ ווי אויף דער וואָר —
דאָך איז עס נאָר אַ פיינלעכער חלום!

אַט שטיי איך אין מאַרק איינער אַליין.
קיין יידן, קיין קרעמער — שאַ שטיל.
קיין טרעגער, קיין זעקלעך —
נאָר גויים אַרום, אַזוי פיל.

לויף איך גלייך אין גערקער געסל
זען וואָס מאַכט מיין אַלטע מוטער.
טרעף איך גאָר דאָרט גויים שיכורים
שרייען ווילד ווי דער ניט גוטער..

וואָס איז דאָ? וואו זענען די יידן?
אַ יידישע שטוב, אַ כשר'ער טיש?
ס'איז דאָך היינט פרייטיק, ערב־שבת
מען הערט גאָר ניט האַקן פיש...

וואָס שלאָפן די בעקערייען?
באַקט מען היינט ניט קיין חלות?
וואָס שוויגן עפעס די קצבים?
וואָס באַדייטעט דאָס אַלעס?

אַלץ איז ווי אויף דער וואָר,
דאָך עפעס אַ גרויסער וואונדער!
איז איצט טאָג אָדער נאַכט,
וואָס שלאָפן נאָך די קינדער?

אַ וואונדער! איך שטוין און מורמל,
פרעג שאלות כסדר —
מען זעט ניט קיין רבין
קיין קינד און קיין חדר.

וואו זענען די קבצנים
צעוואַרפן אין אַלע עקן —
וואו איז דער בלינדער יצחק
מיט זיין גרויסן שטעקן?

ס'איז דאָך היינט פרייטיק,
דאָס שטעטל האָט געקאָכט און געלעבט.
ווייבער צעפלאַמטע אין קיך —
דער טשאָלנט איז שוין פאַרקלעפּט.

פאַרנאַכט אין בית המדרש
מ'איילט פון יעדער געסל.
ביי לייטן שבת שוין געמאַכט,
ס'פונקלט וויין פון געלן מענדלס פעסל.

חרוב איז דאָס שטעטל,
דער בית המדרש צעלייגט.
דרייען זיך הינט אין די גאַסן,
שיכורים אין רינשטאָק אויסגעווייקט.

*

אויף אליוואניאַק'ס ווענט
220 יידן געשאָסן.
נאָך קענטיק די בלוט־פלעקן
וואָס בעסטיעס האָבן פאַרגאָסן.

יעדער טריט זאָגט עדות
פון מאָרד, פיין און שאַנד.
די גאַסן פול מצבות —
די נעמען גוט באַקאַנט.

ברוך יוסף פיערניק (פראַנקרייך)

קאצקער אין פראנקרייך בעת דער דייטשער אקופאציע

1. אויף „הכשרה" אין דרום־פראַנקרייך

אין פרילינג 1920, ווען איך בין אַלט געווען 13 יאָר, האָט אונדזער פאַמיליע פאַרלאָזט קאָצק און אַריבער קיין וואַרשע, וואו מיר האָבן איבערגעלעבט די צרות פון דעם רוסיש־פוילישן קריג. איך, צוזאַמען מיט מיינע ברידער משה און מרדכי, האָבן באַשלאָסן זיך לערנען אַ פאַך און ניט זיין קיין ישיבה־בחורים (אָדער „בענק־קוועטשער"). שניידעריי — האָבן די עלטערן ניט מסכים געווען, בין איך געוואָרן אַ היטלמאַכער. אין 1925 האָב איך זיך אָנגעשלאָסן אין „החלוץ", און דעם זומער 1926 בין איך געווען אויף הכשרה אין טראַווניק, נעבן לובלין. די עלייה איז געווען דאַן זייער באַגרענעצט און עס איז געווען זייער שווער צו באַקומען אַ „סערטיפיקאַט". דער „החלוץ העולמי" האָט געמאַכט אַ פרווו צו שיקן חלוצים אויף הכשרה קיין דרום־פראַנקרייך — און איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן דאָרט אויף הכשרה, טראָצדעם וואָס מיין פאָטער איז געווען שטאַרק ברוגז אויף מיר. „אין פּאַריז זענען אַפילו די שטיינער טריף" — האָט ער געטענה'ט. אין 1929 בין איך אָנגעקומען אין פראַנקרייך אַלס חלוץ, דורך דער פאַרמיטלונג פון „יעאַס".

6 מאָנאַטן האָב איך געאַרבעט ביי פאַרשידענע פויערים און פאַרמער אין דרום־פראַנקרייך, זיך שטאַרק אָנגעליטן — ביז איך בין אַוועק קיין פּאַריז, וואו איך האָב געפונען אַ גרופּע „שומרים" (צווישן וועלכע איז אויך געווען ה' פישער, דער שפּעטערדיקער אַמבאַסאַדאָר פון ישראל אין פּאַריז). דאָרט האָב איך אויך געטראָפן פיל קאָצקער לאַנדסלייט, ווי משה סקאַרבניק, נחמיה זשעזשניק מיט זייך פרוי מרים א. אַ. אַפזייענדיק אַ יאָר אין פּאַריז האָב איך אָבער געמוזט עוקר זיין פון דאָרט, ווייל אַלס לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער האָב איך געהאַט רעכט נאָר צו וואוינען אין דער פּראָווינץ. פון 1930 האָב איך ווידער געאַרבעט אין די וויינגערטנער פון דרום־פראַנקרייך, זיך אויסגעלערנט גוט לאַנדווירטשאַפט, שוין גערעדט און געשריבן גוט פראַנצויזיש און כמעט געוואָרן אַ תושב. אָנפאַנג 1934 האָב איך זיך נאַטוראַליזירט און אין אָקטאָבער דעם זעלבן יאָר געהייראַט מיט מיין פרוי וואָס איז געקומען צו מיר פון וואַרשע. 2 וואָכן שפּעטער האָט מען מיך גענומען צום מיליטער דינסט, וואו איך האָב זיך אויסגעצייכנט. אין פרילינג 1936 האָב איך מיט מיין פרוי זיך איבערגעקליבן קיין פּאַריז וואו איך וואוין ביז היינט. אין פּאַריז האָבן מיר געפונען אַ בליענדע קאָצקער געזעלשאַפט און ביי אונדזער אָפטע פאַרזאַמלונגען דערמאָנען מיט האַרציקער בייטקשאַפט די פאַרגאַנגענע יאָרן

אין אונדזער שטעטל. געפונען האָבן זיך דאָן אין פּאַריז אברהם וועלניאַזש (געשטאָרבן נאָך פאַר׳ן קריג), וואַרשניטער, וואָס האָט פיל געהאָלפן די קאָצקער לאַנדסלייט. אַ מענטש מיט אַ גאָלדן האַרץ, אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע. לייביש קרייצמאַן מיט זיין פרוי גוטשע ראַטבוים, אַן איבערגעגעבענער ציוניסט, דער איניציאַטאָר פון „קאוואַ״ (דער געמיינזאַמער קבר פון קאָצקער אין פּאַריז) — אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין פרוי אויף דעפּאָרטאַציע, יעקב שיע דוד׳ל מיט זיין פרוי (דעפּאָרטירט), אויך די פאַמיליע זילבערשפּאָרן איז אומגעקומען אויף דעפּאָרטאַציע, ווי אויך יוסף ראַטבוים מיט זיין פרוי, וועלכע זענען שפּעטער אַנגעקומען קיין פּאַריז (אויך דעפּאָרטירט).

עס זענען אויך דאָן געווען קאָצקער, וועלכע זענען, ברוך השם, ניצול געוואָרן און געפינען זיך מיט אונדז אין פּאַריז עד היום, ווי שמחה ראַטבוים, שיע טאַשעמקאַ, נחמיה זשעזשניק, גדליה קנאַפּפער, משה סקאַרבניק, אליהו לייביש, חנה און גיטל שטשעטשיניאַרזש (לייזער צאַלקעס) קינדער, שמחה פרידמאַן (יואל הזנ׳ס זון). אפשר האָב איך פאַרגעסן אייניקע קאָצקער פון יענער צייט, זאָל מען מיר דאָס מוחל זיין.

2. אַלס אַ סאָלדאַט אין דער וועלט־מלחמה

אַזוי האָבן מיר געלעבט אין פּאַריז ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין 1939 איז ביי אונדז געבוירן געוואָרן אַ טאָכטער — און דעם זעלבן טאָג האָבן די היטלער חיילות אַריינגעמאַרשירט אין טשעכאָסלאָוואַקיע. דער פּרעזידענט איז געוואָרן שוואַרץ און די מלחמה האָט באַלד אויסגעבראָכן (2.9.1939). דעם זעלבן טאָג בין איך מאָביליזירט געוואָרן אין דער פראַנצייזישער אַרמיי. 6 וואָכן זענען מיר געווען אויף דער איטאַליענישער גרעניץ, געוואַרט אויף זייער אַטאַקע — און דערווייל האָט היטלער געמאַכט אַ תל פון פּוילן... האַלב נאָוועמבער, האָט מען אונדז ענדלעך טראַנספּאָרטירט אויפן מזרח פראָנט, אין דער באַרימטער מאַזשינאָ־ליניע, וואו איך בין אָפּגעווען דעם גאַנצן ווינטער 1940—1939. עס איז געווען דאָן אַ קאַלטער ווינטער מיט שטאַרקע פרעסט, די פראַנצויזן האָבן אָבער ניט מוותר געווען אויף אַ גלעזל וויין — מען האָט אונדז געגעבן וויין אין פאָרם פון רויטע שטיקער אייז! פון צייט צו צייט האָבן מיר געשאָסן מיט אונדזערע קאַנאָנען צו די דייטשן. אָבער ווען מיר האָבן געשאָסן אַ שעה — פלעגן די דייטשן ענטפערן אַ מעת־לעת — אַ מאָדנע מלחמה!

דעם 10־טן מאַי האָט זיך אָנגעהויבן די אמת׳דיקע מלחמה. אונטער דער שטאַרקער אַטאַקע פון די דייטשן האָבן זיך צוזאַמענגעבראָכן אַלע פראַנצויזישע פראָנטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ הונערהערטע פּאַניק און מיר האָבן געוואַנדערט מיט די קאַנאָנען פון איין וואַלד צום צווייטן, כדי כאָטש צו איינהאַלטן אַ ביסל דעם

מאַרש פון די דייטשן. 13 טעג האָבן מיר זיי אָפּגעהאַלטן ביים טייך סאָם. ביינאַכט פלעגן זיי בויען בריקן כדי אַריבערצופירן זייערע פּאַנצער־דיוויזיעס און מיר פלעגן פאַרניכטן די בריקן מיט די טאַנקן. צום סוף האָבן זיי געבראַכט פיל אַוויאַציע און באַמבאַרדירט אַן אויפהער און מיר האָבן געמאַכט אַ ויברח. נאָך עד היום פאַרשטיי איך ניט ווי בין איך אַרויס אַ לעבעדיקער פון דעם גהינום — ממש אַ נס! דעם טאָג האָבן די דייטשן געוואונען דעם קריג מיט פראַנקרייך — דאָס וואָס איז געווען נאָכדעם ביז דעם אונטערשרייבן פון וואָפנשטילשטאַנד (24־טן יוני 1940), איז נאָר געווען אַ מין שפּיל פון קאַץ און מויז און ניט קיין ריכטיקע שלאַכטן. אונדזער אויפגאַבע איז געווען נאָר ניט אַריינפאַלן אין די דייטשישע הענט און דאָס האָבן מיר געמאַכט בשלימות.

3. מיט דער געלער לאַטע אין פּאַריז

די „מאָדנע מלחמה" האָט זיך שוין פאַרענדיקט און איך בין נאָך געווען אין אַ מיליטערישן צענטער אין דרום־פראַנקרייך ביז ענדע סעפּטעמבער 1940. פון מיין פרוי און קינד אין פּאַריז האָב איך ניט געהאַט קיין ידיעות — פראַנקרייך איז צעטיילט געוואָרן אויף צוויי. די מיליטערישע מאַכט האָט מיך — אַלס ייד — ניט געקענט דעמאָבאַליזירן און שיקן קיין פּאַריז, מיין שטענדיק וואוין־אָרט. אָנפאַנג 1941 האָב איך אין אַ געוויסער נאַכט, גייענדיק אין בלאָטעס ביז די קני אַדורכ־געשוואַרצט (מיט דער הילף פון פראַנצויזישע קוילן גריבער) די גרענעץ און צומארגנס בין איך שוין געווען ביי מיר אין פּאַריז. די שטימונג אַ דערדריקענדע. יידן לעבן אין שרעק. די רייכערע זענען אַנטלאָפן, געבליבן בלויז אַרבעטער, בעלי־מלאכות. די דייטשע סאָלדאַטן זענען געווען סוחרים, קויפן אַלץ וואָס איז מעגלעך. עס הערשט אומעטום דחקות. דעם 7־טן יוני 1942 ווערט איינגעפירט די גזירה פון דער געלער לאַטע מיטן מגן־דוד. די פראַנצויזישע באַפעלקערונג האָט אָבער סימפּאַטיזירט מיט די יידן, טראָץ דער אַנטיסעמיטישער גרויל פּראָפּאַגאַנדע פון די דייטשן. אין פּריז האָט מען געזען גלחים וואָס האָבן געטראָגן געלע לאַטעס. אין מעטראָ פלעגט מען אָפּטרעטן זיך־פלעצער פאַר די וואָס טראָגן די געלע לאַטעס. ווען איך בין געקומען דעם ערשטן טאָג אין פאַבריק צו דער אַרבעט מיט דער געלער לאַטע — האָבן אַ סך אַרבעטער מיר געדריקט די האַנט מיט טרערן אין די אויגן...

4. פּאַריזער יידן ווערן עקספּאָרטירט אין די טויט־לאַגערן

עטלעכע טעג נאָך דער גזירה פון דער געלער לאַטע, האָבן די דייטשן דורכגעפירט אַן אַבלאַווע אין דעם 11־טן באַצירק און צוגענומען אַלע יידן, אַלט און יונג, מענער און פרויען. זייער ווייניק מענטשן זענען צוריקגעקומען פון דער אַבלאַווע. דער 16־טער יולי 1942 איז דער טאָג פון גרעסטן אומגליק פאַר דעם

פּאַריזער יידנטום! צענדליקער טויזנטער יידן האָט מען אויפגעכאַפּט און זיי עקספּאָרטירט אין די פאַרשידענע טויט־לאַגערן — די ווייניקע וואָס זענען ניצול געוואָרן זענען זיך צעלאָפן און פּאַריז איז געוואָרן כמעט יודן־ריין. איך האָב אָבער ניט געהאַט וואו און מיט וואָס צו לויפן — בין איך געגאַנגען טאָג טעגלעך צו דער אַרבעט, און געמוזט צוזען מיט האַרצווייטיק ווי די דייטשן ליידיקן אויס די וואוינונגען פון די דעפּאָרטירטע, שלעפּן אַרויס די אָרעמקייט פון יידישע אַרבעטער פאַמיליעס, אַפילו אייזערנע בעטן מיט קיך געשיר איז געווען פאַר זיי אַ סחורה. אַ געוויסן שבת, גייענדיק אויפן בולוואַר מאזשענטא, האָב איך געטראָפן אַ גרופּע ציווילע דייטשן, אַנגעפּרעסענע מענער און פרויען, מיט דעם גאָלדענעם האַקן־קרייץ אין לאַץ, וויכטיקע פּאַרטיי־טוער מסתמא, און זעענדיק מיר, זאָגט איינער מיט חידוש: „גיבט דאָס נאָך יודן אין פּאַריז?" איך האָב באַלד צוגעאיילט מיינע טריט און באַמערקט ווי צוויי פון זיי האָבן זיך געוואַקלט: לויפן נאָך מיר אָדער ניט... אין דעם ערשטן געסל בין איך פאַרשוואונדן און אָן אָטעם אַהיים געקומען — געמעגט זיכער גומל־בענטשן.

די ערשטע קאָצקער פאַרזאַמלונג אין פּאַריז נאָך דער מלחמה

אָבער טראָץ די ליגנערישע פּראָפּאַגאַנדע פון די דייטשן, פילט מען שוין אַז זייער סוף איז נאָענט, עס ווערט באַקאַנט זייער מפּלה אין סטאַלינגראַד. אונדזער איינציקע האָפנונג: זען מיט די אייגענע אויגן היטלערס סוף. דערווייל ליידן מיר הונגער און דחקות, קוים איז אונדז דערלויבט צו אָטעמען די פרייע לופט. אונדזערע פריינט און באַקאַנטע זענען געכאַפּט געוואָרן דורך מסירות — מיר בלייבן אַליין. ענדליך דעם 6־טן יוני 1944 דעבאַרקירן די אַלירטע אין נאָרמאַנדיע. די לופט אַלאַרמען ווערן אָפטער — כוואַליעס פון אַמעריקאַנער אַעראָפּלאַנען פליען אונאויפהערליך. די דייטשן לויפן אין די בונקערס זיך צו באַהאַלטן — אַ סוף צו זייער לעגענדאַרישער העלדישקייט, זיי האָבן מורא! מיר קומט אויס זיצן 6 שעה פאַרמאַכט אין „מעטראָ" אין אַ לופט־אַלאַרם, אָבער דאָס פאַרשאַפט מיר גרויס פאַרגעניגן. אין גאַנצן לאַנד דערשיינען די פּאַרטיזאַנער, צווישן זיי פיל יידישע יונגע לייט, וועלכע נעמען נקמה אין די היטלעריסטן פאַר זייערע דעפּאָרטירטע עלטערן און פאַמיליעס.

דעם 25־טן אויגוסט 1944 איז פּאַריז באַפרייט געוואָרן פון נאַצישן יאָך און מיר האָבן זיך דערפילט ווי ניי געבוירן. ערשט איצט האָבן מיר דערזען ווי גרויס איז אונדזער חורבן! פון אַלע אונדזערע פריינט און באַקאַנטע וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן זענען נאָר איינצעלנע צוריקגעקומען. אונדזער גאַנצע משפּחה אין פּוילן איז אומגעקומען. אַ געוויסן טאָג זע איך אין דער פּרעסע אַ מעלדונג וועגן אַ פאַרזאַמלונג פון „קאָצק־זשעלעכאָוו" אין פּאַריז. איך בין גלייך אַוועק אַהין

און דאָרט געטראָפֿן נחמיה זשעזשניק, נאָך אין מיליטער בגדים, נאָר וואָס צוריק־געקומען פֿון געפֿאַנגען־לאַגער — מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און צעקושט ווי ברידער. נאָך 8 יאָר האָב איך באַגעגנט דעם ערשטן קאָצקער! ביסלעכווייז האָבן זיך צוזאַמענגעקומען אַלע אַנדערע קאָצקער וואָס לעבן היינט אין פּאַריז. פֿערשטייט זיך, אַז עס איז געווען פֿיל צו טאָן און העלפֿן. עס זענען אויך אָנגעקומען פֿרישע פֿון די דייטשע לאַגערן, וואָס זענען געווען אין פּאַריז אַ קורצע צייט און זיך צופֿאָרן אין אַלע עקן וועלט. מיר האָבן געטאָן וואָס איז מעגלעך געווען זיי צו העלפֿן.

יאָרן גייען פֿאַרביי און מיר קאָצקער לאַנדסלייט אין פּאַריז האַלטן זיך געאייניקט, ווייל מיר ווייסן, אַז, ליידער, זענען מיר די לעצטע קאָצקער יידן. מיר האָבן דורכגעמאַכט אין לעבן אַ לאַנגן און שווערן וועג, ווען פֿון דער טראַדיציאָנעלער וואָרעמער היים אין קאָצק זענען מיר מגולגל געוואָרן ווער אין פּאַריז, ניו־יאָרק, אַרגענטינע און איצט זייער פֿיל אין ישראל. לאָמיר שטענדיק געדיינקען די טויזנטער פֿון אונדז וואָס זענען אומגעקומען, ווער אויף קידוש השם, ווער מיט געווער אין דער האַנט און ווער איז די היטלעריסטישע טויט־לאַגערן.

ערע זייער אַנדענק! וויצרור בצרור החיים את נשמתם!

יהושע טאשעמקא (פֿראַנקרייך)

אין פראנקרייך בעת דער דייטשער אקופאציע

1. איך בעהאַלט זיך אין ניס (NICE)

ווען די דייטשן האָבן אקופּירט פּאַריז, בין איך אַוועקגעפֿאָרן קיין ניס (Nice) און באַקומען אַרבעט. אַ קורצע צייט נאָכדעם, זענען אין ניס אָנגעקומען לייבוש קרייצמאַן מיט זיין פֿרוי און זייער טאָכטער שרה. ווען די איטאַליענער זענען אַריין אין ניס איז די לאַגע געוואָרן לייכטער, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז פֿיל יידן זענען פֿאַראַן אין ניס. באַלד נאָכדעם זענען אָבער געקומען די דייטשן, און די לאַגע איז געוואָרן ערגער. איך האָב געדונגען אַ דירה פֿון 2 צימערן מיט אַ קוך וואָס מיין באַלעבאָסטע האָט געהאַט אויפֿן באַרג אין ניס, און צוזאַמען מיט די פֿאַמיליע קרייצמאַן האָבן מיר זיך אַרויפֿגעצויגן אין דער דירה. 2 מאָנאַטן האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן אין דער דירה. מיר האָבן אויך צוגעגרייט אַ באַהעלטעניש אין פֿאַל ווען די דייטשן וועלן קומען זוכן ביינאַכט. אונדזער באַלעבאָסטע איז אָבער מיט דער צייט געוואָרן אונצופֿרידן מיט אונדזער

אַנוועזנהייט אין דער דירה, ווייל די דייטשן האָבן געדראָט מיט שווערע שטראָפֿן, די וועלכע וועלן באַהאַלטן יידן.

איין טאָג איז אונדזער באַלעבאָסטעס פֿאַרשוואונדן אויף אַ גאַנצן טאָג. באַלד נאָכמיטאָג ווען איך בין אַראָפּגעגאַנגען פֿון ערשטן שטאָק, האָב איך געהערט קלאַפּן ביים טויער פֿון הויף: די דייטשן זענען דאָ! איך בין באַלד אַריין אין מיין באַהעלטעניש אונטער דעם גרויסן שפּיגל. דער דייטש לויפֿט שוין און רייסט די טירן און קלאַפּט ביי מיר אין שפּיגל. עטלעכע דייטשן זענען אַרויף אויפֿן ערשטן שטאָק און באַלד האָבן זיך דערהערט געשרייען. איינער פֿון זיי איז אַראָפּ צו מיין צימער און זאָגט אָן דעם דייטש, וואָס האָט מיר געזוכט, אַז זיי האָבן שוין געפֿונען די יידן אויבן.

איך האָב געהערט ווי מען האָט אַרויסגעפֿירט די משפּחה קרייצמאַן, איך האָב נאָך געהערט ווי די פֿרוי קרייצמאַן זאָגט: נו, שאַ, מען קאָן נאָך פֿון דאָרט אויך צוריקקומען... ליידער, זענען זיי שוין ניט צוריקגעקומען.

אַזוי בין איך געלעגן ביז ביינאַכט, און דאַן האָב איך זיך אַרומגעוואַלגערט אַ פּאָר טעג אין ניס. די לאַגע איז געווען זייער געפֿערלעך: די דייטשן פֿלעגן כאַפּן מענטשן אין די גאַסן. איך האָב באַשלאָסן אַוועקגיין אין די בערג, און דאָרט בין איך פֿאַרבליבן אין גרויסע צרות ביז דער באַפֿרייאונג.

2. אין די בערג

אין זייער פּרוּוו זיך צו ראַטעווען האָבן אַלע יידן אין פֿראַנקרייך זיך געמאַכט פֿאַלשע דאָקומענטן. איך האָב באַצאָלט 20 גאָלדענע דאָלאַרן און באַקומען אַ פֿראַנצויזישן פּאַספּאָרט, מיט אַ פֿאַלשן קריסטלעכן נאָמען, זשאַן אַלאָס, אַגב אַ נאָמען פֿון מיינעם אַ געוועזענעם בעל־חוב. דעם נאָמען האב איך אויסגעקליבן, כדי עס זאָל מיר זיין לייכטער צו געדענקען ביי אַן עווענטועלער אויספֿאָרשונג ווי איך הייס, און ווי הייסן מיינע עלטערן. דאָך האָב איך גאַנצע טעג געחזרט מיין נייעם נאָמען איך זאָל ניט פֿאַרגעסן.

האָבנדיק די דאָקומענטן, בין איך געגאַנגען צו מיינעם אַ באַקאַנטן, אַ אָנפֿירער פֿון אַ פֿאַרטיזאַנער גרופּע און אים אַלץ דערציילט. ער האָט מיר געראָטן פֿאָרן קיין פּאָ, וואו ער האָט פֿאַרבינדונגען, און מיר מיטגעגעבן אַ בריף צו זיינעם אַ חבר, אויך אַ פֿאַרטיזאַנער.דעם זעלבן טאָג בין איך אַוועקגעפֿאָרן קיין פּאָ, מיט דער באַן אַלס היימלאָזער. דאָרט האָט מען מיר איבערגעגעבן צו אַ פּויער. ביינאַכט פֿלעגן מיר זיך צוזאַמענקומען ביים אָנפֿירער פֿון די פֿאַרטיזאַנער און געהערט לאָנדאָנער קאָמוניקאַטן. מיר זענען געווען פֿאַרבונדן מיט דער פֿראַנצויזישער פּאָליציי, וועלכע פֿלעגט אונדז איבערגעבן אַלע נייטיקע ידיעות. איך בין אָבער ניט געווען צופֿרידן מיטן פּויער, ביי וועלכן איך האָב געוואוינט:

ער האָט מיר צו פיל אויסגעניצט צו די שווערסטע אַרבעטן. איך האָב געפונען טרבעט אַלס אַ שניידער אין אָרעסי, 4 קילאָמעטער פון פּאַ, און פלעג דאָרט אַלע טאָג פאָרן אויף אַ ראָווער. זוען די לאַגע איז געוואָרן געפערלעך אין יענער געגנט, האָט מען מיר איבערגעפירט אין מאָנפעזאַ, אין די בערג, 40 קילאָמעטער פון פּאַ, וואו די פּאַרטיזאַנער האָבן כמעט געהאַט די איינציקע שליטה. ד יערשטע נאַכט האָב איך געגעכטיקט ביים שעף, וועלכער האָט מיר איבערגעגעבן אַז די צייט איז איצט זייער קריטיש: די דייטשן אָרדנען איין אַלע נעכט איבערפאַלן איבער די דערפער און שיסן אויס די מענער. אין יענער געגנט זענען געווען 2־ערליי גרופן פּאַרטיזאַנער: פראַנצויזישע און פוילישע. איך האָב געהערט צו די פראַנצויזישע. ביינאַכט פלעגן מיר אָנצינדן פייערן, און די אַעראָפּלאַנען האָבן אונדז פּאַראַשוטירט געווער. אין אַ פּאָר טעג שפּעטער נאָך מיין אָנקומען, זענען געקומען פוילישע פּאַרטיזאַנער קאָנטראָלירן מיינע פּאַפּירן, מורא האָבנדיק אַז איך בין אַ דייטשער שפּיאָן. איך האָב זיי באַוויזן מיינע אמת'ע פּאַפּירן און זיי דערציילט אַז איך בין אַ ייד און דאַן האָבן זיי זיך באַרואיקט.

3. די באַפרייאונג

איין טאָג האָבן די גלאָקן אָנגעהויבן קלינגען, און מען האָט געמאָלדן, אַז די דייטשן אַנטלויפן פון פראַנקרייך און פּאַ איז שוין באַפרייט! די יונגע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך גלייך אָנגעשלאָסן אין דער אַלירטער אַרמיי, וועלכע האָט זיך דערנענטערט צו פּאַריז, און די עלטערע האָבן געזוכט אַ מעגלעכקייט זיך אומקערן צו זייערע היימען. איך האָב באַקומען אַ שיין פון דער פּאַרטיזאַנער־שעף און אויף מיין ראָווער צוריקגעפאָרן נאָך פּאַ. מאַסן מענטשן האָבן געשטראָמט צופוס קיין פּאַ. פיל בוימער זענען געלעגן אויפן שאָסיי כדי צו שטערן די דייטשע טאַנקען. אויפן וועג האָבן מיר געזען פיל געהאָנגענע דייטשן.

4. מען אַרעסטירט מיך אַלס דייטש

אָנגעקומען אין פּאַ, האָב איך די ערשטע נאַכט גענעכטיקט אין אַ האָטעל. אין מיטן נאַכט קלאַפּט מען אין טיר. עס קומען אַריין 4 ציווילע באַוואָפנטע מיט רעוואָלווערן, וועלכע מעלדן זיך אַלס פּאָליציי און באַפוילן מיך מיטגיין מיט זיי אין קאָמיסאַריאַט, כדי צו רעווידירן מיינע פּאַפּירן. נאָך אַ פּאָר שעה וואַרטן, רופט מען מיך אַריין צום שעף, וואו איך דערוויס זיך, אַז איך בין אַ דייטש... דער חשד האָט זיך באַזירט, היות איך בין בלאָנד און אַלע דייטשן זענען בלאָנד... עס האָבן נישט געהאָלפן מיינע יידישע אויסלענדישע פּאַפּירן, ווייל צו יענער צייט האָבן זיך די דייטשן צוגעגרייט יידישע פּאַפּירן. אַ נס וואָס איך האָב געדיינקט דעם נאָמען פון פּאַרטיזאַנער שעף אין פּאַ. אַזוי אַרום בין איך באַפרייט געוואָרן פון חשד אַלס דייטש. דער שעף האָט מיך אָבער געוואָרנט איך זאָל אַנטלויפן, ווייל אַסך ליידן

איצט אומשולדיק. צו מאָרגנס בין איך אַרויסגעפאָרן פון פּאַ און אויפן וועג זיך אָנגעשלאָסן צו אַ גרופּע פּראַנצויזן, וועלכע האָבן זיך באַפרייט פון אַ לאַגער. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען קיין טאַראַסקאָן און מיר האָבן געגעבן באַקאַנט בײַ די פּאַרטיזאַנער מיליציע. עס זענען כסדר געקומען נײַע גרופּן פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן בײַנאַכט באַלד אויסגעפירט אַ עקזעקוציע איבער פאַרעטער.

צומאָרגנס, האָבן מיר באַקומען אַ מיליטערישן אויטאָ, וועלכער האָט אונדז צוריקגעפירט קיין ניס. זעענדיק אַז מײַן דירה איז פאַרנומען דורך אַנדערע אײַנוואוינער, האָב איך מיך געמעלדעט צו מײַן באַקאַנטן פּאַרטיזאַנער־שעף, וועלכער האָט גלײַך באַפוילן מיר איבערגעבן מײַן דירה. דער ייִד האָט שוין אַזוי אויך גענוג געליטן — האָט ער געזאָגט. דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט נאָך דער באַפרייאונג ווען איך בין געשלאָפן רואיק אין מײַן דירה.

5. אַ פּרעס אײַזן מיט בריליאַנטן

צומאָרגנס בין איך אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג, וואו מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן מיט דער פאַמיליע קרײַצמאַן. קומענדיק אין דער וואוינונג טרעף איך דער באַלעבאָסטעס אַן אייניקל, אַ ייִנגל פון אַ יאָר 16, וועלכער דערציילט מיר, אַז זײַן באָבע איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך אומבעקאַנטע. איך האָב אָנגעהויבן צוזאַמענקלויבן מײַנע זאַכן, וואָס זענען געבליבן נאָכן חורבן, און שטויס זיך אָן אויף צוויי פּרעס־אײַזנס, מײַנע און קרײַצמאַנס. איך האָב פּרובירט די פּרעס־אײַזנס בײַם עלעקטרישן קאָנטאַקט, און גענומען, זעלבסטפאַרשטענדלעך דעם פּרעס־אײַזן וואָס האָט געברענט. דעם צווייטן האָב איך איבערגעלאָזן אין דער דירה בײַם פּראַנצויז. אין אַ צײַט אַרום האָב איך שוין זײַענדיק אין פּאַריז אין מײַן פּאַריקער דירה, זיך דערוואוסט פון סימאָן ראַטבוים, אַז אין צווייטן פּרעס־אײַזן האָט קרײַצמאַן אַרויסגענומען דאָס אינעווייניקסטע און דאָרט אַרײַנגעלייגט בריליאַנטן. אַזוי איז ייִדיש האָב און גוטס פערלוירן געגאַנגען...

נאָך עד היום שטעלן מיר זיך פאָר די טרויעריקע בילדער פון דער צײַט אונטער דער דײַטשער אָקופּאַציע. אָבער פון אַלע איבערלעבונגען איז מיר אומפערגעסלעך געבליבן אי זכרון די סצענע ווי די דײַטשן האָבן אַרויסגעפירט די פאַמיליע קרײַצמאַן. פון מײַן באַהעלטעניש האָב איך געהערט די רואיקע פול מיט בטחון, שטימע פון גוטשע קרײַצמאַן, וועלכע האָט געבעטן בײַ די דײַטשן, אומפערגעסלעך געבליבן אין זכרון די סצענע ווי די דײַטשן האָבן אַרויסגעפירט די דײַטשע סאָלדאַטן: אָבער, זי ברויכן דאָך גאָרניכטס. קרײַצמאַן שרײַט אוממענטש־לעך, און גוטשע זאָגט צו אים: נו, שאַ, מען קאָן דאָך אויך פון דאָרטן צוריקקומען...

אַלע יאָר פאָר איך קיין ניס און גיי אַהין וואו מיר האָבן געוואוינט צוזאַמען. איך שטעל זיך אַוועק דאָרט אויף אַ פּאָר מינוט, ווי אויף קבר אבות, און זאָג קדיש צו זייער אָנדענק.

אישים ודמויות

קאצקער טיבן

אישים ודמויות

ר׳ יהונתן איבושיץ

ר׳ יהונתן איבושיץ היה בנו בכורו של ר׳ בונם איבושיץ, שגידלו מנעוריו לתורה ולמעשים טובים. בעודו צעיר התפרסם ר׳ יהונתן בידיעותיו המרובות בתורה, וקהילות רבות בפולין הזמינוהו לכסא הרבנות. אך הוא בחר לחיות באוירה של קוצק ולא רצה לעשות תורתו קרדום לחפור בו. ר׳ יהונתן עסק במסחר היערות והצליח בו מאד, ובביתו היו תורה וגדולה במקום אחד. ביתו בן שתי הקומות שברחוב השוק היה הגדול בעיר וכולו אומר כבוד.

ר׳ יהונתן שימש כתובת לכל הנצרכים בעיר. מי שבתו הגיעה לפרקה ואין לה נדוניה, פנה לר׳ יהונתן והוא הוציאו ממצוקתו; חולה שהיה זקוק לרפואה או למאכל מיוחד — ר׳ יהונתן היה מספק לו את הדרוש. ידו היתה פתוחה תמיד לעני ולדל. חנוונים רבים שניהלו את עסקיהם בעיר נעזרו ע״י ה„גמילות חסד״ שלו. ועם היות טרוד בעסקים, קבע גם עתים לתורה בכל יום.

בסוף ימיו לא עצר כוח להתפרנס מהמסחר, ובלית ברירה קיבל את כסא הרבנות בעיר לושיץ. בתחילת שנת 1900 נפטר בלושיץ ושם נקבר.

יהי זכרו ברוך!

ר׳ הרשל בר׳ גדליה — מורה הוראה בקוצק

בר־אוריין, שנתמזגו בו תורה וחכמה. היה עד לבואו של ר׳ יוסלה מורגנשטרן הפוסק והדיין היחידי בעיר. בכל סכסוך בין אדם לחברו, גם מחוץ לדיני תורה, היה שיפוטו נבון וחכם עד ששני הצדדים נתרצו תמיד וקיבלו את הדין. למרות שקידתו הרבה בלימוד התורה, יצא מדי יום ביומו לחוצות העיר כדי לשמוע על הנעשה בחיים היהודיים, הוא התעניין בכל פרט ובכל מאורע שאירע בעיר. אדם כי יחלה — היה ר׳ הרשל מבקרו, שואל בשלומו ומברכו בהחלמה מהירה. ואם היה זקוק לעזרה ידע להפנות למי שצריך ולארגן את העזרה הדרושה. בגלל הליכותיו אלו נתחבב על כל שכבות העם והכל אהבו אותו אהבת־אמת.

למרות אדיקותו ידע לדבר על לב המתנגד בלשון רכה ובמתינות. הוא חיפש תמיד את שביל הזהב בחיים, ובזה טמון היה סוד הצלחתו אצל כל השכבות.

יהי זכרו ברוך!

ר׳ בעריש מורה הוראה

ר׳ בעריש היה בעל קומה בינונית וזקן לבן יורד על פי מידותיו. על פניו היו נסוכים תמיד צער ושמחה בערבוביא — צער גלות השכינה ובת־צחוק של יהודי מאמין ובעל „בטחון״.

ר׳ בעריש היה מתפלל יום־יום בין „פני העיר״ בקיר המזרח ע״י ארון הקודש, אך לבו היה נתון ל„עמך״, לפשוטי־עם הנאבקים על פת־לחם. הוא היה להם ידיד־נפש בעת־צרה ומלמד אותם תורה בכל ימות השבוע, בין מנחה למעריב, פרק במשניות ומדי שבת בבוקר — חומש ורש״י לפני התפילה. ממנהגו זה לא שינה אף בימי שלג וקור או בגשמים שוטפים. כל שבת היה שלמה השמש דופק על תריס חלונו ומעוררו לקום ל„עבודת הבורא״. גם תלמידיו ושומעי לקחו, שאהבו את הסברותיו המתובלות במשלים ומדרשים, היו קמים ו„מתגברים כארי״ ורצים לבית המדרש הגדול לשמוע את ה„שיעור״. אף לומדים מופלגים היו נוהגים להטות אוזן לדברי תורתו, כי לר׳ בעריש היתה דרך מיוחדת בלימודו והכל היה נראה כתורה אחת, מסודרת ומקובצת.

אחרי קבלת־שבת היו המתפללים נגשים

לר׳ בעריש ומברכים אותו ב„שבת טובה״, ואף הוא היה מחזיר להם ברכה בפנים שוח־קות — ובמיוחד היה מסביר פניו לילדים הקטנים המתלווים אל הוריהם.

ביום פטירתו לבשה העיר קוצק אָבל ורבים חשו בו ביום לוארשה, ששם נפטר, אדם קדוש וצנוע, סמל האמונים ואהבת ישראל — יהי זכרו ברוך!

יהי זכרו ברוך!

איטשה ברוך גולדפינגר

היה בן־תורה ודעתו מקובלת על יהודי העיר. מן החסידים הנלהבים של הרבי מגור. היה בין קבוצת היהודים הנכבדים בעיר, כגון ר׳ יהונתן איבושיץ ובנימין גולדשטין. כל ימיו ישב על התורה והעבודה ועסק במעשים טובים ובצדקה. נפטר בשנת 1915.

יהי זכרו ברוך!

השו״ב אברהם שרפהריץ

ר׳ אברהם השו״ב היה יהודי תלמיד־חכם, קפדן ומחמיר, שעסק במקצוע השחיטה ובדיקה כל ימיו. בעניני שאלות טריפה וכשר היו מתגלעים ויכוחים בינו ובין הרבי ר׳ יוסלה. הרבי היה מקיל בשאלות קורקבן או מעיים של עוף — אך ר׳ אברהם השו״ב היה מחמיר ועומד על דעתו, והיה מוציא מן הא־רון עשרות ספרים כדי להוכיח את צדקתו. אולם כשם שהיה קפדן בתורה, כך היה רחמן, נדיב לב ומוכן לעזור לזולתו. הוא לא חס על כחותיו וזמנו ומכתת רגליו אצל העשירים כדי לקבל מהם נדבה לעניים. בחו־רים שרצו ללמוד תורה ולא היה להם ממה להתקיים — פרנסתם היתה עליו. כן כלכל את נכדי בנו שנהרג בסקרניביץ וכן בעניים אחרים.

מתוך לימוד עצמי קנה לו ר׳ אברהם שו״ב ידיעות מסויימות ברפואה. בתקופה ההיא לא היה רופא בקוצק ור׳ אברהם היה פוקד את החולים, מתעניין במצבם וידע לייעץ להם ברפואות. כשנודע לו על אדות איזו תרופה בראדזין או בווארשה היה נוסע לשם ומביאה לחולה. ר׳ אברהם לא חיכה כלל שיקראו לו לחולה, בעצמו היה בא אליו ומטפל בו במסירות ובנאמנות עד שרפא לו.

יהי זכרו ברוך!

יואל קרייצמאן

געוועז יאָרן־לאַנג דער ראש הקהילה, אַ דאַנק זיינע פעאיקייטן. אַ ייד מיט חכמה, האָט ער פאַרשטאַנען צו פירן אַ שיין ברייט הויז, וואו יעדער האָט געפונען זיין ווינקל.

יואל קרייצמאן איז געוועזן פון די גרעס־טע סוחרים אין שטאָט, געהאָלפן מענטשן מיט עצות, מיט אַ גמילות־חסד. אין שטאָט האָט מען זיך באַצויגן צו אים מיט דרך־ארץ. געשטאָרבן אין וואַרשע אין יאָר 1929.

יהי זכרו ברוך!

ישראל מענדל טאפעל

אַ ייד מיט אַן הדרת־פנים, האָט געפירט אַ גרויס סוחר׳יש הויז. זיין שטוב איז געוועזן אַ צוזאַמענטרעף־פונקט פון די חסידישע קרייזן אין שטאָט.

אַ מכניס־אורח אין פולן זין פון וואָרט: אַ הויז וואָס איז געוועזן אָפן פאַר אָרימע און קראַנקע. ביי אים אין שטוב איז אויך געוועזן אַ מקום תפילה ולימוד פון די גערער חסידים. געשטאָרבן אין קאָצק.

יהי זכרו ברוך!

משה דוד וויינבערג

איש משכיל, בעל מידות טובות, שמראהו החיצוני אמר כולו הדר, היה שנים רבות בין מנהיגי היהדות בקוצק. נמנה עם החברים היהודים הראשונים במועצת העיריה. נבחר כל השנים מחדש כנציג יהודי בהנהלת העיר ושימש גם זמן רב כיושב־ראש הקהילה היהודית בעיר. כלפי חוץ ייצג את האינט־רסים היהודים בגאווה וכבוד.

יהי זכרו ברוך!

יהושע פאליקס גראסמאַן

געוועזן אַ לאַנג־יעריקער מיטגליד אין ועד הקהילה און אַ פאַרשטייער אין מאַגיסט־ראַט. אַליין אַ בעל נכסים, האָט ער דאָך געפונען צייט פאַר געזעלשאַפטלעכע טעטי־קייט. אַ דאַנק זיינע פאַרבינדונגען מיט די מאַכט אָרגאַנען, האָט ער שטענדיק געטאָן טובות צו אַלע וואָס האָבן זיך געווענדעט צו אים.

זייענדיק פיל באַשעפטיקט, האָט ער דאָך קובע עתים געווען צו לערנען תורה.

געשטאָרבן אין זיינע מיטעלע יאָרן, אין יאָר 1922.

יהי זכרו ברוך!

ר׳ שלמה דוד ויסמן

געבוירן אין קאָמארובקע, אַ שטעטל אין ליטוויש פוילן. אַ ייד אַ בעל תורה. אויסגע־צייכנט זיך מיט גוטע מידות. אין זיין צייט, איז אין קאָצק ניט געווען קיין פאָלקס שולע פאַר יידישע קינדער, האָט ר׳ שלמה דוד געלערנט מיט זיי תורה און גמרא, און בעיקר רעכענען און שרייבן: יידיש, פויליש און רוסיש.

באַרימט אין שטעטל מיט זיין קאליגראַ־פישע האַנטשריפט. אויך דערוואָקסענע מענטשן האָבן גענאָסן פון זיינע ידיעות.

שטענדיק גרייט צו העלפן, סיי צו לערנען שרייבן און סיי מיט שרייבן אַ בריוו צו די קרובים נאָך אויסלאַנד. באַליבט אין גאַנצן שטעטל פאַר זיין זויבערקייט און צניעות.

געשטאָרבן אין קאָצק בשיבה טובה.

יהי זכרו ברוך!

אבי לייבל גרוסמן

יהודי תלמיד חכם ובעל מידות טובות. עסק ימים ולילות בתורה ומדרשים. כשהיתה מתעוררת פלוגתא בין תלמידי חכמים בעיר באיזו סוגיא בתלמוד ופוסקים היה אבי הפו־סק האחרון. אך הוא היה גם מעורב במילי דעלמא: כשהיה פורץ סכסוך כספי בין הסוחרים היה אבי הבורר היחידי וכולם סמכו עליו.


ליבל גרוסמן היה גבאי „חברא קדישא". השתייך לחסידי גור והיו יוצאי ונכנס אצל ה„שפת אמת" ז"ל. כל ימיו לא ידע שנאה וקנאה והיה דן כל אדם לכף זכות. במסחר שמר על יושר ואמת, ונתן צדקה לנצרכים.

את פרנסתו מצא בכבוד מטחנת הקמח שבבורקי (ע"י ראדזין). בשנת 1915 נשרפה הטחנה ואבי ירד מנכסו. הוא מכר אז את ביתו הגדול שברחוב השוק והתפרנס מחנות מכולת קטנה, אך אם עם זאת לא התרעם על גורלו וקיבל הכל באהבה. היה ממשיך ללמוד תורה בהשכמה, כמנהגו. יחד עם ר׳ בריש קורש ארגן את סניף „אגודת ישראל" בקוצק. בשנת 1942 נשלח לטרבלינקי עם הגירוש האחרון של יהודי קוצק ושם נספה.

יהי זכרו ברוך!

ג.

ר׳ ישראל-ברוך שולשטין



ר׳ ישראל־ברוך שולשטין היה יהודי נכבד, חסיד נלהב ומלהיב. הוא היה הרוח

חהיה בשטיבל דחסידי קוצק, שבו נתייחד לו מקום כבוד בכותל המזרחי. מסירותו לעניני החסידות והחסידים היתה רבה מאוד. הרבי מסוקולוב בבקוריו בקוצק היה מתאכסן בביתו. כן היה נוהג ר׳ ישראל־ברוך לארגן נסיעות לרבי בימים נוראים. ר׳ ישראל ברוך היה גם מחונן בלב רגש ובעל תפילה מצויין, תפילתו בשחרית דראש השנה היתה נלהבת ומשפיעה על המתפללים בלהטה. הוא ניחן בקול יפה והיה מנעים זמירות וניגונים חסי־דים על יד שולחנו של הרבי.

ר׳ ישראל־ברוך שהתפרנס ממסחר הת־בואה, היה לפרקים דחוק בפרנסה, אעפ״י כן שמר על משלוח ה„פדיון״ לרבי כמנהגו בימים שפרנסתו היתה בשפע.

שפּעטער — כמאַרעס שוואַרצע איבער אייראָפּע. אין פוילן וואַקסט דער אַנטי־סעמיטיזם; די באַרימטע לאָזונג פון גענעראַל סקלאדקאווסקי: בויקאָטירן מעג מען, שלאָגן נישט... פּיקעטן ביי די יידישע קראָמען און סטראַגאַנעס. דער אָנפירער אין קאָצק אַ געוויסער אושאַק, אַן אינהאַבער פון שפּייז געוועלב. די יידישע יוגנט שטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. די כוליגאַנעס באַקומען אַ מיאוסן פּסק און פון דאַן אָן ווערט שטיל אין שטעטל.

עס דערנענטערט זיך דאָס יאָר 1939. מלחמה שטימונג. אַ מהומה. מען באָמבאַרדירט דעם רבינ׳ס הויף. יענעם טאָג וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. מיר קלייבן צונויף די הרוגים, הענט און איברים באַזונדער, און ברענגען לקבר ישראל.

עס איז אָבער נאָר דער אָנפאַנג פון די צרות. 5 חברים גייען מיר אַוועק קיין בריסק. מען שטראָמט פון גאַנץ פוילן. איך קער מיך צוריק קיין קאָצק. געשלאָפן יענע נאַכט ביי מיין מייסטער ישראל רויטאפּעל (היינט אין ישראל). אַ גאַנצע נאַכט

אַרומגערעט די סיטואַציע — איך האָב אים איבערצייגט אַז מען דאַרף אַנטלויפן. צומאַרגנס פאַרלאָז איך מיין געבורטס־שטעטל קאָצק און קום קיין בריסק. עס זענען אַוועק פיל פון קאָצק — אָבער אַ גרויסער טייל האָט זיך אומגעקערט און ליידער פאַרניכטעט געוואָרן.

עס איז מיר שווער אַרויסצוברענגען אַלץ וואָס איך האָב איבערגעלעבט. פון קאָצק איז געבליבן נישט מער ווי אַ ביסל אַש. מיינע אויגן — ווי קוואַלן פון טרערן...

נחמה ארליך (תל־אביב)

מיין היים



געהאַט האָב איך אַ גוטע וואַרימע היים. דער טאַטע, אַ הויכער ברייט־פּלייציקער ייד מיט אַ לאַנגע ווייסע באָרד, די מאַמע אַ הויכע שוואַכע פרוי. געווען זענען אין שטוב ברידער, שוועסטער און אייניקלעך, פון וועלכע פיל האָב איך נישט געקענט.

מייט טאַטע האָט זיך פאַרנומען מיט אויסאַרבעטן אייל, ד. ה. אַן אָליאַרניע. געאַרבעט האָט מען מיט אַ קעראַט, וואו אַ פערד האָט זיך געדרייט אַ גאַנצן טאָג. די קינדער פלעגן זיך קריגן צווישן זיך, ווער וועט זיצן אויפן עק פון ברעט כדי צו קענען פאָרן אַרום און אַרום.

דער טאַטע איז געווען זייער פרום. ער פלעגט אָפּזיצן האַלבע נעכט און לערנען תורה. אין קאָצק האָט מען אים גערופן רב יוסף מאיר. דער טאַטע האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ דאָקטאָר און מען פלעגט רופן דעם פאָטער צו קראַנקע. ער פלעגט זיך פאַרנעמען מיט אָפּשרייבן „ראָזן" (שושנים), און סתם קוויטלעך. פלעגט נאָר קומען ראש־חודש אלול, אַזוי פלעגן אָנקומען מענטשן פון פאַרשיידענע שטעט צו מיין פאָטער ער זאָל שרייבן פאַר זיי קוויטלעך צו לייגן אויפן קבר פון רב מענדעלען. געטאָן האָט ער דאָס מיט גרויס ערפורכט און געגלויבט אַז דאָס איז אַ גרויסע מצוה.

אַמשטרייטנגסטן אָבער איז ביי אונדז אָפּגעהיטן געוואָרן דער יום־טוב פסח.

איך געדענק נאָך עד היום וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון ביי אונדז די וואָך פון ערב־פסח. די מצות האָבן געמוזט זיין פון ערשטן אויוון, ביי וועלכע דער טאַטע אַליין האָט געבראַכט דאָס וואַסער. ער פלעגט בייזיין ביז דעם ענדע באַקן און אַכטונג געבן, אַז אַלץ זאָל זיין בסדר.

איך אָוונט פון בדיקת חמץ פלעגט אונדז פשוט אַ שרעק באַפאַלן פון דער שטרענגער פּראָצעדור: דאָס צוטיילן די שטיקלאַך ברויט אין פאַרשיידענע ווינקע־לעך, און דאָס אויפזוכן מיט אַ שטיקל ליכט. אַלץ האָט געמוזט אויסגעפירט ווערן פּינטלעך.

ערב פסח. די שטוב איז אויפגעפוצט. געקאָכט, געבאַקן. די קינדער אין נייע שיך און נייע קאַפּאָטעס — אַלץ גלאַנצט. דער טאַטע קומט פון שול און מ׳זעצט זיך צום סדר. אַלץ פירט זיך לויט אַלע דינים און מנהגים. אַ סך מענטשן זענען געשטאַנען שפּעט ביי אונדזערע פענצטער און זיך צוגעהערט צו די סדר־געזאַנגען...

פון דעם אַלץ זענען נאָר געבליבן זכרונות, טרוימען. פאַרשוואונדן אויף אייביק...

שמחה מדנס (תל־אביב)

והיה כי ישאלך בנך

(לזכר הסבים והסבות שלא חזו בנכדם)

יבוא יום וילדך ישאל:
מהי התמונה?
התמונה עוזרת להסביר,
פעוטך לנצח יזכור.
התמונה מאפשרת להכיר
היכן המקור...

הזמן משכיח כאב
מרפא יסורים,
דמעות ודאבון לב.
בינתיים חולפים הימים
ואינך שם לב
שכאן שרשים עמוקים —
ושם הסבתא והסב
בנכר בין הרגבים.

היתה קוצק פעם
והיא כבר איננה.
היה סב אברהם
ועיניו אותו לא תראינה.
ונכדו רמי־רם
בתמימותו ישאל — למה ?

לעתים נהייתי נבוך
משאלת הבן.
מדוע אני חנוך —
על שם הסבא הזקן ?
היודע מחמדנו תובל
בהיר־השער ותכול העינים
שסבו לחנק הובל
לאור השמש ותכלת השמים ?

אתה החמוד והחסון
סבך היה טוב וישר.
בהיותו עגלון,
נפח, נגר או סנדלר
היה ירא שמים ונבון.

הנכם נכדי המעונים.
זכיתם להיות מאושרים
ושמרו בלבבכם הגחלת.
זכרו סבים וסבות בשמי התכלת,
כאשר אצבעכם על התמונה תחליק.
חייהם ומותם לא היו לריק!

ר' יעקב יצחק בלומנפלד ז"ל

(קוים לדמותו)



אבי ז"ל היה תלמיד חכם מלא וגדוש ידיעות בתורה ופוסקים, ואת ידיעותיו הרבות השתדל להקנות לתלמידיו, אך לא רק לימודי תורה ודת הרביץ להם — הוא השתדל גם להנחות את תלמידיו בדרכו, דרך אדם נוח לבריות, טוב־לב, הרואה בעין יפה כל אדם, ללא הבדל מוצא והתעסקות. ואכן רבים מתלמידיו סיפרו לי, שעד היום מורגשת אצלם השפעתו זו בדרך חייהם.

בהיותו יהודי אדוק, קשה היה לבניו לעזוב את דפוסי החיים החסידיים ולהת־נהג כיהודים מתקדמים, כרצון רוב בני הנוער הקוצקאי. הוא התנגד בתוקף לדר־כם החדשה ואף הציק להם, אך מסירותו האבהית העדינה שימשה להם פיצוי לכך.

ואף שנפרדו דרכינו בעניינים אלה, לא היה אבי ז"ל מטיל מורא בבני־ביתו, כמנהג יהודים אדוקים בעיירות פולין. יחסו של אבי ז"ל לילדיו דומה היה ליחס האבות לבניהם כאן בארץ. תמיד שררו בינינו יחסים לבביים וחפשיים.

יחידה נשארתי מכל בניו ובני בניו הרבים, ויחד עם תלמידיו, שנפוצו בכל קצווי תבל, אזכרהו באהבה ובהערצה.

יצחק גלבך, הפרטיזן הגיבור מקוצק

יצחק גלבך, או בכינויו המוזר „יצחק נותן התורה", הפך בעיני הקוצקאים ששרדו בחיים לכעין דמות אגדתית. צעיר יהודי, ראש קבוצת פארטיזנים, לוחם יחידי ללא־חת מול עשרות ומאות נאצים ופאשיסטים, הדוהר תמיד על סוסו בדרך לא־דרך כדי להציל יהודים נרדפים ולנקום את נקמתם.

יצחק גלבך, עלם שחום־פנים ורזה, נולד בעיר קוצק להוריו דוד ואסתר, שמצאו את פרנסתם בצמצום ובדוחק בכפרים הסמוכים לקוצק. כשסיים יצחק את ביה"ס העממי התחיל לעבוד כחשמלאי בטחנת החשמל של האחים זאקאליק בקוצק. איש לא שם לב לבחור המטפס על עמודי החשמל ומזרים אור לבתי קוצק והסביבה.

כשפרצה המלחמה היה יצחק גלבך צעיר כבן 18, שאיש לא התעניין בגורלו. אך בסערת הימים ההם, כשהשמדת היהודים הגיעה לשיאה וקוצק והעיירות הסמו־כות נתרוקנו מיהודים — נתפרסם שמו של הצעיר האלמוני בין כל אלה שהסתתרו בבונקרים וביערות. השמועה נתפשטה שיצחק נודד ביערות ובדרכים בסביבות קוצק כשהוא מזויין בנשק אוטומאטי וברימונים. נודד היה יצחק גלבך מכפר לכפר ומחפש את היהודים במחבואים ובבונקרים, כדי להגיש להם עזרה.

יצחק גלבך הטיל אימה על האכרים ותושבי הכפרים הפולנים בסביבות קוצק. פולני שהעז להלשין בפני הגרמנים על יהודי עובר־אורח, ידע שקיצו קרב. וכך נורה ונהרג על ידו לאור היום פולני שהסגיר את אחותי אסתר בלימה לידי הס.ס. וביתו ורכושו עלו באש. יצחק בישר לנו את הגאולה ואת סופו של היטלר.

מאימת הפרש היהודי הגיבור היו האכרים הפולנים נותנים מזון ליהודים מעונים ונרדפים. אף בעיניהם היתה דמותו של יצחק אגדתית, ובראותם אותו רוכב על סוסו היו מתחבאים ונעלמים כדי לא להיפגש אתו פנים אל פנים. גם הסיירים הגרמנים נמנעו מלהיפגש אתו, שכן הרבה להפיל מהם חללים. יצחק ארגן חבורות פרטיזנים יהודים ורוסים והיה עובר בראשו לאור היום בדרכי קוצק—לובלין ללא פחד ומורא.

רצה הגורל האכזר והמר שדווקא שבוע ימים לפני שחרור קוצק פגע כדור תועה בידו השמאלית. יצחק לא שם לב לפצע הקל, אך חבריו האיצו בו שירפא את ידו. רופא פולני מעיר אדאמאוו „טיפל" בו, אך במקום לרפאו הרעיל הרופא האנטי־שמי את דמו ובייסורים קשים הוציא את נשמתו. יצחק שניצל מפגזים ומרגמות נפל טרף בידי רופא זקן ושפל.

באותם הימים נהרגו גם שני בחורי קוצק — ישראל משה רוזנבלט ונתן רימרז' — שלחמו כפארטיזנים במשך 20 חדשים. שלושת הפרטיזאנים היהודים מקוצק מצאו את מותם בשבוע האחרון לפני השחרור ונקברו בשדות סמוך לקוצק השדודה והחרבה.

ישמשו שורות אלו גלעד לזכרם במקום מצבה על קברם. חרותים יהיו לנצח על לוח לבנו. יהי זכרם ברוך!

ג. ג.

יעקב ארזי (חיפה)

לזכרם

מאז הגיע היום הנורא
לב כל יהודי נמלא פחד ומורא.

כחיות הם הרגו ללא רחם
תינוק, עולל גם אם.

פה ושם נשמעו יריות
ואמהות נשארו שכולות.

ופתאום נשמעה זעקה נוראה
זעקה מפי אם שכולה.

הם נטבחו לאלפים, למאות
ככבשים תמימים לשיני אריות.

הוי האדמה רווית הדמים
דמם של נשים עוללים וגברים.

כיצד תבלעי כל זאת בדממה?
איך לא תבושי להעלים הזועה?

ואז למראה הסבל והיסורים
קמו הצעירים בלבבות סוערים.

בחרון, ברמה, בלהט־נקם
להגן על כולם ולנקום על הדם.

מעטים מול רבים
הם נלחמו בגרמנים.

מקל מול תותח
רובה מול אקדח.

אל נשכח את הזועה שנעשתה
וכן לא הגבורה שנתגלתה.

נעלה את זכרם של הקדושים והגבורים —
לזכרון עד לכל הימים!

יעקב ארזי בן 11½ כיתה ו׳ ב׳,
בית ספר לאו באֶק, חיפה
נכדו של יעקב יצחק בלומנפלד.

הקוצקאים בארץ ובתפוצות
קאצקער אין ישראל
און אין אויסלאנד

הקוצקאים בארץ

ה„עלייה הראשונה" מקוצק, רישומיה ידועים היו בעיר. היו מספרים על ר' דוב'צה שעלה ארצה לפני 100 שני סוהשתקע בירושלים עם כל משפחתו (בתו הנשואה לר' יוסקה רוזנבלט סוחר הבדים נשארה בקוצק). כן היתה ידועה בעיר עלייתו של ר' יצחק רפופורט, נכד ר' מנדלה מקוצק, לפני 60 שנה, שהיה גם „משולח" לאחר־מכן ואסף כספים לעזרת היישוב בארץ.

אך בתקופתנו אנו היה הראשון שפתח בעליית יהודי קוצק לישראל יעקב הרץ שעלה ארצה בשנת 1920 אחרי עבודה פוריה ומסורה בשדה הציונות והחינוך העברי. בבואו ארצה גר בסימטאות יפו, עבד בעבודות בניין והיה באותו זמן חבר ה„אופירה הישראלית" שבהנהלתו של גולינקין, ואף שימש כגזברה תקופת־מה. המוסיקאים בארץ ניבאו לו עתיד מזהיר. הוא למד בקונסרבטוריום האיטלקי במילאנו, גמר את לימודיו והשתקע בתל־אביב. באותו זמן עלה ארצה גם אברהם נחתומי ממייסדי תיאטרון ה„אהל" ושחקניו הקבועים. הוא גם מחבר הספר „בצל הדורות" שהופיע בעברית ובאידיש. כעבור שנה עלה ארצה יעקב טופל ומשפחתו למרות מוצאו מבית עשירים, וויתר על כל עזרה מצדם וכל שניו עבד בעבודות בניין. נפטר בשנת 1957.

משנת 1931 התחיל לזרום גל גדול של עולים מקוצק שבאו מהכשרות ומת־נועות החלוציות, ביניהם: יושה שולשטין (סלע), מתתיהו גרוסמן, פנחס קרייצמן, דב טשרני, נטע בומפלד, אברהם ורבקה רוזנבלום, שמעון מרחבקה, וולוול וועלצ'ער, נעמי קריצמן, חנה מונצרז', נחמה ארליך, ישעיה הורביץ, מיכאל רק, אהרן בן־יוסף, יהונתן גולדפינגר, יחזקאל גולדפרב (עכשיו בקבוץ תל־יוסף), גרוניה מרגלית, צבי מדנס, אסתר בלומענפעלד (ארזי), משה פרידמאן, פסח איזנמאן, מנוחה קרייצמאן.

עם פרוץ המלחמה העולמית הגיעו ארצה: שמחה קריצמן, אברהם סרטני, משה גז'בין, מרים צוביק, נטע קופרשלג, שמחה מדנס, ועם גמר המלחמה בשנת 1946 העפילו ארצה: יעקב קסלברנר, גדליה גרוסמן, יעקב גז'בין, שמעון רובאצ'ק, שמעון זיגלמן, שרה ומניה זיגלמן, אריה גולדמן, יעקב ארליך ובנותיו לאה ומלכה, רחל וינשטין, יוכבד איילפישר, רוטאפל ישראל, משה ובנימין גרינהיים, המשפחות רז'ז'ניקביץ (יוסל וחנה) ומשפחת זיסקינד ונדרמן (במושב בית־יהושע), האחים פלדמן מנדל ואלתר (בכפר יונה), משפחת רייזר , רבקה טופל (בעכו), זילברשטין מוליה (ברמלה), לייביש קורצאנד (בכפר יבנה), משה קלינמן (רמלה), קלינמן משה ואשתו חוה (בתל־אביב), פסח זאקאליק, רוזנבלאט יצחק, שילדקרוט

ישראל, רכטמן יצחק, וירובניק טוביה, שלפכובסקי מנדל (כפר יהושע), שוכמאכר ישראל, וישניה שלמה ואריה (בקיבוץ שמרת), איזנמן דוב (כפר מנחם), גולפרב גיטל (רמת־רחל), רבקה גולדפינגר ועוד. כיום נמצאים בארץ קרוב ל־500 נפש מיוצאי קוצק, חלקם בקיבוצים ובמושבות ורובם בתל־אביב ובחיפה. כולם אנשי עמל, העובדים בשדה ובבניין ובפקידות ונותנים את חלקם בהפרחת מדינת ישראל.

ג. ג.

קאצקער אין ישראל

די „ערשטע עלייה" פון קאָצק האָט איבערגעלאָזן אַ רושם אין שטעטל. מען פלעגט דערציילן וועגן ר' דוווטשע וואָס איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל נאָך פאַר 100 יאָר און זיך באַזעצט אין ירושלים מיט זיין גאַנצער משפחה (זיין טאָכטער, ר' יאסקע ראזענבלאַטס דעם מאנופאַקטור־סוחר'ס ווייב, איז געבליבן אין קאָצק). אַזוי איז אויך באַקאַנט געווען די עלייה פון ר'יצחק ראַפּאַפּאָרט, ר' מענדעלע קאָצקער'ס אַן אייניקל, וועלכער איז נאָכער געווען אַ „משולח" און געקליבן הילף פאַר ארץ־ישראל'דיקע יידן.

אָבער אין אונדזער צייט האָט דער ערשטער געעפנט די עלייה פון קאָצקער יידן יעקב הערץ וואָס איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1920 נאָך אַן איבער־געגעבענע און פרוכטפולע אַרבעט אויפן געביט פון ציוניזם און העברעאישע דערציאונג. קומענדיק אין לאַנד האָט ער צוערשט געוואוינט אין יפו'ער געסלעך, געאַרבעט ביי בוי־אַרבעט און איז גלייכצייטיק אַ מיטגליד אין דער „ארץ־ישראל־דיקע אָפּערע", אונטער דער אָנפירערשאַפט פון גאלינקין, און איז אַ געוויסע צייט געווען איר קאַסירער. די מוזיקאַלישע קרייזן האָבן אים פאָראויסגעזאָגט אַ גלענצענדע מוזיקאַלישע צוקונפט. ער האָט שטודירט אין אַן איטאַליענישן קאָנסערוואַטאָריום, געענדיקט דאָרט און זיך באַזעצט אין תל־אביב. צו יענער צייט איז אויך געקומען אין ארץ־ישראל אברהם נחתומי, איינער פון די גרינדער פון אַרבעטער־טעאַטער „האהל" און פון זיינע שטענדיקע אַרטיסטן. ער איז אויך דער פאַרפאַסער פון בוך „בצל הדורות" (דערשינען אויך אין יידיש). אין אַ יאָר אַרום איז געקומען אויך יעקב טאפּל מיט זיין פאַמיליע. נישט קוקנדיק וואָס ער האָט געשטאַמט פון אַ רייכן הויז, האָט ער מוותר געווען אויף יעדער הילף פון איר זייט און געאַרבעט זיין גאַנץ לעבן ביי בוי־אַרבעט. געשטאָרבן — 1957.

אין יאָר 1924 האָט אָנגעהויבן שטראָמען אַ גרויסע כוואַליע פון קאָצקער עולים, וועלכע זענען געקומען פון „הכשרות" און חלוצישע באַוועגונגען, צווישן

זיי: יאשע שולשטיין (סלע), מתתיהו גראסמאן, פנחס קריצמאן, דוב טשארני, נטע בימפעלד, אברהם ורבקה ראזענבלום, שמעון מארכעווקא, וולוול ווערטשער, נעמי קריצמאן, חנה מאנטשארזש, נחמה ארליך, ישעיה הורביץ, מיכאל רק, אהרן בן־יוסף, יהונתן גאָלדפינגער, יחזקאל גאלדפארב (תל־יוסף), גרוניה מרגלית, צבי מאדאנעס און אַנדערע.



שולחן הנשיאות באזכרה לקדושי קוצק ע״י ארגון עולי קוצק בישראל בהשתתפות האורח יוסף פרידמן מצרפת.
אַ אזכרה־אָוונט צום אָנדענק פון די קדושים פון קאָצק אין ישראל, מיט דער באַטייליקונג פון יוסף פרידמן (פראַנקרייך)

מיטן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה קומען אָן אין ארץ־ישראל: שמחה קריצמאן, אסתר ארזי, מנוחה קריצמאן אברהם סרטני, משה פרידמאן, משה גזשעביען, מרים צובעק, נטע קופערשלאג, שמחה מאדאנעס. ביים ענדע קריג, אין יאָר 1946, זענען געקומען אומלעגאַלע אַלס „מעפילים״, יעקב קעסעלברענער, גדליהו גראסמאן, יעקב גזשעביען שמעון רובאטשעק, שרה און מאניע זיגעלמאן, אריה גאלדמאן, יעקב ארליך און זיינע טעכטער לאה און מלכה, רחל וויינשטיין, איילפישר יוכבד, ישראל רוטאפל, משה און בנימין גרינהיים, די פאַמיליעס רזשעזשניקאוויטש יאסל און חנה, די פאַמיליע וונדרמן זיסקינד (בית יהושע) די ברידער מנדל, אלתר און גרשון פעלדמאן, די פאַמיליע רייזער (עכו), מוליע זילבערשטיין (רמלה) קורצבאנד לייביש (כפר יבנה), קליינמאן משה (רמלה),

קלייננמאַן משה און זיין פרוי חוה (תל־אביב), פסח זאקאליק, יצחק ראזענבלאט, ישראל שילדקראש, יצחק רעכטמאן, טוביה ויראבניק, מנדל שלעפאכאווסקי (כפר יהושע), ישראל שוכמאַכער, שלמה און אריה ווישניא (קבוץ שמרת), דב און פסח אייזנמאן (קבוץ כפר מנחם), גיטל גאלדפארב (רמת־רחל) און נאָך אַנדערע.

אין ישראל לעבן יעצט קרוב ביי 500 נפשות וואָס שטאַמען פון קאָצק, אַ טייל אין קיבוצים און דערפער, די מערהייט אָבער אין תל־אביב און חיפה. אַלע לעבן פון אַרבעט, אין פעלד, ביים ווערקשטאַט און אַלס אָנגעשטעלטע, און נעמען אָנטייל אין אויפבוי און אויפבלי פון מדינת ישראל.

אירגון יוצאי קוצק בישראל

עם קבלת הידיעה הראשונה על שרידי יהודי קוצק שנשארו בחיים ממכתבו של יעקב ארליך ביום 22.10.44, אשר פורסם בעתונות הישראלית, שבו הוא מוסר כי מהקהילה היהודית בקוצק נשארו בודדים בלבד — התכנסו יוצאי קוצק בישראל לאסיפה דחופה ביום 3.3.45 בביתו של דוד רק. באסיפה זו נמסרה אינפורמציה על ידיעות שנתקבלו על שרידי היהודים בקוצק וכמו כן קריאתם לעזרה. בכנס זה הוחלט על הקמת ארגון ובחרו בועד שבו נכנסו בומפלד נטע, וולציר זאב, מיכאלי



כנס יוצאי קוצק בישראל — אַ צוזאַמענטרעף פון קאָצקער אין ישראל.

משה, קריצמן פנחס, רק דוד, כמו כן נאסף בין הנוכחים סכום כסף להושיט את העזרה הראשונה המבוקשת ונשלחו חבילות מזון ובגדים. באותו מעמד הוחלט לפנות ליוצאי קוצק בתפוצות כדי לשתף אותם בעזרה הדרושה. מאותו זמן שימש הארגון כתובת לאלה שעלו ארצה אחרי השואה. ועד הארגון ערך פגישות קבועות שבהן דן בבעיות ארגון וקיים קשר מתמיד עם יוצאי קוצק הנמצאים בחו״ל.

כנס־אזכרה ראשון לקדושי קוצק התקיים בשנת 1951 בתל־אביב, שבו השתתפו כל יוצאי קוצק בישראל ובתוכם שרידי היהודים בקוצק שבמשך הזמן עלו ארצה. יו״ר הועד מר נטע בומפלד ז״ל הספיד את הקדושים. גרוסמן גדליהו וגולדמן אריה ספרו על השואה והמאבק של יהודי קוצק בתקופת השואה ובמחתרת, כיצד עשרות צעירים יהודים מקוצק ללא תקוה וסיכוי לא נכנעו להיטלר, יצאו ליערות קוצק המפורסמים, סבלו, לחמו והפילו קרבנות בצוררי היהודים. בכנס זה הוחלט על הקמת „קופת גמ״ח״ והתרמת חברים. כן הועלה רעיון להנצחת קדושי קוצק על ידי הוצאת ספר זכרון שבו יבוא לידי ביטוי חיי יהודי קוצק בעבר, לבטיהם ומאבקם בתקופות שונות וכמו כן בתקופת השואה. הוחלט להוציא חוזר לכל יוצאי עירנו בארץ ובחו״ל להמצאת חומר לספר קוצק. כן נבחר ועד חדש לאירגון יוצאי קוצק והם: בומפלד נטע, גרוסמן גדליהו, זיגלמן שרה, לאק אהרן, פרידמן משה, קריצמן שמחה, רק דוד. כנהוג מתכנסים יוצאי קוצק בישראל מדי שנה בשנה לכנס אזכרה ביום ט״ז שבט, שהוא תאריך חיסול הקהילה היהודית בקוצק.

קאצקער לאנדסמאנשאפט („ארגון יוצאי קוצק״) אין ישראל

גלוך ווי עס איז דערהאַלטן געוואָרן די ערשטע ידיעה וועגן די איבערגעבליבענע קאָצקער יידן דורך יעקב ערליכ׳ס בריוו (פון 22.10.44), וועלכער איז פאַרעפענט־לעכט געוואָרן אין דער ישראל׳דיקער פּרעסע, וואו ער מעלדעט אַז פון דער קאָצקער יידישער קהילה זענען געבליבן נאָר איינצעלנע — האָבן די געוועזענע קאָצקער יידן אין ישראל איינגעאָרדנט אַן עקסטרע פאַרזאַמלונג אין הויז פון דוד ראַק. אויף דער פאַרזאַמלונג איז איבערגעגעבן געוואָרן אַן אינפאָרמאַציע וועגן די איבערגע־בליבענע יידן אין קאָצק און אויך וועגן זייער ווענדונג צו הילף. גלייכצייטיק איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַן „ארגון יוצאי קוצק״ און אַ קאָמיטעט, צו וועלכן עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן: בומפלד נטע, וועלטשער זאב, מיכאלי משה, קרייצמאַן פנחס, ראַק דוד. צווישן די אָנוועזנדע האָט מען צוזאַמענגעקליבן אַ סומע געלד פאַר די ערשטע הילף און אויך פעקלעך שפייז און בגדים. עס איז אויך באַשלאָסן געוואָרן צו ווענדן זיך צו אַלע געוועזענע קאָצקער אין אַלע לענדער

מיט אַ הילפסרוף פאַר די איבערגעבליבענע יידן אין קאָצק.

פון דאַן דינט דער „ארגון" אַן אַדרעס פאַר די נייע עולים וועלכע זענען געקומען אין לאַנד נאָך דער מלחמה. דער קאָמיטעט אָרדנט איין באַשטימטע צוזאַמענטרעפן וואו מען באַהאַנדלט די פּראָבלעמען פון ארגון, און עס ווערט אָפּגעהאַלטן אַ שטענדיקער קאָנטאַקט מיט אַלע געוועזענע קאָצקער אין אויסלאַנד.

דער ערשטער אזכרה־צוזאַמענטרעף לזכר קדושי קוצק איז פאָרגעקומען אין 1951 אין תל־אביב, אין וועלכן עס האָבן אָנטייל גענומען אַלע געוועזענע קאָצקער און אויך די נייע אָנגעקומענע. דער פאָרזיצענדער, נטע בלומפעלד ז"ל, האָט מספּיד געווען די אומגעקומענע, גראַסמאַן גדליה און גאלדמאַן אריה האָבן דערציילט וועגן דעם אומקום פון קאָצקער יידן און זייער קאַמף אין אונטערגרונט. זיי צענדליקער יידישע בחורים פון קאָצק, אָן האָפנונג און צוקונפט, האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן היטלערן, און זענען אַרויס אין די באַרימטע קאָצקער וועלדער, געקעמפט און זיך נוקם געווען אין שונא.

אויף דעם צוזאַמענטרעף איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ גמילות חסדים קאַסע און חברים באַשטייערונגען. עס איז דאַן אויך באַשטימט געוואָרן צו פאַר־אייביקן די קאָצקער קהילה דורך אַ ספר־זיכרון, אין וועלכן עס זאָלן קומען צום אויסדרוק דאָס לעבן פון קאָצקער יידן אַמאָל, זייער ראַנגלענישן און קאַמפן אין פאַרשידענע עפּאָכעס און דער עיקר אין דער צייט פון דער מלחמה. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצושיקן אַ בריוו צו אַלע געוועזענע קאָצקער אין ישראל און חוץ־לארץ, זיי זאָלן צושיקן מאַטעריאַל צום בוך. גלייכצייטיק איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייער ועד פון דער קאָצקער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל: בומפעלד נטע, גראַסמאַן גדליהו, זיגעלמאַן שרה, לאק אהרן, פרידמאַן משה, קרייצמאַן שמחה, ראָק דוד.

געוועגלעך קומען זיך צונויף אַלע געוועזענע קאָצקער אין ישראל צו אַ יערלעכן אזכרה־אָוונט אין ט"ז שבט, וואָס איז די דאַטע פון דער ליקווידאַציע פון דער יידישער קהילה אין קאָצק.

קאצקער אין ארגענטינע

שוין כמעט 50 יאָר ווי דער ערשטער קאָצקער ייד האָט זיך פאַראַנקערט ביי די ברעגן פון בוענאָס־איירעס. געווען איז דאָס אין 1908, ווען לייזער מאדאנעס ע"ה האָט זיך אונטערגענומען אַזאַ געוואַגטן שריט — זיך אַרויסלאָזן אין אַזאַ ווייטן וועג. אָנקומענדיק אין אַרגענטינע האָט ער געהאַט גרויסע שוועריקייטן, דאָך האָט ער זיך איינגעבירגערט און אין פאַרלויף פון יאָרן געשאַפן די אייגענע פירמע מאדאנעס. צוגלייך מיט דער עקאָנאָמישער טעטיקייט האָט ער

זיך אויך אָפּגעגעבן מיט העלפן די קרובים און זיי אַריבערפירן קיין אַרגענטינע. לייזער מאדאנעס איז געוואָרן דער אַדרעס פון קאָצקער. די פריש געקומענע וועאָדן זיך צו אים — און קיינמאָל ווערן זיי נישט אַנטוישט. צו די איבערגעבליבענע פון דער לעצטער מלחמה, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ גאַר מענטשלעכע, כמעט פּאַטערלעכע באַציאונג.

אין 1913 הויבן זיך אָן באַווייזן נאָך קאָצקער אין אַרגענטינע: ירחמיאל זאַקאַליק, מענדל חיים סטרינעס, משה מאדאנעס, שלמה ווייסגראַס א. אַ. (דער עלטסטער קאָצקער אין אַרגענטינע איז היינט צו טאָג — ירחמיאל זאַקאַליק).



אַן אזכרה פאַר די קדושי׳ם פון קאָצק אין בוענאָס־איירעס (ארגענטינע)
טכס אזכרה לקדושי קוצק בבואנוס־אירס (אַרגענטינה).

די ערשטע וועלט מלחמה (1914) רייסט איבער דעם שטראָם. מיט דער באַפרייאונג פון פּוילן (1920), ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די האָפענונג אַז פּוילן וועט זיך באַצען הומאַניש צו דער יידישער מינדערהייט, איז נאָר אַן אילוזיע — קומען איינצעלנע קאָצקער אין אַרגענטינע (אַ טייל האָט דאַן עמיגרירט קיין צפון אַמעריקע אָדער עולה געווען נאָך א״י). ירחמיאל בנימין גראַבאַרזש, גאָלדשטיין באַמיט זיך צו יענער צייט לינדערן דיליידן פון די

אַנגעקומענע עמיגראַנטן דורך וואָרט און טאַט, און פרווווט שאַפן אַ געזעלשאַפט־לעכע סביבה; לייזער מאדאנעס ברייגט אַראָפּ נייע משפחה מיטגלידער: שפּרינצע מאדאנעס, אריה גאלדפינגער, שפּעטער מענדל גאלדפינגער, מענדל מאדאנעס — יינגע בחורים מיט ווייניק דערפאַרונג אין לעבן, וועלכע ווערן איינגעשלונגען אין אַרגענטינער גרויס־שטעטישקייט.

פון 1927 קומט אָן אין אַרגענטינע אַ נייער עלעמענט מענטשן מיט אַ געזעלשאַפטלעכן באַגאַזש, מיט אַ דעפינירטן קוק אויפן לעבן: יעקב טאָפּעל — וועלכער האָט בייגעשטייערט ביים קריסטאַליזירן אַ מאָדערן געזעלשאַפטלעך לעבן



גילוי לוח־זיכרון לקדושי קוצק בארגנטינה — אַנטהילונג פון דעם אָנדענק־טאָוול נאָך דער דערמאָרדעטער קאָצקער קהילה.

אין קאָצק, שיע ערליך — טעטיק פון יונגווייז אָן אין דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע, שאַפט גלייך מיט די ערשטע זאָרגן פאַר פרנסה אַ גייסטיק־געזעלשאַפטלעכע סביבה. ער וווינט אין אַ געגנט („מאטאדעראס") וואו עס קאָנצענטרירן זיך רעליגיעז־געשטימטע יידן, גלידערט זיך איין אין זייער סביבה און פאַרוואַנדלט שפּעטער די סביבה אין אַ מאָדערן־יידישע מיט אַלע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס (מגבית, קק"ל א. אַ. וו.). 1930 קומען אָן משה בליטמאַן, דוד סעמיאַטיצקי.

1935 — יעקב בליטמאַן. 1936 — אברהם מאדאנעס. 1938 — חאצקל שטערן, שפעטער — חנה בליטמאַן, הערשל בליטמאַן. אין 1931 קומט אָן נטע טאפעל, וועלכער פאַרבלייבט נישט אין בוענאס־איירעס און פאַרקלייבט זיך אין אַ ווייטע פראָווינץ („קאַריענטעס") און איז דאָרט זייער טעטיק אין נאַציאָנאַל־ציוניסטישן לעבן (צוזאַמען מיט זיין שוועסטער אסתר טאפעל).

די צווייטע וועלט מלחמה רייסט איבער דעם שטראָם פון קאָצקער אין אַרגענטינע, נאָר אין 1948 געלינגט עס לייזער מאדאנעסן אַריבערצובריינגען שרה ראַט, וועלכע ווערט פון אים פאָטערלעך באַהאַנדלט; ס'קומען אויך: יצחק העלפנ־בוים מיט פרוי און קינד און צום סוף — גוטשע טאפעל.

דער פאַרשידענער עלטער פון די עמיגראַנטן, זייער פאַרשידענער לעבן, צוגאַנג, דאָס צעוואָרפנקייט איבער ווייטע שטאָט־קוואַרטאַלן — האָבן נישט געשאַפן די נויטיקע באַדינגונגען צו אַ געמיינזאַמען צוזאַמענלעבן. מיטן רוף פון די חברים און לאַנדסלייט פון קאָצק אין ישראל אַרויסגעבן דעם יזכור־בוך — האָט זיך די לאַגע געענדערט צום גוטן. דער ערשטער קול קורא האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג און פאַרפרעמדעטע אַ ביסל האָבן זיך דערנענטערט. אַקטיוו אין דער דאָזיקער אַקציע זענען געווען: מינדל גאָלדפינגער, מעדל גאָלדפינגער, חאצקל שטערן, שיע ערליך, פאַמיליע בליטמאַן א. אַ.

ס'האָט אויפגעוואַכט דאָס פינטעלע קאָצק — אַ סענטימענט וואָס איז געווען באַהאַלטן אין אונטערבאַוואוסטזיין. צוזאַמען מיט דער בוך־אַקציע האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ טאָפל ביי דער מצבה פון לייזער מאדאנעס אין דאַנקבאַרקייט פאַר זיין האַרציקער באַציאונג צו אַלע קאָצקער.

י. בליטמאַן (בוענאָס־איירעס)

שמחה ראַטבוים (פראַנקרייך)

קאצקער אין פראנקרייך

וואוין־רעכט און אַרבעטס־רעכט

אָנקומענדיק אין 1926 אין פראַנקרייך האָב איך דאָרט געטראָפן ווייניק קאָצקער. אברהם וועלניאַזש ע"ה, שמואל גדליה וואַרשניטער (אומגעקומען אין קריג) און ישראל מענדל און זיין איידעם. אין אַלגעמיין האָבן די קאָצקער פיל גע־ליטן די ערשטע צייט, ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ פּאָזיציע אין לעבן. ביי מיין אָנקומען זענען זיי שוין געווען „אויף אַ וועג". ישראל מענדלס איידעם איז געווען אַ

אייגענטימער פון אַ טאַקסי, שמואל וואַרשניטער — אַן אייגענטימער פון אַ געוועלב, אברהם וועלניאַזש האָט זיך נאָך געראַנגלט אויף זיין פּרנסה.

איך אַליין האָב דאַן נאָך נישט געהאַט קיין פאַך. האָט מען מיך געראַטן גיין אין סינדיקאַט און זיך פאַרשרייבן אַלס פּרעסער. אויף מיין טענה, אַז איך האָב ביז קיין אַנונג פון דער אַרבעט — האָט מען מיך אויסגעלאַכט: אַלע טוען אַזוי; מען וואַרפט זיי אַרויס אַמאָל, ביז זיי לערנען זיך אויס דעם פאַך... אַזוי איז דאָס טאַקע געווען און דורך פאַרשיידענע טריקן, מיט גרויסע צרות, האָב איך זיך אויסגעלערנט די אַרבעט. אָבער אויסער אַרבעט—איז נאָך געווען אַ פראַגע פון פּאַפּירן. נישט יעדער האָט זוכה געווען צו באַקומען פּאַפּירן מיט רעכט אויף אַרבעט. ערשטנס האָט מען געדאַרפט האָבן אַ פּאַס מיט אַ וויזע, — און דאָס האָבן טאַקע זייער ווייניק פון אונדז געהאַט. נישט האָבנדיק קיין פּאַס, האָב איך זיך געפּיי־ניקט דריי יאָר, איידער איך האָב באַקומען וואוין־רעכט — און נאָכער ערשט האָט זיך אָנגעהויבן די פּרשה אַרבעטס־רעכט. אַזעלכע „טוריסטן" ווי מיר האָבן באַקומען אַ שטעמפּל אויף דער קאַרט ד'אידענטיטע „וואוינרעכט אָן אַרבעטס־רעכט" — וואָס האָט באַדייט, אויב די הונגערסט, מעגסטו נאָגן דעם פינגער...

די קאָצקער לאַנדסמאַנשאַפט („סאָסיעטע")

ווען מענדל ישראל משה'ס זון איז געשטאָרבן (זיינע שוועסטער האָבן אים געבראַכט אַ קראַנקן אויף צוקער פון וואַרשע) — האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וואו ברענגט מען אים צו קבורה? אין פּאַריז איז נישט פאַראַן אַ באַזונדער יידישער בית־עולם; נאָר אַן אַלייע טיילט אָפּ די קריסטליכע פון די יידישע מצבות. דערצו קאָסט אַ קבר אַ סך געלט. מיט גרויס מי האָבן די ווייניקע קאָצקער עמיגראַנטן געקויפט ביי אַ סאָסיעטע (אַ חברה) אַ שטח פאַר אַן אַלגע־מיינעם קבר. דורך דעם עפּיזאָד האָט זיך דערוועקט דער געדאַנק וועגן גרינדן אַ קאָצקער לאַנדסמאַנשאַפט.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די גרויסע שׂריפה אין קאָצק און 300 פאַמיליעס זענען געבליבן אָן אַ דאַך — האָבן אינדזערע לאַנדסלייט געשיקט קיין קאָצק 15 טויזנט פראַנק, וואָס איז געווען זייער אַ גרויסע סומע.

באַלד נאָכדעם האָט זיך געגרינדעט אינדזער קאָצקער „סאָסיעטע". וועלכע האָט געפירט אַ געוויסע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעט. ערשט עטלעכע יאָר שפּעטער האָבן מיר זיך פאַראייניקט מיט דער זשעלעכאָווער געזעלשאַפט, און זייט דאַמאָלס טראָגן מיר דעם נאָמען „קאָצק־זשעלעכאָווער סאָסיעטע".

אין דער צייט פון דער מלחמה

די קאָצקער לאַנדסמאַנשאַפט האָט פיל געליטן פון דער צייט פון דער

צווייטער וועלט־מלחמה — פיל זענען געפאַלן אַלס דעפּאָרטירטע אין די טויט לאַגערן. איך, צום ביישפּיל, בין געבליבן נאָר מיט מיין ניכטע פון דער גאַנצער משפחה; אַנדערע זענען געבליבן גאַנץ אַליין, כמעט קיינעם איז ניט געלונגען צו ראַטעווען זיין משפחה.

איך בין פאַרהאַלטן געוואָרן דעם 25־טן סעפּטעמבער 1941, און אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַן אַרבעטס־לאַגער (מיט יידן פון דייטשלאַנד, עסטרייך און פוילן) אין דעם אַזוי גערופענעם „פרייען פראַנקרייך" פון אונבאַזעצטן געביט. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין האַקן שטיינער, שניידן ביימער אין וואַלד, ברענען קוילן, און אַרבעטן ביי שאָסייען — און ביי דעם אַלעמען הונגערן... דער לאַגער האָט געציילט 200 יידן און דער קאָמענדאַנט, אַ געשמדטער ייד פון עלזאַס, וואָס איז געווען אַ סך ערגער פון אַ גוי אין באַציאונג צו אונדז. נאָך 18 חודשים אָפּמאַטערנדיק זיך אין לאַגער איז מיר געלונגען צו אַנטלויפן קיין ני ס. דאָרטן האָבן מיך די איטאַליענער אינטערנירט און אָפּגעשיקט אין די בערג ביי דער איטאַליע־נישער גרענעץ מיט נאָך 700 יידן, מענער, פרויען און קינדער. ווען מוסאָליני איז געפאַלן האָט זיך דאָס איטאַליענישע מיליטער צוריקגעצויגן פון פראַנקרייך און אונדז מיטגענומען מיט זיך. אויפן 5־טן טאָג זענען אַריין אין שטעטל דייטשן און האָבן צוגענומען 400 יידן, פון וועלכע נאָר צוויי זענען צוריקגעקומען לעבעדיק. די וואָס האָבן געקאָנט האָבן זיך געראַטעוועט אין די בערג. נאַקעט און באָרוועס אין שניי פון אַנדערטהאַלבן מעטער די הויך אין די חודשים סעפּטעמבער־יאַנואַר זענען מיר געווען אין די בערג. דאַן בין איך אַוועק קיין רוים, און דאָרט געהאַט פרישע צרות ביז דער באַפרייאונג. אין משך פון דער צייט האָב איך פאַרלוירן 40 ק"ג פון מיין געוויכט, די האָר און די ציין. מיטן אָנקומען פון דער יידישער בריגאַדע האָב מיר אָנגעהויבן גיין אַ ביסל בעסער. איך האָב געאַרבעט אין דער העברעאישער מיליטערישער צייטונג „לחייל". צו יענער צייט האָב איך דערקענט ליפּצעס און נפתליס זין אַלס מיליטער לייט.

אין 1945 האָב איך זיך צוריקגעקערט אין פראַנקרייך. פון מיין גאַנצער פאַמיליע האָב איך שוין קיינעם ניט געטראָפן, אויך פון אונדזערע לאַנדסלייט זענען ליידער נישט פיל געבליבן.

קול קורא של הקוצקאים בצרפת

חשובער לאַנדסמאַן און פריינט,

ווי עס איז אייך שוין באַקאַנט האָבן אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל, וואָס זענען איבער הונדערט מענטשן (די גרעסטע גרופּע לעבנגעבליבענע קאָצקער אין דער וועלט) אונטערגענומען אַן אַקציע פאַר אַרויסגעבן אַן יזכור־בוך פון קאָצק.

מיר די גרופּע קאָצקער אין פּאַריז זענען אין ענגן קאָנטאַקט מיט אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל און מיר האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַקציע פֿאַר דעם יזכור־בוך. לײַדער זענען מיר אַ קליינע צאָל אין פּאַריז, און טאַקע צוליב דעם קען קיין איינציקער אָפּשטאַמיקער פֿון קאָצק נישט בלײַבן שטיין אין דער זײַט פֿון דער דאָזיקער אַקציע. װעלכער פֿון אונדז, װאָס דערמאָנט זיך זײַן יוגנט אין קאָצק, פֿילט נישט קיין װײטאָג אין האַרצן, װיסנדיק, אַז דאָס אַלץ איז חרוב געװאָרן אויף אייביק!

מיר, די גרופּע קאָצקער אין פּאַריז, זענען אין ענגן קאָנטאַקט מיט אונדזערע לעצטער רינג פֿון דער גאָלדענער קייט.

עס ליגט אויף אונדז דער חוב צו פֿאַראייביקן דעם אָנדענק פֿון קאָצק, בכדי, אַז די צוקונפֿטיקע דורות זאָלן װיסן, װאָס עס איז געװען דאָס לעבן אין קאָצק און איר טראַגישער אונטערגאַנג.

מיט פֿרײַנטלעכע גרוסן פֿאַר דער איניציאַטיװ־קאָמיסיע פֿון די קאָצקער לאַנדסלייט אין פּאַריז.

ברוך פּיערניק



יוצאי קוצק בצרפת — קאָצקער לאַנדסלײַט אין פֿראַנקרײַך.

קוצק בימינו

(מרשמי עתונאי פולני)

כביש וארשה—לובלין מתעקל הצידה בזוית ישרה. בפינה עומד בית אדום גדול־מידות. המולת פיהם של מאות ילדים מעידה כמאה עדים — כאן בית ספר. אנו בקוצק. יום שוק. קומץ ביצים, גבינה, שמנת, ערימת כובעים. „יריד" דל — כאן פודלשיה, חורשות קרחות וחולות.

האכסניה העממית „מגישה" עד הצהרים תה. מכאן ואילך — משקאות חריפים יותר. בקירבתה צצו ועלו חנות לפירות, בית־תה, ואפילו — בית קפה. כשביקשתי בו „משהו חם" גרמתי שם למבוכה. אחרי מועצת ייצור קטנה בין בעלת בית הקפה ואשה אחרת הוגש לי לאחר 20 רגעים מין מוהל שכזה, שדומה היה דווקא לתה.

בחדר הראשון, שבו אני יושב, נמצא מזנון עם כמה אצטבאות עשויות לוחות לא מהוקצעים ועליהם 2 צנצנות חרדל וכמה שקיות עם סוכריות. על הדלפק — ככר לחם ונתח קותל חזיר. מעט מאד דרוש למסחר, הזמנות האכרים הן פשוטות וכמעט שיגרתיות. רבע קילו קותל חזיר (10 זלוטי) וככר לחם. הקונים נכנסים לחדר השני בזה אחר זה, ונועלים אחריהם את הדלת בקפדנות. אך לשוא הזהירות. מדי רגע מופיע מישהו כשהוא מתנדנד על רגלים כושלות ולא בטוחות.

— צריך להתחמם — לוחש לי ישיש אחד הסולד מה„תה" שלי. ואכן, ניכר שהוא לא שתה תה...

לאושרנו אין תמונה זו משקפת את חיי יום־יום בקוצק. יש עבודה בפ. ג. ר. א׳ פ. או. מ. ב„כותנה הפולנית" ובכמה חנויות ומשרדים. יש גם קצת חוסר עבודה, ובעיקר — שיעמום בק"ג ובטונות האופף את העיירה בת 3000 תושבים.

זר כי יבוא— מהווה כאן מאורע. כל מכתב ממרחקים — סנסציה. על „אותו" מכתב סיפרו לי כבר כמה אנשים. מניין להם? אין זה מענייני. המכתב היה מרחוק — מתל־אביב. כותב שמחה מדנס בשם ועד עולי קוצק בישראל. מכינים ספר על קוצק, זו שמלפני המלחמה ושל המרטירולוגיה היהודית בזמן הכיבוש. מבקשים תמונות, תעודות.

ב„אנציקלופדיה המצוירת החדשה" של ארצט, שהופיעה ב־1939 בערך „קוצק" מוסבר לאמור:

„העיר יושבת על נהר וויעפש, מחוז לובלין, 24 ק"מ מתחנת הרכבת (קשיוודה): 4462 תושבים; ארמון מהמאה ה־18; נפל בה מות גבורים הפולקוב־ניק ברק יוסלביץ (גלעד)".

בנעורי קראתי ספר של וואלרי פשיבורובסקי „ברק על יד קוצק". נחרתה בי אז דמותו המשופמת וכובעו הגבוה של ברק יוסלביץ, מפקד בצבא פולין. לא

פעם חזרתי בדמיוני לדמות זו. בזמן התקוממות גיטו וארשה ואח״כ בחזית, כשהחובש של הגדוד, זילברט, העיב באומץ לבו כמה וכמה „אולאנים״. כמה פצועים נשא על כתפיו בסערת הכדורים והפצצות? לא מעט זילברטים בגדוד היו, כמובן, בריות קטנוניות, כמו בכל מקום.

בברק יוסלביץ נזכרתי בסתו המוקדם של שנת 1947, כאשר באתי בפעם הראשונה לקוצק. ראש העיר דאז לא נתן לי לצאת מאפיטרופסותו, עד אשר היה בטוח שהבינותי אותו כהלכה. ומעשה שהיה כך היה: בשנים 8—1927 נוסד „ועד אזרחי לבניית בית־ספר עממי ומקצועי לזכר הפולקובניק ברק יוסלביץ בקוצק״. התכוונו לגמור את בניינו במלאת 120 שנה למותו. הועד היה גדול, מכובד, אנדקו־סאנציה, ריכז בתוכו אצילים וקצינים, וגם יועצים עירונים יהודים מקוצק, עסקני תרבות. הבי״ס צריך היה לקום מתרומות. אותו בי״ס שבכניסה לעיירה, אותו בית אדום, השלד שלו הוקם עוד לפני המלחמה. בזמן הכיבוש נפסק הבניין. מייד לאחר המלחמה החליטו עסקנים אחדים לסיים את הבנייה. השלטונות — בפולניה העממית — לא ראו בעין יפה את איסוף התרומות לצורך זה, אך גם לא אישרו את ההוצאות הדרושות לכך.

— ובכן, מה עלינו לעשות? — ראש העיר החזיק בדש בגדי בסיירנו בבנין הלא גמור. לאחר מכן הראה לי את הדרך לביאלובז׳ג, שבקילומטר השני בה עומדת מצבת זכרון במקום שבו טמונות עצמות הפולקובניק.

באותו אחר־הצהריים פסעתי בדרך החול למצבת הזכרון, ובצל העצים קראתי את החוברת על ברק, שכתב אחד מחברי הועד האזרחי מלפני המלחמה, מנהל ביה״ס לעתונאות ד״ר ארנסט לונינסקי.

תקופת חלוקת פולין. בקרטינגן, בעיירה ליטאית השייכת לאציל רודזקיביץ גדל הנער ברק. מלחמות נערים בחרבות־עץ, משרת באכסניה, סרסור אצל מַסַלסקי. נסיעות בחוץ לארץ. פריז. ברוסל.

התקוממות קושציושקו. שעת המיבחן.

באפריל 1794 — כותב לונינסקי — נרשם בלשכת המפקד לעיר ווארשה, שבני עדת משה, ברק יוסלביץ ויוסף אהרונוביץ, הודיעו על נכונותם של אחדים מבני אמונתם להגן על ארץ המולדת.

כעבור חצי שנה מופיעה „בעתון הרשמי״ הודעת קושציושקו על היערכותו של גדוד יהודי בהנהגת ברק ובעקבותיה — קול קורא של ברק לבני עדתו.

ההגנה על וארשה בפני התקפת סובורוב, אח״כ נע ונד על פני גליציה. בית הסוהר. ובסוף — השתתפות ממושכת, בקור וברעב, במסע נפוליאון. נחלקו הדעות לגבי מסע זה — ויש הרואים אותם כולו שלילה — אך דומברובסקי, וויביצקי, גודבסקי ויוסלביץ האמינו בתום־לב, שפעולתם במרחקים, באפנינים ובסן־דומינגו, בספרד ובגרמניה תקרב את יום גאולת פולין ממדכאיה.

ברק, חייל בצבא קושציושקו, נלחם בטוסקאניה, נוטל חלק במסע הרעב למילנו, איטליה, אוסטריה, פרוסיה, אוסטרליץ, קרבות ללא סוף. בהגיעו לסרוקומלה מודיע לו הסייר, שחיל הפרשים האוסטרי חונה על יד קוצק על נהר וויפש, וברק קופץ על סוסו בכוון לשם.

בן־כמה טדק כיום? אולי כבר התחתן? אז, ב־1947 היה בן 14—13. „כאזרח קוצקאי" הרגיש מחובתו למלא תפקיד של מורה דרך. כשהגענו לשוק, הראה לי סימטה קטנה.

— היודע אדוני, כאן היתה לפנים אכסניה. כאן נפל הפולקובניק המהולל ברק יוסלביץ. פולני טוב היה, אם כי יהודי.

הצטחקתי. מקורית היתה הגדרתו של טדזיק, ויותר קולעת מאשר נימוקים מחוכמים, הנשמעים „לפעמים" בשנה כך וכך ליסוד ממשלה סוציאליסטית בפולניה. לדאבוננו... לפעמים תכופות. אולי משום כך נזכרתי בדמותו של ברק, מפקד גדוד צבא פולין, אביר הצלב „וירטוטי מיליטארי"?

✶

היה זה ב־5 במאי 1809. ברק יוסלביץ דהר מסרוקמלה לקוצק, שבה חנו הגדודים האוסטריים. הלם בהם תוך התקדמותו, פיזר לכל עבר את פרשי האויב, שאריתם נסו לצד הגשר.

אחד הקצינים האוסטריים הודיע על כך למפקדה וברגע האחרון נחסם הגשר בפני הפולנים. הסוסים הזדקפו והעלו קצף. מחלקתו של ברק נסוגה לשוק, אך הגדודים האוסטרים כיתרוהו מעברים. ברק נקלע בסערת הקרב לחצר האכסניה. חיש מהר נסגר השער על בריח והוא נפל במלכודת. לוינסקי מתאר את הקטע האחרון של חייו בחוברת הנ"ל כך:

„מכותר מכל צד הכה על ימין ועל שמאל, לא נשמע לקריאה לרדת מהסוס ולהיכנע. זמן רב ארכה התגרותו עם המוות, עד ששם לו קץ פרש אוסטרי שהלם ברומח בראשו. ברק צנח מהאוכף ונפח נשמתו מתחת לפרסות הסוס".

✶

זה כאן. במלאות 100 שנה למותו הקים בעל אחוזה בקוצק האציל ז'ולטובסקי גלעד זה: „פה נטמן ברק יוסלביץ, נולד 1760, מת 1809".

✶

ועכשיו בימינו. בית הספר סואן, הומה. מזכרת עד. אלא... ששמו של ברק אינו מתנוסס עליו.

למה?

עונה מזכיר מ. ר. נ. מפני שקבעו מספרים לבתי"ס ולא שמות.

ייתכן. הכל הוכנס לסכימות, למספרים. אולם הרי בני בווארשה לומד בבי"ס ע"ש ירוסלאוו דומברובסקי? הכיצד?

טוען יו״ר המ. ר .ב.:

— יודע אתה, כבר חשבתי על כך. היה פעם רחוב על שם ברק יוסלביץ. גם בי״ס היה צריך לקום על שמו. עכשיו, מלבד האבן אין כלום. אך הרי קוצק מפורס־מת בגלל עובדה היסטורית זו ולא רק בפולין. הוא מראה על המעטפת הכחולה־אדו־מה של „אותו״ מכתב.

— ואולי איזה טיפש עלול היה לראות בעין רעה כתובת „ע״ש ברק יוסלביץ״ על בית הספר.

✶

שוחחתי עם אנשים רבים בקוצק — לפני עשר שנים ועכשיו. דברנו על ברק. כיצד נפל בקוצק, על יהודים פרולטריים שגרו כאן והתענו במצוקה כשכנים הקתולים.

„אנטישמיות? אולי בווארשה. אצלנו — לא. אולי פה ושם... טוב תעשו אם תקראו את שמו של ברק על ביה״ס.

✶

התכוונתי לשיחה מעניינת עם שכני הנעים. אספר לו מה ראיתי ושמעתי בקוצק.

— אַחֶרֶת — ענתה לי אשתי — לפני שלושה ימים נסעו לישראל. בכו...

ווי זעט אויס קאָצק היינט?

(איינדרוקן פון אַ פוילישן זשורנאַליסט)

דער שאָסיי וואַרשע־לובלין פאַרקערעוועט זיך שאַרף אין אַ זייט. אין ווינקל שטייט אַ רויט הויז, ברייט און גרויס. אַ גערויש און געפילדער פון הונדערטער קינדער זאָגען עדות גלייך — דאָ איז אַ שולע. מיר זענען אין קאָצק. אַ מאַרק טאָג, אַ פּאָר אייער, אַ שטיקל קעז, סמעטענע, אַ פּעקל היטלען. אַן אָרימער „יריד״ — דאָ איז פּאָדלאַשיע, אויסגעקראָכענע ווערלדלעך און זאַמדן.

די פּאָלקס־קרעטשמע „דערלאַנגט״ טיי נאָר ביז מיטאָג. שפּעטער — שאַרפערע געטראַנקען. נעבן זיך זענען אויסגעוואַקסן אַן אויבס־קראָם, אַ טיי־הויז און אַפילו אַ קאַוויאַרניע. ווען איך האָב געבעטן דאָרט „עפּעס וואַרעמעס״, זענען זיי דאָרט געוואָרן גאַנץ אומרואיק. נאָך אַ קורצער פּראָדוציר־באַראַטונג צווישן דער באַלעבאָסטע פון קאַוויאַרניע און עפּעס נאָך אַ פרוי האָט מען מיר דערלאַנגט נאָך 20 מינוט עפּעס אַזאַ מין געמישעכץ, וואָס האָט דווקא אויסגעזען ווי טיי.

אין ערשטן צימער, וואו איך זיץ, געפינט זיך אַ בופעט מיט אַ פּאָר פּאַליצעס פון נישט געהעבלעוועטע ברעטער און אויף זיי 2 סלאיקלעך מיט זענעף און אַ

פאָר פּאַפּירלעך מיט צוקערקעס. אויפן טאָמבאַנק — אַ לעבל ברויט און אַ שטיקל געריכערטער חזיר. דער מסחר פאַרלאַנגט דאָ זייער ווייניק, די הצטרכותן פון די פויערים זענען פשוטע און כמעט שאַבלאָנע. אַ פערטל קילאָ חזיר (10 זלאָטיס) און אַ לעבל ברויט. די קונדן גייען אַריין אין צווייטן צימער איינער נאָכן אַנדערן, און שליסן צו די טיר זאָרגפעלטיק. ס'איז אָבער אומזיסט זייער פאָרזיכטיקייט — אַ ליאַדע מינוט דערשיינט פון דאָרט עמעצער וואָס שטייט קוים אויף זיינע פיס...

— מען דאַרף זיך אַ ביסל אָנוואַרעמען — שעפּטשעט צו מיר אַן אַלטיטשקער, וואָס קוקט מיט פאַראַכטונג אויף מיין „טיי". מען פילט טאַקי גלייך, אַז ער האָט קיין טיי נישט געטרונקען...

צום גליק שפּיגלט נישט אָפּ דאָס בילד דעם טאָג־טעגלעכן לעבן אין קאָצק, עס איז פאַראַן אַרבעט אין פּ. ג. ר. אָדער אין פּ. או. מ. אין די „פּוילישע בוימוואָל" און אין עטלעכע געשעפטן און אַמטן. אמת, ס'איז אויך דאָ אַביסל אַרבעטסלאָזיקייט, און דער עיקר — לאַנגווייליקייט, אין קילאָס און אין טאָגען, וואָס דריקט אויפן שטעטעלע מיט אירע 3000 איינוואוינער.

קומט אַ פרעמדער אין שטעטל, איז עס אַ געשעעניש. אַ בריוו פון דערווייטן — אַ סענסאַציע. וועגן „יענעם" בריוו האָבן מיר שוין דערציילט עטלעכע מענטשן. פון וואַנען ווייסן זיי? דער בריוו איז פון ווייט, אַזש פון תל־אביב. שרייבט דאָרט מאדאנעס אין נאָמען פון „ועד עולי קוצק בישראל". מען גרייט צו אַ בוך וועגן קאָצק, פון דער פאַר מלחמה'דיקער און פון דער יידישער מאַרטי־רעלאָגיע אין צייט פון דער אָקופּאַציע.

אין דער „בייער אילוסטרירטער ענציקלאָפּעדיע" פון אַרצט, וואָס איז דערשינען אין 1939, ווערט דערקלערט „קאָצק" אָט אַזוי:

„די שטאָט ליגט ביים טייך וויעפּש, לובלינער פאָוויאַט, 24 קילאָמעטער פון אַ באַן סטאַציע (קשיוודע); 4462 איינוואוינער; אַ פּאַלאַץ פון 18־טן יאָר־הונדערט; דער פּולקאָווניק בערעק יאָסעלעוויטש איז דאָרט געפאַלן ווי אַ העלד (אַן אָנדיינקונגס שטיין).

אין מיין יוגנט האָב איך געלייענט אַ בוך פון וואַלערי פּשיבאַראָווסקי „בערעק ביי קאָצק". דאָס בילד פון בערעק יאָסעלעוויטש מיטן הויכן היטל און גרויסע וואָנסע איז מיר געבליבן אין זכרון ביז היינט. נישט איינמאָל איז מיר דאָס בילד געקומען אין געדאַנק: ביים וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד און נאָכער, אויפן פראָנט, ווען דער סאַניטאַר פון פּולק, זילבערט, האָט איבערגעשטיגן מיט זיין העלדנמוט אַ סך „אולאַנער". וויפל פאַרוואונדעטע האָט ער געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס אונטער אַ רעגן פון קוילן און באָמבעס? אמת, נישט ווייניק זילבערטס אין פּאָלק זענען געווען קליינליכע נפשות, ווי עס טרעפט אומעטום, ביי אַלע מענטשן.

אין בערעק יאָסעלעוויטשן האָב איך זיך דערמאָנט בשעת אַ געוויסן הערבסט, ווען איך בין געקומען דאָס ערשטע מאָל אין קאָצק. דער בורמיסטש האָט מיר דאַן נישט אָפגעלאָזן, ביז ער איז געווען זיכער אַז איך פאַרשטיי ריכטיק דעם עניין. די מעשה איז אַזוי: אין 8—1927 האָט זיך געגרינדעט אין קאָצק „אַ בירגערליכער קאָמיטעט צום גרינדן אַ פאָלקס־שולע און אַ פאַך־שולע אויפן נאָמען פון פולקאָווניק בערעק יאָסעלעוויטש". געוואָלט האָט מען ענדיקן דעם בנין צום הונדערט צוואַנציקסטן יאָרצייט פון בערעק יאָסעלעוויטש. דער קאָמיטעט איז געווען אַ גרויסער, אימפּאָזאַנטער, ענדעקא־סאַנאַציע, כראַביעס און אָפיצירן, אויך יידישע לאַווניקעס פון קאָצק און קולטור־טוער. די שולעס האָבן געזאָלט געבויט ווערן פון נדבות. יענס רויט הויז ביים אַריינפאָר אין שטעטל, די נישט פאַרענדיקטע געביידע, שטאַמט טאַקע פון דעם קאָמיטעט. אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע האָט מען איבערגעריסן דאָס בויען. באַלד נאָך דער מלחמה האָבן עטלעכע עסקנים אין קאָצק באַשלאָסן פאַרענדיקן דעם בנין. דער רעגירונג — אין דעם דעמאָקראַטישן פוילן — איז נישט געפעלן געוואָרן דאָס קלייבן נדבות אויף דעם צוועק, זי האָט אָבער נישט באַשטעטיקט די הוצאות.

— אַלזאָ וואָס טוט מען? — דער בורמיסטש האַלט מיך ביים קנעפּל פון מאַרינאַרקע בשעת מיר באַזוכן אין דער נישט פאַרענדיקטער געביידע. נאָכער ווייזט ער מיר דעם וועג קיין ביאַלאבזשעג, וואו אויפן צווייטן קילאָמעטער שטייט אַן אָנדיינקונגס מצבה אויפן אָרט וואו מען האָט באַגראָבן דעם פולקאָווניק.

אין זעלבן נאָכמיטאָג האָב איך געשפּרייזט אין זאַמדיקן וועג צו דער מצבה, און אין שאָטן פון די בוימער געלייגנט אַ בראָשור וועגן בערעקן, וואָס האָט אָנגעשריבן איינער פון דעם בירגערליכן קאָמיטעט פון פאַר דער מלחמה, ד"ר ערנסט לונינסקי, דירעקטאָר פון דער זשורנאַליסטן־שולע.

די עפּאָכע פון פוילנ'ס צעטיילונג. אין קרעטשינגען, אַ ליטוויש שטעטל וואָס געהערט צום כראַביע רודזקעוויטש וואַקסט אַ אינגל, בערעק. קינדערשע געפעכטן מיט הילצערנע שווערדלעך, אַ משרת אין אַן אכסניה, אַ מעקלער ביי מאסאלסקין. רייזעס איך אויסלאַנד. פּאַריז. בריסעל.

קאָשטשיושקעס אויפשטאַנד. אַ שעה פון אויספּרווו.

אין אַפּריל 1794 — שרייבט לונינסקי — ווערט פאַרצייכנט ביים וואַרשעווער קאָמענדאַנט, אַז בערעק יאסעלעוויטש און יוסף אהרונאוויטש, „פון משה'ס גלויבן", האָבן געמאָלדן וועגן דער גרייטשאַפט פון אַ טייל פון זייער רעליגיע אָנהייגער צו פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד.

אין אַ האַלב יאָר אַרום ווערט פאַרעפענטלעכט אין דער „אָפיציעלער צייטונג" קאָשטשיושקעס מעלדונג וועגן שאַפן אַ יידישן פּולק אונטער דער אָנפירונג

פון בערעק יאסעלעוויטש — און גלייכצייטיק אַ „קול קורא" פון בערעק צו זיין געמיינדע.

בערעק באַטייליקט זיך אין דער פאַרטיידיגונג פון וואַרשע קעגן סוואראווס אַטאַקע, נאָכער וואָגלט ער איבער גאַליציע. טורמע יאָרן. צום סוף — מיטגעמאַכט נאַפּאָלעאָנס מאַרשן, אין קעלט און הונגער. פאַראַן אַ מחלוקת וועגן דעם מאַרש — אַ טייל זענען אים כולו חייב — אָבער דאָמבראַווסקי, וויביצקי, גודעווסקי און יאסעלעוויטש האָבן געגלויבט בתמימות, אַז זייער טעטיקייט אין דער ווייט, אין די אַפּענינען און סאַן־דאָמינגא, אין שפּאַניען און דייטשלאַנד וועט דערנענטערן די גאולה פון פוילן פון אירע דערדריקער.

בערעק, אַ סאָלדאַט אין קאשטשיושקעס אַרמיי, קעמפט אין טאסקאניע, נעמט אָנטייל אין הונגער־מאַרש קיין מילאַן, איטאַליען, עסטרייך, פּרייסן, אסטערליץ — מלחמות אָן אַ סוף. קומענדיק אין סעראקאמלע מעלדעט אים דער אויסשפּירער, אַז די עסטרייכישע קאַוואַלעריע געפינט זיך ביי קאָצק, נעבן טייך וויעפּש און בערעק שפּרינגט אַרויף אויף זיין פערד אין יענער ריכטונג.

ווי אַלט איז היינט טאַדעק? אפשר האָט ער שוין חתונה געהאַט? דאַן אין 1947 איז ער געווען אַ יינגל פון 14—13 יאָר. אַלס אַ „קאָצקער בירגער" האָט ער געפילט זיין פליכט מיר דינען ווי אַ וועג־ווייזער. ווען מיר זענען צוגעקומען צום מאַרק, ווייזט ער מיר אַ קליין געסל.

— אָט דאָ, — זאָגט ער — איז אַמאָל געווען אַ אכסניה. דאָ איז געפאַלן דער באַרימטער פולקאָווניק בערעק יאסעלעוויטש. אַ גוטער פּאָליאַק געווען, טראָצדעם וואָס ער איז געווען אַ ייד.

איך האָב געשמייכלט. טאַדזשיקס דעפיניציע איז געווען אָריגינעלער, און צוטרעפנדער ווי אַ סך געקליגטע אַרגומענטן, וואָס מען הערט נישט איינמאָל אין יאָר אַזוי פיל זייט דעם אַנטשטיין פון אַ סאָציאַליסטישער רעגירונג אין פוילן. ליידער הערט מער דאָס צו אָפּט...אפשר דערפאַר האָב איך זיך דערמאָנט אין בערעקס געשטאַלט, אין דעם קאָמענדאַנט פון דער פוילישער אַרמיי, דעם ריטער פון קרייץ „ווירטוטי מיליטאַרי"?

***

געווען איז דאָס דעם 5־טן מאַי 1809. בערעק יאסעלעוויטש האָט גאַלאָפּירט פון סעראקאמלע קיין קאָצק, וואו עס האָבן גערוט די עסטרייכישע פולקן. ער האָט צעקלאַפּט און צעטריבן דעם פיינדס קאַוואַלעריע, אַ טייל זענען אַנטלאָפן אין ריכטונג פון בריק.

איינער פן די עסטרייכישע אָפיצירן האָט געמאָלדן וועגן דעם אין דער

עסטרייכישער קאָמענדאַטור און אין דער לעצטער מינוט איז דער בריק בלאָקירט געוואָרן פאַר די פּוילישע סאָלדאַטן. פערד האָבן זיך אויפגעשטעלט אויף זייערע הינטערשטע פיס, ווייסע שוים אויף זייער לייבער. בערעקס אָפטיילונג האָט זיך צוריקגעצויגן אין מאַרק. אָבער די עסטרייכישע פּולקן האָבן אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. אין געווירבל פון קאַמף איז בערעק פּלוצעם אַריין אין הויף פון דער אכסניה. שנעל ווערט פאַרריגלט דער טויער און בערעק איז אַריינגעפאַלן אין פּאַסטקע. לונינסקי שילדערט דעם לעצטן פראַגמענט פון בערעקס לעבן אָט אַזוי:

„אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן האָט ער געשניטן אויף רעכטס און אויף לינקס, נישט געוואָלט הערן וועגן אונטערגעבן זיך און אַראָפּגיין פון פערד. אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך געריצט מיט׳ן טויט ביז אַ עסטרייכישער רייטער האָט אים מיטן שפּיז געטראָפן אין קאָפּ. בערעק האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זאָטל און אויסגעהויכט זיין אָטעם אונטער דעם פערדס פּאָדקאָווע״.

דאָ איז עס. 100 יאָר נאָך בערעקס טויט האָט דער כראַביע זשולטאַווסקי, באַלעבאָס פון אַ גוט ביי קאָצק, אויפגעשטעלט די מצבה: „דאָ ליגט בערעק יאסעלעוויטש, געבוירן 1760, געשטאָרבן 1809״.

**
*

און היינט רוישט די שולע און שפּרודלט. אַן אָנדיינקונג צו בערעקן. נאָר דער נאָמען פון בערעקן זעט זיך עפּעס ניט אויף דער געביידע...

פאַרוואָס?

ענטפערט דער סעקרעטאַר פון מ. ר. נ. — „ווייל אַלע שולען האָבן היינט צאָלן, נישט קיין נעמען״.

מעגליך. אַלץ איז היינט סכעמאַטיש, צאָלן, ציפערן. אָבער מיין זון לערנט דאָך אין וואַרשע אין אַ שול אויפן נאָמען פון יאראסלאַוו דאמבראָווסקי? ס׳טייטש? טענה׳ט דער פאָרזיצער פון מ. ר. נ.:

